STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04606

VARSHE SHEL MATAH

Benyamin Davidson

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Sarita Gocial
in memory of
her father, Yossl B. Russ, a true Yiddishist

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בנימין ראָוויידזאָן

וואַרשע של מטה

צייכענונג פון שער — **יאָסל בערגנער**

בנימין דאוידזון

ווארשע של מטה

BENYAMIN DAVIDSON

WARSHE SHEL MATAH

בנימין דאווידזאן

ווארשע של מטה

כל הזכויות שמורות למחבר
בנימין דוידזון, ר' עקיבא 70 בני ברק

Copyright by B. Davidson
70, R. Akibah st. Bene-Beraq.

נדפס בישראל תשל"א

Printed in Israel, 1971

דפוס ינקלביץ ראשון-לציון

פאר מיין פרוי **יוטה**
און די טעכטער **זהבה**
און **לאה** מיט ליבשאפט

דאס בוך ווערט ארויסגעגעבן מיט דער
באטייליקונג פון ארגון יוצאי ורשה בישראל

הרב יצחק ידידיה פרנקל חבר הרבנות הראשית לתל־אביב־יפו, רב השכונות
Rabbi I. YEDIDIA FRENKEL MEMBER OF THE CHIEF RABBINATE OF TEL-AVIV – JAFFA

תל־אביב, רח׳ אברבנאל 35 פנת עמק יזרעאל 2
טלפון 824006

TEL-AVIV, 35, ABARBANEL ST. corner Emek Izreel 2
PHONE 824006

ב״ה, יום ה׳ כסלו תשל״ו The

חשובער פריינד [illegible] [illegible].

אייער „[illegible] – של – [illegible]" האט מיר [illegible] [illegible]
[illegible] טייערער, [illegible] ווי [illegible] איר
[illegible] – [illegible] – [illegible] [illegible] פון
[illegible] [illegible] [illegible] – [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] – [illegible] – – [illegible] [illegible] [illegible]
אויף [illegible]! – [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible]! ווייל איר האט
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible]. – [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]!
[illegible] [illegible] [illegible]!
[illegible] [illegible] [illegible] – [illegible], [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible].

הרב [illegible]

ארגון יוצאי ורשה בישראל
תל־אביב, רח׳ דיזנגוף 158

דאס בוך פון בנימין דאווידזאן „ווארשע של מטה" שילדערט די תקופה פון ווארשעווער יידנטום צווישן ביידע וועלט־מלחמות.

ווער עס האט געלעבט אין אמאליקן ווארשע „עיר ואם בישראל", די צענדליקער טויזנטער יידן פון פאר־מלחמהדיקן ווארשע, ווער עס האט געאטעמט מיט גייסט פון יידישן לעבן מיט זיינע ליכט און שאטן זייטן, — די וועלן אויפנעמען מיט באגייסטערונג דאס בוך פון בנימין דאווידזאן.

אין פשוטע, הארציקע ווערטער, שילדערט דער מחבר דאס טאג־טעגלעכע לעבן פון דער גרויסער יידישער שטאט. פאר אונדזערע אויגן שוועבן פארביי פארשידענע יידישע געשטאלטן, — יידן פון „א גאנץ יאר" — זייער הוי.

עס איז א נחת־רוח איבערצולעבן די דאזיקע וווּנדער־לעכע עפאכע, וואס איז אוועק אויף אייביק.

מיר רעקאמענדירן די יוצאי ורשה בכל אתר ואתר צו לייענען דאס בוך.

אינזשיניער יצחק אילון (לאַנדשטאַק)
פארזיצער פון ארגון יוצאי ורשה בישראל

תל־אביב 1971

א ווארט וועגן מחבר

די יידישע ליטעראטור איז פאר די לעצטע עטלעכע צענדליק יאר רייכער געווארן מיט א נייעם זשאַנר וואס רופט זיך „חורבן ליטעראטור", פערזענלעכע איבערלעבונגען, שנעל פארצייכנטע סקיצן. כמעט קיין איין מחבר האט נישט אויסגעמיטן ארויסצוהייבן אין אזא אדער אנדער פארם דעם גרויסן קאטאקליזם.

בנימין דאווידזאָן איז נישט קיין פראפעסיאנעלער שרייבער. און דאס דאזיקע בוך „ווארשע של מטה" איז זיין ערשט ווערק. א יינגל פון 14 — 15 יאר, האט ער פארגעדענקט, פארצייכנט אין זכרון איבערלעבונגען פון זיין זייער אייגנארטיקער סביבה, פון פשוטע יידן, עמך, פון דער גרויסער פארשניטענער יידישער קהילה אין ווארשע. דער מחבר באציט זיך צו זיינע אמתע, נישט אויסגע־טראכטע העלדן אין אלע זיינע דערציילונגען מיט גרויס ווארעמקייט און ליבשאפט.

דער קומענדיקער היסטאריקער און פילאלאג וועט געפינען א שלל מיט יידישער שפרודלדיקער לעבנס־חכמה, גלייכווערטלעך, א זייער אריגינעלע אידיאָמאטיק, וואס מיר טרעפן נישט אפילו ביי זייער אנגענומענע שרייבער.

דאס בוך „ווארשע של מטה" וועט זיכער ארויסרופן א גרויסן אינטערעס ביי די אלע וועלכע געדענקען די סאמע שפרודלדיקע, פולסירנדיקע יידישע קהילה אין מזרח־אייראפע צווישן ביידע וועלט־מלחמות, געזען מיט די אויגן פון א ווארשעווער יינגל און פארצייכנט מיטן גאנצן אויפריכטיקן נישט געפעלטשן אמת.

מ. וו.

פארוואָרט

ווען איך נעם די פעדער צו שרייבן וועגן וואַרשע, ציטערט מיר מיין האַנט. די שטיינער, די מויערן, דער טראָטואַר, דער הימל, די ערד, די לופט ביזן אין סוף, איז געווען אָנגעזאַפּט מיט יידישע טרערן, געוויין, צרות, פּיין און נויט, מיט יידישער פרייד, געזאַנג, שאַפונג און האָפענונג. די תפילות, דער ניגון פון לימוד הגמרא, דאָס קול פון תינוקות של בית־רבן, דאָס געזאַנג פון שמחת־תורה און פון אַ גאַנץ יאָר; דער שמייכל פון אַ מאַמע צו איר קינד. עס שטייען מיר פאַר די אויגן די טויזנטער מאַמעס און באַבעס, וועלכע שפּאַצירן מיט די קינדער — וועגעלעך אין די גערטנער און סקווערן אין די טעג ווען די זון האָט אַביסל אויפגעשיינט, ווען עס זענען פאַרשוואונדן די כמאַרעס.

אַ קאַלטער שווייס באַדעקט מיך, ווען איך שרייב אין דאָס וואָרט „וואַרשע". הייסע טרערן געמישט מיט בלוט רינען מיר אַרויף אויפן פּנים און פאַרשטעלן מיר די ליכט.

וואַרשע של מעלה און וואַרשע של מטה, די שטאָט וווּ מאַסן יידן האָבן געלעבט און געשאַפן. זי האָט פאַרמאָגט תורה ועבודה וגמילות חסדים — די דריי זאַכן וואָס אויף זיי שטייט די וועלט.

וואַרשע, — די שטאָט פון קדושה און חולין, פון רוחניות און גשמיות; די שטאָט פון נגידים און אָרעמעלייט; פון פרומע יידן — חסידים, מתנגדים און פריידענקער; די שטאָט פון אָרגאַניזירטע מאַסן; פון פּועלי ציון רעכטע און לינקע, רעוויזיאָניסטן, גראָסמאַניסטן, בונדיסטן,

אגודיסטן, מזרחיסטן, פאלקיסטן און קאמוניסטן, — אזעלכע וועלכע האבן געטראגן דאס יידישע היטעלע אויף א זייט און אונטערן העמד א „ציצית כנפות״, כדי אין פאל פון אן „אַבלאַווע״[1] זאלן זיי באלד באפרייט ווערן... די ברייט פארצווייגטע ציוניסטישע טעטיקייט פון דער יוגנט: השומר הלאומי, השומר הדתי, השומר הצעיר, יונגבאַר און אנדערע.

ווארשע פון רביים און צדיקים: — דער ראדזינער, דער פאריסאווער, דער קאלעביעלער, דער אפאלער רב — אן אויסגעלייטערטע נשמה, וואס האט נישט געוווסט קיין צורת מטבע, דער זוואלינער רבי, ר׳ ירחמיאל׳לע, די צוויי סעראצקער רבי׳לעך דער פיאסעטשנער רבי, — ר׳ קלונמוס קלמיש שפירא, זכר צדיק לברכה — זיין שמימ׳דיק פנים, די קדושה וואס האט ממש ארויסגעשטראלט פון אים; דער „מזמור לדוד״ זיינער ביי שלוש סעודות — ווער ס׳איז דארט נישט געשטאנען אין צימער ווען ער האט ארויסגעזאגט „גם כי אלך בגיא צלמות לא אירע רע״ קאן זיך נישט פארשטעלן וואס הייסט קדושה. מען האט דאס געקאנט אנטאפן מיט די הענט, — די שכינה האט ממש גערוט אויף זיין פנים.

ווארשע פון יידישע פירער, קעמפער, כלל־טוער, — ווארשע פון נחום סאקאלאוו, פרץ, שלום אש, אפאטאשו, נאמבערג, רייזען, אורי צבי גרינבערג, הלל צייטלין, נח פרילוצקי, איטשעלע, באנטשע, יצחק גרינבוים, — דער גרויסער קעמפער אין סיים פאר יידן־רעכט, משה קליינבוים, זאב זשאבאטינסקי — זיינע ארטיקלען אין „מאמענט״ „די פינף ממי״ן; ווארשע פון יידישע פארלאגן: שטיבעל, לוין־אפשטיין, אחיאסף, און אנדערע, ווארשע פון איטשע

מאיר לעווין — זיינע ריזן־רעדעס אויף די קאָנפערענצן פון אגודת ישראל, ביי די פאַרזאַמלונגען אין פאַריזער זאַל אויף פטאַשע 3, פּיניע לעווין, דר׳ הלל זיידמאַן, זלמן רובאַשאָוו. וואַרשע מיט אירע יידישע צייטונגען: „הצפירה״, „דער איד״, „היינט״, „מאָמענט״, „אונדזער עקספּרעס״, „די פאָלקס־צייטונג״, „דער פריינד״, „דאָס יידישע טאָגבלאַט״, „לעצטע נייעס, „היינטיקע נייעס״; יידישע צייטונגען אין דער פּוילישער שפּראַך: „נאַש פּשעגלאָנד״, „פּיאָנטאַ ראַנאָ״.

וואַרשע פון חאַסקל שפּיגעלגלאַס און וואַוועטשע גוטגאָלד, זושע פרידמאַן, נתק׳ה שפּיגעלגלאַס; וואַרשעווער רבנים: ר׳ שלמה דוד כהנא, ר׳ מנחם זעמבאַ, ר׳ חיים יהושע גוטשעכטער, ר׳ יהודה לייב יודקאָווסקי, ר׳ אהרן נפתלי זאַבלאָדאָווער, דער בלאַשקער רב, דער פּלינסקער רב.

וואַרשע מיט אירע שולן, בתי־מדרשים, שטיבלעך, חברות ש״ס, תפארת־בחורים, מנינים אין לאָקאַלן, און אין פּריוואַטע הייזער.

וואַרשע מיט אירע זשאַזשאַר׳ס און כלל טוערס: לייבוש דאַווידזאָן, העשל פאַרבשטיין, אלי מאַזור, יעקב טראַקענהיים, יצחק שטיקגאָלד, משולם קאַמינער, יוסף פינקערט, דעפּוטאַט ווישליצקי — פּרעזעס פון יידישן סוחרים פאַריין, באַנקיר שערעשעווסקי; וואַרשע פון פּראָפעסאָר שאָר, מאיר באַלאַבאַן; וואַרשע מיט אירע צענדליקער און הונדערטער אינסטיטוציעס: לינת־הצדק, בקור־חולים, בית־לחם, תומכי־ענים, „בראַטניאַ פּאָמאָץ״[2], הכנסת־כלה, לוית המת, וואַרשע מיט איר נייעם „גוט ארט״ און אלט „גוט ארט״, — דאָס פּראַגער „גוט ארט״.

וואַרשע ווו עס זענען געווען טעטיק: טאַז, אזע,

ארט; ווארשע פון טשיסטא־שפיטאל מיט אירע גרויסע דאקטוירים: נאטאנזאן, סאלאווייטשיק, פופקא, דאווידזאן, פלאטאו, סימכאוויטש, מישורסקי.

ווארשע, ווו עס האבן געלעבט די חזנים: הערשמאן, קווארטין, בערעלע חגי, סיראטע, קוסעוויצקי.

ווארשע פון יאנוש קארטשאק מיט זיין יתומים־הויז; ווארשע מיט דער סינאגאגע, די נאזשיק־שול, די מוריה־שול, — מיט הרב ניסענבוים; ווארשע פון יום־טוב און פון א גאנץ יאר; ווארשע פון פסח און ערב פסח, פון „חמץ צו פארברענען" און פון אויפשטעלן סוכות פאר נוצגעלט.

ווארשע פון פארן אייזערנעם טויער און פון יאנעשינס הויף, פון די וויעלעפאלע און אולריכס הויף אויף גזשיבאוו; ווארשע מיט אירע פלייצע־טרעגערס אויף די פטאשע גאס, אויף די נאלעווקעס און גנאַינע גאס.

די שטאט, וואס אירע מענטשן זענען נישט געווען קליינלעך — דער סוחר דער קליינהענדלער, דער סתם־ייד, שטענדיק מיט אן אפענער האנט, — פאר א כלה, פאר א חתן, פאר א „פאדופאדניעטן" מענטש — דער טאש איז שטענדיק גרייט, ווען מען ווענדט זיך און צו וועמען מען ווענדט זיך, מאכט ער גלייך אויף דעם פארטפעל, ער פרעגט נישט קיין סך, פאר וועמען, פאר וואס, — באלד זאגט ער: — וויפל? — און נעמט ארויס א „מנה יפה".

ווארשע מיטן „זשאפקעוויצער" רבי׳ן — ר׳ אהרן פינקל און זיינע אינסטיטוציעס. ווארשע מיט אירע אסימילאטארן וואס האבן פיל געשפענדעט פאר יידישע צוועקן. הער גאברילאוויטש, וועלכער האט אוועקגעגעבן פאר דער יידישער גמינע א גאנצע קאלאניע, — זשעלאנקא נעבן ווארשע, ווו קינדער זאלן זיך ערהאלן און פארברענגען

ווארשע של מטה

אין די הייסע זומער־טעג.

ווארשע די שטאט פון א יידישע־היים, ווו עס האט קיינער נישט געזאָגט, „צר לי המקום" — ווער ס'איז געקומען, אן אורח, א משפחה, א נאענטע, א ווייטע, — האט מען געגעבן א בעט־אויס א געלעגער אויף א קאנאפקע, אויפן קיפערט אדער אויף דר'ערד און מען איז שוין געשלאפן.

א „יידישע היים" — טראַץ דער ארעמקייט וואס האט געהערשט ביי מאסן איינוווינער, איז דער שבת געווען א שבת און דער יום־טוב א יום־טוב: — די פאדלאגע איז אויסגעשיט מיט פריש זאמד אדער טראָטשינעס; די מעשענע לייכטער זענען געווארן אפגעריבן מיט זאמד, דאס טישטעך אויסגעמאנגלט, די קינדער האט מען אויסגעצוואגן די קעפלעך, דאס לאמפ־גלעזל איז געווארן אויסגעפוצט.

בשעת די מאמעשי האט געהאקט די פיש מיטן האק־מעסער, ווען זי האט צעשניטן די ציבעלעס, אדער ווען זי האט אריינגעטון אביסל פעפער, — האט זי געזאגט „לכבוד שבת".

ווען דער טאטעשי האט פרייטיק־צונאכטס געמאכט קדוש— איז אוועק דער טרויער פון דער גאנצער וואך, אלץ פילט זיך מלכותדיק, — „באה שבת באה מנוחה" — דאס האבן אפילו די ווענט געוווסט.

דאס אלץ איז געווען און איז מער נישטא. מיר קאנען נאר זאגן א „דרבנן קדיש".

ווען איך קום שרייבן וועגן ווארשע, מיין שטאט, „עירי מכורתי", — נעמט מיך אדורך א ציטער: צי מעג איך דאס טאן, צי קאן איך זיך דערלויבן? איך קאן דאך נאר געדענקען א טראפן פון ים און דאס אויך נישט.

בנימין דאַווידזאָן

איך קום דא דערציילן און פאַרשטעלן עטלעכע פאלקלאריסטישע בילדלעך פונעם פילפארביקן לעבן פון ווארשעווער יידנטום.

אלס אייניקל און אור־אייניקל פונעם גרויסן ווארשעווער רב ר׳ חיים דאווידזאן ז״ל, וואס איז אין עלטער פון איבער די אכציק יאר געוויילט געווארן דורך די „שבעה טובי העיר״ — צווישן זיי איז אויך געווען דער „בעל חידושי הרי״ם״ ר׳ יצחק מאיר אלתר, — אלס ווארשעווער רב און מנהיג פון דער קהילה, — האב איך אויף זיך א פליכט און א חובה קדושה צו שפענדן פון מיינע באשיידענע כוחות צום אנדענק פון יידיש ווארשע.

זאל דאס בוך אויך זיין לזכר מיין אומפארגעסענעם פעטער, דעם תלמיד־חכם און גרויסן ירא־שמים ר׳ ישראל מאיר לינדזאן, וואס האט חתונה געהאט מיט דער טאכטער פון בעלזשיצן שוחט און איז אומגעקומען ווען ער איז געגאנגען קובר זיין זיין פאטער — מיין זיידע ר׳ הערשל, איש תם וישר; אויך פאר מיין פעטערס פרוי בתיה און קינד הי״ד.

בכוונה האב איך אין מיין בוך זיך נישט צוגערירט צו דער טראגישסטער תקופה אין דער געשיכטע פון אונדזער פאלק.

איך שרייב וועגן ווארשע ווי וועגן א לעבעדיקן ארגאניזם וואס איז אייביק. ווייל שווער איז צו גלויבן, אז דאס אלץ איז שוין מער נישטא.

בס״ד ח׳ באדר תשל״א

---

1) פאליציי — איבערפאַל

די פאפיראָסן — בודקעס

הונדערטער און אפשר גאר טויזנטער בודקעס פון פאפיראסן זענען צעשפרייט איבער אלע גאסן.

די האלצערנע בודקעס מאכן א גוטן איינדרוק. שטענדיק זענען זיי פריש געפארבט מיט „אלעינע" — אזוי פארלאנגט דאס האנדלס־מיניסטעריום. די פאפיראסן־בודקעס גיבן צו צו דער שטאט א באזונדערן כאראקטער, אז מען קאן זיך בכלל נישט פארשטעלן ווארשע אן די בודקעס. די בודקע איז גרויס — א מעטער אויף א מעטער. מער ווי איין מענטש קאן דארט נישט זיצן. א קאָנצעסיע צו פארקויפן פאפיראסן באקומט נאר אן אינוואליד פון דער וועלט־מלחמה און אויך פון רוסיש־יאפאנישן קריג אין יאר 1904.

עס איז א גרויסער אונטערשיד ווו די בודקע שטייט. יעדע בודקע און איר מזל, — שטייט זי אויף לעשנאָ קעגנאיבער די סאָלנע — איז דער בודקאזש פארזיכערט מיט פרנסה; שטייט די בודקע אויף א שטילער גאס, ווי די אָקאָפאווע, אויף אזא טויטער גאס, וואס צופעליק זענען אויף איר פאראן צוויי בתי־קברות — דער גענשער בית החיים —און, להבדיל, דער קריסטלעכער צמענטאזש, — איז די הכנסה פון די פאפיראָסן־בודקע אויך א טויטע.

די בודקע מוז זיין אָפן ביז שפעט ביינאכט, נישט ווי אנדערע געשעפטן וואס ווערן געשלאסן זיבן אוונט. ווייל א פאפיראס, איז ווי באוווסט, ביי אן אמתן רויכערער, וויכטיקער אפילו ווי ברויט. גייט איינער אהיים שפעט

ביינאכט פון א פארלעזונג אדער טעאטער־פארשטעלונג, טרעפט ער שטענדיק די בודקע אפן. ווען א שיכור האט אויסגעליידיקט דאס צווייטע פלעשל, — דארף ער פארציען א פאפיראס. מוז דעריבער די בודקע זיין גרייט פאר אים. טאמער טרעפט ער זי פארמאכט קאן ער זי נאך, חס וחלילה, איבערדרייען. דעריבער זענען די בודקעס שטענדיק אפן, אפילו זונטיק, ווען אלץ איז געשלאסן.

הער גורמאן האט געדינט ביי „פאַניען". ער האט געקעמפט ביים שווארצן ים. ער האט איינע פון די בעסטע בודקעס. זיין בודקע שטייט אויפן רוישנדיקן פלאץ אויף טווארדע 2. ער בלייבט כמעט אן הענט. ער פארקויפט נישט נאר גאנצע שאכטלען, נאר אויך איינצלנע פאפיראסן. ער קען שוין זיינע קונדן. ער ווייסט זייער גוט אז יעדע נאכט ארום 10 אזייגער, א האלבע שעה פארן פארמאכן די טויערן, קומט צו אים ארויס יוזשעק דער סטרוזש פון טווארדע 10 און קויפט ביי אים 3 „וואנדא"־פאפיראסן — דאס זענען די ביליקסטע פאפיראסן — זיי קאסטן 2 גראשן א שטיק.

אן אנדער קונה זיינער איז ר' משה־מרדכי קופערבערג. יעדן פארטאג ווען ער גייט אין בית המדרש אריין, קויפט ער ביי גורמאנען א שאכטל „גראנד", — דאס איז שוין א בעסערער פאפיראס. דעם פאפיראס רויכערן אויך בעסערע מענטשן — ווי סוחרים, באלעבאטים, און אויך אמאל אן ארעמאן וואס וויל אנגיין פאר א גביר. כאטש עס זענען פאראן טייערערע פאפיראסן פון „גראנד" — איז דער פאפיראס דער „בעסטער". זיין ריח פארשיכורט. משה־מרדכי האט זיך אזוי צוגעוווינט צו דעם פאפיראס, אז ווען עמיצער וויל אים מכבד זיין מיט אן „ערגא" אדער

מיט א „פלאסקיי", — שאקלט ער מיטן קאפ — ניין, ס'נישט פאר מאנעצוועגן.

אזוי קומען צו צו גורמאנ'ס בודקע א סך געשווירענע קונים און נאך מער סתם פארבייגייער.

דאקעגן, הער מיצמאכער, וואס זיין בודקע שטייט אויף דער ברייטער מילע, נישט ווייט פון די סמאָטשע, איז נישט אזוי שטארק פארנומען. פרנסה האט ער ב"ה ברווח. ער ציט פון די פאפיראסן גאנץ שיין זיין חיונה. שטענדיק אבער האט ער צייט. צו שמועסן, צו דיסקוטירן, למשל: וועגן פילסודסקי־אויפשטאנד, וועגן די אומרוען אין פאלעסטינע, וועגן דער שחיטה וואס די אראבער האבן געמאכט אין חברון; ער ברענט ווי א פייער! — מ'דארף פאָרן העלפן די יידן דארט, מ'דארף אהין שיקן אביסל יינגווארג, די בית"ריסטן, — זיי וועלן זיי אפלערנען „בלק"...

מיצמאכער האט אויף אלעם צייט — דארף מען העלפן אויפהייבען דאס קינדער־וועגעלע אויפן טראטואר — גיט ער א שפרינג ארויס פון דער בודקע אזוי ווי א יונגערמאנטשיק.

זיצנדיק אזוי אין זיין בודקע לייענט ער די בראשורן פון „גראשן ביבליאטעק" — „די צען ארויסגעגנבעטע פון פאוויאק", „די פאווסטאניע", „דער מארד אויף נאוואליפיע 23" און אנדערע וויכטיקע ווערק...

די בודקע אויף עלעקטאראלנע־גאס, ביים טויער פון דעם שפיטאל „שוויענטעגא דוכא", געהערט צו אנטעק פיעראצקי. זיינע קליענטן זענען דאקטוירים, קראנקן־שוועסטער וואס ארבעטן אין שפיטאל. אויך קראנקע און די וואס קומען זיי באזוכן. יעדן קונד וואס גייט אריין

בנימין דאַווידזאָן

אין שפיטאל אריין, טוט ער אָנווינטשן און צלמ'ט זיך דערביי.

הער פיעראצקי אדער ווי אלע רופן אים פאניע אנטעק, איז אזא גוי, וואס איז שטענדיק צופרידן. ער איז איינער אליין. ווינען ווינט ער אויפן הויף פון שפיטאל, — צוזאמען מיטן סטרוזש. ער האט דארט א זייטיק צימערל. ספעציעל האט ער ליב זיך צו שפילן מיט קינדער. ער קויפט זיי זאבאווקעס.[1] „פאַניע אַנטעק" איז זייער באפריינדעט מיט דער הויפט־שוועסטער פון „אויגן אָדזשאל" מאריא סטאַשעווסקאַ. זי איז אן עלטערע פרוי פון א יאר 60, אן אלמנה. ווען זי האט נאר א ביסל צייט האט זי ליב איינצוטענה'ען מיט אלטן. זי רופט אים „דזיאַדעק".

וואס איז ווארשע אָן די בודקעס, געמאַלעוועט מיט „אָלעינע" לויט דער שטרענגער פאראָרדענונג פון האנדלס־מיניסטעריום־? די בודקעס אין וועלכע איר קאנט קויפן סיי א גאנץ שאכטל פאפיראסן סיי א פאר שטיק פאר א פאר גראָשן.

---

1) שפילצייג

דער קאָמיסאַר

אונדזער קאמיסאר איז א מענטש אין די מיטעלע יארן. די בלאנדע, גלאטע האר שטארן אים ארויס פון הינטער זיין אפיצערסקע היטל מיטן גלאנצעדיקן דאשעק וואס איז איבערגעצויגן מיט א ווייס זיידן בענדל. דער בינאָקל וואס הענגט אים אויף דער נאז גיט אים צו אן ערנסטן אויסזען. עס פאסט ליבערשט ער זאל זיין א פראפעסאר אין אוניווערסיטעט און נישט א קאמענדאנט, א קאמיסאר פון א צערקל.

דער קאמיסאר צוזאמען מיט א פאליציאנט באגלייטן שטענדיק דעם ראיאן־דאָקטאָר ה׳ סאָקאָלסקי, בעת ער באזוכט די שפייז־געוועלבער אדער די בעקערייען. זיי האבן א סיסטעם אין זייער ארבעט — זיי פאלן אריין פלוצעם, אומגעריכט, אלס סאניטארע קאמיסיע. זיי מאכן א קאנטראל ביי שידלאווסקין אין בעקעריי, נאכהער גיבן זיי א שפרונג אריין אין א צווייט און דריט געסל, זיי גיבן א פאל אריין אין א זייטיק שפייז־געוועלבל אדער אין א קאוויארניע.[1] און זאלן מיר גארנישט מקנא זיין די סקלעפאָוועס,[2] ווען דאס פארטעך איז ביי איר נישט אזוי זויבער, ווען עס הענגט א שמוציקער האנטעך אדער ווען דער זלעוו איז נישט ווי עס באדארף צו זיין. די געוואלדן זענען אזוי הויך, אז עס קומען זיך צעגויף מענטשן פון דער גאס. טראץ זיין איידעלן אויסזען, ווען ער צעיוכעט זיך, קומט אים דאס גאנצע בלוט אין פנים אריין אזוי ווי ביי עשו׳ן.

דער ראַיאָנאַוער דאָקטאָר ה׳ סאָקאָלסקי איז זיך אַזוי נוהג: ווען ער קאָנטראָלירט אַ בעקעריי טאַפּט ער יעדע כלי מיט דער האַנט. צוערשט נעמט ער דעם וואַלגערהאָלץ, נאָכהער כאַפּט ער אַ בליק הינטערן טיש, צי איז חלילה נישט פאַרבליבן אַ שטיקל צוגעקלעפּטער טייג. נאָכהער גייט ער צו צו די פעסלעך מיט מעל. ער מיידט אויך נישט אויס דעם קלאָזעט וואָס דאַרף זיין געריייניקט מיט קאַלעך און געשפּריצט מיט קאַרבאָל. טיילמאָל באַטראַכט ער אויך די לונגען פון די געזעלן וואָס אַרבעטן אין דער בעקעריי. טראָץ דעם וואָס יעדעס האַלבע יאָר ווערן זיי אונטערזוכט פונעם דאָקטאָר. ער באַקוקט זייערע נעגל וואָס מוזן זיין אָפּגעשניטן. פאַר סאָקאָלסקי האָבן אַלע בעקערס מורא — אימת המלכות. צו די אַלע צרות קומט ער דאָך נאָך אומגעריכט אַזוי ווי דער מלאך המות. און ביטער איז ווען ער טרעפט אַ בעקעריי נישט אין אָרדענונג, „אחת דתו להמית״ — די בעקעריי ווערט פאַרמאַכט אויף דריי חדשים „אַדמיניסטראַטיוו״.

ה׳ צימערמאַן האָט אַ בעקעריי אויף די פּאַוויע־גאַס, נישט ווייט פון פּאַוויאַק.[3] די בעקעריי געפינט זיך אין אַ קעלערל. דער צוגאַנג איז נישט אַזוי אַי אַי אַי... דערצו האָט ער נאָך אַ שלעכטן נאָמען אויך. ער איז אַ מענטש מיט אַ פּראָסטן כאַראַקטער. די ווייבער דערציילן, אַז ווען אַ יידענע איז געקומען מיט אַ טשאָלנט פּרייטיק פאַרנאַכט 10 מינוט פאַר ליכט צינדען, האָט ער זי בחרפּתנו צוריק אַהיימגעשיקט מיטן טשאָלנט. — אַהיים! — האָט ער געשריגן, — אַזוי שפּעט צו קומען מיט אַ טשאָלנט?! עס האָט נישט געהאָלפן דער יידענעס וויינען, אַז זי איז נישט לאַנג צוריקגעקומען פון קראַם און די קינדער ווען

נישט האבן שבת צו עסן אביסל ווארעמס. א מענטש מיט א שטיינערנעם הארץ!...

בשעת דאקטאר סאקאלסקי האט געמאכט זיין פלוצלינגדיקע קאנטראלע ביי צימערמאנען אין בעקעריי, איז אים עפעס נישט געפאַלן געווארן; די שטיגן זענען נישט געווען אויסגעקערט. אויך דער קלאזעט אין הויף איז נישט געווען ווי אמבעסטן. ער האט זיך צעשריגן, — דער קאמיסאר האט אים צוגעהאלפן. דער קאמיסאר האט געגעבן א באפעל: — פאניע צימערמאן, ארויס אין דרויסן! דער פאליציאנט האט געגעבן א לייג ארויף אויפן שלאס א זיגל פון הייסן וואקס, פארחתמעט די בעקעריי און אויפגעהאנגען א צעטל: „פארמאכט דורכן קרייז־דאקטאר אויף 3 חדשים". צימערמאן האט זיך געבעטן: — „כ'וויל ארויסנעמען די וועקסלען וואס כ'דארף מארגן צאלן, מען וועט דאך מיך איינזעצן". דאקטאר סאקאלסקי האט אים אוועקגעטריבן מיט כעס.

ווען די ווייבער פון דעם ראיאן האבן זיך דערוווסט פון דער מעשה האבן זיי געזאגט: —

— א מצווה אויף אים, זאל ער פילן א טעם פון א רשע.
די יידענע וואס ער האט אהיימגעשיקט מיטן טשאָלנט האט צוגעגעבן:

— א שיינע ריינע כפרה! אזא גראבער יונג!

ביי אונדז אין גאס האט מען געשמועסט, מען האט זיך געסודע'ט; מען קאן נישט וויסן צי עס איז אמת, אבער דאכט זיך, אז אונדזער קאמיסאר איז א משומד.
ווי זאגן מענטשן: „א מען קלינגט איז חגא".

די ערשטע עטלעכע יאר ווען ער איז געווארן קאמיסאר פון 12־טן צערקל, האט ער זיך אויפגעפירט אנשטענדיק.

נאָך עטלעכע יאר האט ער אנגהויבן „ארומצופאנעווען", — ס'קאן נישט זיין, נאר ער איז א געשמד'טער. א גוי וועט זיך אזוי נישט ווארפן...

יעדעס מאל, ווען ער פלעגט קומען אין „לעש־באזאר" — אריין, איז ווען ער זאל נישט האבן געטראפן, האט ער צו אים אויסגעלאזט זיין גאנצן צארן. ווען עס וואלט אים מקויים געווארן נאר די העלפט וואס די קרעמער פון באזאר האבן אים געווונטשן, דיינו.

האט ער געטראפן ביי געגענדלס אויבסט־געוועלבל ארויסגעשטעלט אין דרויסן א קעסטל מיט מאלינעס אדער יאגדעס, — האט ער עס א קאפע געגעבן און די יאגדעס זענען צעשיט און צעוועיעט געווארן אויף „שבעה ימים".

אומגעריכט, איז ער איינמאל אריינגעפאלן צו פערעלע אין שפייז־געוועלב. פערעלע איז געווען זייער א ריינע. ביי איר אין געוועלב האט אלץ געשמעקט. דאס ברויט ליגט שטענדיק אין דער שאפקע, פארמאכט מיט א שאטקע־טירל, דאס מעסער פון קעז בלאנקט, די פאַווידלע איז צוגעדעקט, פונעם סופיט הענגט אראפ „פליגן־פאפיר". צוליב דער זויבערקייט פון פערעלעס געוועלב האט זי א גרויסע קליענטור.

בעת'ן לעצטן באזוך פונעם קאמיסאר האט פערעלע ביי אים קיין מזל נישט געהאט. אזוי ווי ר'איז נאר אריינגעקומען האט ער אנגעהויבן מאכן יללות! וואס האט ער דארט דערזען? ער האט געטראפן א קונה אונטערן בופעט. דאס איז דער גאנצער חטא. ער האָט געגעבן א באפעל דעם פאליציאנט ער זאל מיטנעמען פערעלען אין קאמיסאריאט אריין.

—ניין, איך וועל נישט גיין, איך וועל נישט פארמאכן דאס געוועלב אין מיטן העלן טאג!

עס איז אונטערגעקומען פערעלעס איידעם, האט זי אים מיטגעשיקט אין צערקל אריין. אין צערקל, האט דער קאמיסאר אריינגערופן פערעלעס איידעם צו זיך אין קאנצעלאריע, ער האט זיך פאר אים אויסגערעדט זיין הארץ:

— איר דארפט זיכער זיין, אז איך בין א ייד, אזוי ווי איר אלע. נאר דאס וואס איך שריי און ווארף זיך, איז נאר אן אנשטעל. כלפי חוץ, כדי די העכערע מאכט, מיינע קאמענדאנטן זאלן נישט ווארפן אויף מיר קיין חשד, — איר קאנט זיין רואיק, איך האב נאך קיינמאל דאס מינדסטע שלעכטס קיין ייד נישט געטאן. האט מיר גוטס און גייט געזונטערהייט...

ווען פערעלעס איידעם איז צוריקגעקומען פון צערקל, איז זיך די ידיעה צעלאפן בליץ־שנעל איבער דער גאנצער געגנט, וואס געהערט צום 12־טן צערקל און דאס ביסל יידן אויף סמאטשע, נאוואליפיע, לעשנע, סאלנע, און פון די אנדערע גאסן האבן ערשט אויף אן אמת גוט אפגעדעכעט...

1) קאפע־הויז

2) פארקויפערין

3) א בארימטע תפיסה אין ווארשע

גנבים — פאסערס

איז דען פאראן א שטאט אן גנבים? גניבה איז אויך א יידיש פאך... די גמרא זאגט אז „רוב גנבי ישראל נינהו" — דאס מיינט, אז ווען אויף איין ארט געפינען זיך הונדערט גנבים — זענען 51 פון זיי — אחינו בני ישראל.

ווארשע איז באקאנט מיט אירע גנבים. זיי ארבעטן פאכמעניש, קינסטלעריש. אזוי ווי עס זענען פאראן מאלער־קינסטלער, מוזיקער־קינסטלער, אקטיארן־ קינסטלער, — אזוי זענען דא אין ווארשע גנבים־קינסטלער. דאס הייסט אבער נישט, אז אלע זענען קינסטלער... סע טרעפט זיך אמאל, אז מען פאקט א יידישן לקחן אויף א בוידעם ווי ער פאקט אריין אין א זעקל אביסל וועש, — ער איז שוין גראָד נישט קיין קינסטלער...

ווארשווער גנבים „ארבעטן" אויף „אלע פראָנטן": ביי די באן־וואָקזאלן, אין די באנען, און אויף דער „קאָלעיקע", ווי קעשענע־גנבים, ביי די גרויסע הורט־סקלאדעס און סתם אזוי צווישן א גרויסן עולם וואס שטופט זיך... ווארשעווער גנבים זענען „ארנטלעכע", „אנשטענדיקע", מענטשן — זיי האבן יידישע הערצער.

רבקה אנשל׳ס ווייב, קומט אפט קיין ווארשע פון יוזעפאוו ביי דער ווייסל. טייל מאל קומט זי צוזאמען מיט אנשלען און א סך מאל אליין. אונדזער רבקה איז א פרוי פון א יאר, לאמיר זאגן, ... — בעסער נישט, ...נו שוין, זאל שוין זיין 38. זי האט א דיקלעך אויסגעטאָטשעט פנים, און שיך טראגט זי הויכע, געשנאָרוולטע, — זי

טראָגט אויף זיך אַ שיינע טערקישע פּאַטשיילע. קיין וואַרשע ברענגט זי מיט זיך מיט אַ זאַק פּעדערן אָדער פּוך, וואָס זי האַנדלט איין ביי די פּויערטעס אין דאָרף. זי שלאָגט זיך אויס די הוצאות און פאַרדינט נאָך דערביי אַ שיינע פּאָר גילדן... רבֿקה קומט איינקויפן אַביסל סחורה, אַביסל צעלניק, פאַר פּרנסה־וועגן.

אין וואַרשע האַלט זי זיך אויף ביי איר'ס אַ משפּחה, דעם טאַטנס קוזינקע וואָס מען רופט זי די מומע לאה. ביי דער מומע לאה איז אָן אָפענע טיר, — ווער ס'קומט דאָרט אַריין, — עסט און טרינקט און שלאָפט, — אויף אַ שלאַפבאַנק, אויפן קופערט און וווּ עס לאָזט זיך, שטענדיק שטייט אויפן אויוון דער גרויסער אייזערנער טאָפּ מיט רייז. די מומע לאה קאָכט אַ שטשאַוו — באַרשט, וואָס צעגייט אין אַלע אבֿרים.

צו דער מומע לאה האָט זי צוטרוי... זי רעדט פאַר איר אויס דאָס האַרץ, — אַז אַנשל העלפט איר נישט גענוג אין דער פּרנסה, ער „הרגעט" זיך אַרום אין בית מדרש מיט מענדל פּרנס.

— די מומע ווייסט דאָך וועגן שאַיע שוחט. ער שרייט, ער וועט דאָ מער נישט זיין קיין שוחט.

אַנשל וויל אַהערברענגען דעם פּילאַווער שוחט. די גרעסטע טייל באַלעבאַטים האַלטן פאַר שאַיע שוחט — אַנשל שרייט, אַז ער איז אַ געמיינער יונג. ער שווערט זיך ביי באָרד און פּאות, אַז ער האָט אַליין געזען ווי ער איז אַראָפּ פון בעט שחט'ן אַן עוף און זיך נישט אָנגעגאָסן די נעגל. דער פּילאַווער שוחט איז דאָך אָן יונגערמאַן אַ ירא־שמים אַ „מי יודע" — טענה'ט ער. זאָלסט מיך נישט מקנא זיין, מימעשי, — וויינט רבֿקה פאַר דער מומע

לאה מיט ביטערע טרערן, — דאס גאנצע שטעטל האט פיינט אנשלען... נאך וואס דארף איך דאס? וואלט ער זיך אביסל מער געזארגט פאר די קינדער, פאר מיר... כ'לייד ס'גהינם, כ'פארוינטש מיר דעם טויט!...

אזוי רעדט זיך רבקה אראפ פון הארץ און דערציילט איר נאך, אז דער פעטער עליע, וואס האט זיינע אייגענע פיר קי, האט איר נישט געוואלט בארגן עטלעכע הונדערט זלאטעס איידער ז'איז געגאנגען פארן קיין ווארשע.

— צו זיין אזוי טריפה, אן אייגענער פעטער!...

רבקה זיצט אין ווארשע צוויי־דריי טעג ביז זי קויפט זיך איין אויף די גענשע און אויף די פראנציסקאנער ס'ביסל סחורה — זי קויפט איין זאכן, שקארפעטן, באַרכענע גאטקעס, מייטקעס, האַלקעס, שעלקעס, טאַשמע, פאָדעם, גאַרן און נאך אזוינע זאכן.

ווען רבקה האט שוין געהאט איינגעקויפט די סחורה, האט זי ארויסגענומען די צוויי פעקלעך — איינעם א גרויסן פאק, דאס צווייטע א קלענער פעקל, און אוועקגעשטעלט זייביים פעטער וואדיע־משה'ס קראם פון פאיאנס, וואס געפינט זיך קעגנאיבער דער מומע לאה'ס הויז אין „לעשנע־באזאר".

רבקה טראכט זיך: — געלויבט צו גאט, אז כ'האלט שוין אזוי ווייט, כ'קאן שוין, גאט צו דאנקען, אהיימפארן צו די קינדער.

און רבקה כאפט זיך ארויס דינגען א דראָשקע וואס זאל איר אפפירן צום סטאטעק.[1] לויפט פארביי א יונגערמאן, ווארפט אראפ א האלבע זלאטע און די מטבע צעקלינגט זיך אין מיטן גאס. דער יונגערמאן שרייט:

— די האלבע זלאטע איז מיינע!

— ניין, זי איז מיינע! איר זעט דאך אליין, גיט א קוק, ווי כ'האב יעצט גענעפנט דאס פּאטשיילעכל!...

—מימעשי, — בייזערט זיך דער קאוואלער, — ס'איז נאר א האלבע זלאטע. איבער א האלבע זלאטע לוינט זיך נישט צו שווערן, אבער כ'קאן זיך שווערן, אז די האלבע זלאטע איז מיר ארויסגעפאלן פון פּארטפעל. זי זעען, געבן זי א קוק, דער פּארטפעל איז נאך אפן, כ'האב נאך נישט געזדאַנזשעט צו פארמאכן די זאטשאַסקע...

מניה־וביה ווי זיי האבן אזוי זיך געשפּאַרט און זיך געאַמפּערט צו ווערמען געהערט די האלבע זלאטע, איז אונטערגעלאפן א צווייטער „ווילער יאט" און האט צוגעלקחנט דאס גרויסע פּעקל סחורה. רבקה גיט זיך א דריי אויס.

— ווי איז מיע, אסתר, געוואלד! מאַט מעד באגנבעט! און פאלט אוועק חלשות.

ווי חנה'לע, וואדיע־משה'ס ווייב האט דערהערט די געשרייען, איז זי באלד ארויסגעלאפן צו די שטעל און זי האט געטראפן רבקהן ליגן אויף דער ערד אויסגעצויגן. מען האט זי באלד אנגעהויבן מינטערן, מיט א גאנצן קיבעל וואסער. מ'האט זי אפגעראטעוועט. זי איז אויפגעשטאנען פון חלשות.

— חנה'לע, חנה'לע, וואס על עד טיע, געץ מע א נייצע, אוי ווי מיע!... האלט רבקה אין איין שרייען.

באלד קומט ארויס אסתר מימע לאה'ס און טרייסט רבקהן:

— רבקה, וויין נישט, האב בטחון, גאט וועט העלפן, מ'וועט צוריקקריגן די גנבה. מען דארף טראכטן, מען דארף אריינקלערן, אפשר זאל מען צוגיין צום קאַלעביעלער

רבי'ן? ער איז דאך א צדיק! א גרויסער גוטער ייד! ער וועט זיכער העלפן...

צומארגנס האבן זיך אויפגעהויבן די מומע לאה מיט איר טאכטער אסתר, חנהלע וואדיע־משה'ס און זענען אוועק צום קאלעביעלער רבי'ן. דער רבי האט זיי אנגעווינטשן, אז די גנבה וועט געפינען ווערן...

ווען זיי זענען צוריקגעקומען פון רבי'ן, רופט זיך אן וואדיע־משה:

— עך ווייסט וואס מ'דארף טיען? מ'דארף אויפזוכן די פאסערס און גיין צו זיי... **איך**, וועל שוין געוויער ווערן ווו זיי זיצן.

ער גייט אריין צו בערל דעם פריזיער און דערציילט אים די גאנצע מעשה.

— זיי רואיק, — זאגט בערל צו וואדיע־משה, — זיי האבן דאך יידישע הערצער. גיי און זיי מצליח.

אסתרל, די מומע לאה'ס נעמט אויף זיך דורכצופירן די זאך. זי איז א יונג ווייבל, גייט מאדערן געקליידט, טראגט א שיינעם קאסטיום און אויפן קאפ א שיין פאָלקע־שייטעלע. ווי מ'האט איר געשילדערט, זיצן זיי, די פאסערס, אין אסטראווסקע געסל, ערגעץ־צו דער סמאָטשע, נאענט צו די סטאווקי־גאס.

אסתרל גייט נישט אליין. זי נעמט מיט זיך מיט איר עלטסט ייגגל, חיימ'ל, פון א יאר דרייצן. ווייל ער זאגט, אז ער ווייסט, ווו די פאסערס געפינען זיך. ווען ער פלעגט אהיימגיין פונעם חדר, אויף די ברייטע מילע, פלעגן די יינגלעך אנווייזן אויפן קליינעם הייזל אויף אסטראווסקע נומער זיבן — דארט האלטן זיך אויף די פאסערס!

ווען אסתרל'ס חיימ'ל איז אהיימגעקומען נאכמיטאג

פונעם חדר האט זיך אסתרל מיט אים ארויסגעלאזט אין דער ריכטונג פון דער סמאטשע גאס. ער איז איר וועגווייזער.

אסטראווסקע געסל. אין געסל איז שטיל, נישט אזוי ווי אויף דער סמאטשע־גאס, וואס איז פול מיט רעש און טומל. אין אסטראווסקע געסל הערשט א טויטע שטילקייט. דאס גאנצע געסל באשטייט פון א צען־צוועלף איינשטאקיקע הייזער, וואס מען קען זיי אנרופן גיכער בודעס, כאטעס, אדער באראקן.

אסתרל וואגט נישט ארייננצוגיין. זי קוקט אריין — אן אימה. מען זעט נישט קיין לעבעדיקן מענטש.

— מאמעשי, — זאגט חיימל, קים אַראן אַניש קיין מורא...

פון דער ווייטנס הערט זיך ווי איינער רופט אויס:

— שיבי! שיבי![2] איז טאקע געווארן אביסל לייכטער אויף דער נשמה. — זענען דאך יא פאראן מענטשן אויף דער גאס...

אסתרל מיט חיימ'ל קריכן אריין אין געסל. נעבן איין באראק שטייט א יונגערמאן... ער גיט א פרעג, אזוי בגנבה, שטילערהייט:

— ווּעמען זיכן זי?... קימען זי אַראַן מיט מיאָ.

ער עפנט אויף די פורטקע. אויפן הויף שטייען עטלעכע פעסער מיט אוגערקעס, א פאס מיט זויער קרויט, אזוי אז דער „ריח" שלאגט דיר באלד אין נאז, חלשות.

חיימל בלייבט אינדרויסן. אסתרל גייט אריין אין קארידאר, מען שטעלט פאר איר אוועק א טאבורעטקע.

— זעצן זי זאָך גיטינגס, וואס דינען זי?

— מיט א בעסטן דאנק...

באלד קומט ארויס פון אנדערן צימער א מענטש פון א יאר עטלעכע פערציק א נידעריקער, א דיקלעכער,

ער שמייכלט:
— וועגן וואס האנדלט זאַך?
אסתרל שמייכלט אויך.
— כ׳וועל אייך זאגן, אונדזערס א משפחה פון די פראווינץ. זי קומט אלעמאל קיין ווארשע, אן ארעמע פרוי וואס לעבט אין דחקות, אין נויט, איידער זי איז געגאנגען אהיימפארן, איר פארשטייט, זי איז געשטאנען אין לעש־באזאר... איר ווייסט דאך... איידער ז׳האט זיך אויסגעדרייט, האט עס פאסירט...
—כ׳וועל אייך עפעס פרעגן. וואס איז דארט דא אין דעם פעקל?
— א ביסל סחורה, צעלניק, האלקעס, בארכענע גאטקעס, זאקן, שקארפעטן, שעלקעס און... ס׳באטרעפט איבער די פינף הונדערט זלאטעס...
— פינף הונדערט זלאטעס!... — צעלאכט זיך דער דיקלעכער פאסער. — נישקשה, א לאַטיש שטיקל ארבעט! זי זענען א חסידעסטע זע איך, טא זאגן זי מאָ, די ווארהייט,
— וויפל קאן זי באצאלן?...
— ווי קאן זי באצאלן?... א ארעמע פרוי... דער מאן אירער רייסט זיך ארום אין שטעטל, דער גאנצער עול פרנסה ליגט אויף איר, ז׳האט אין דער היים דריי קליינע קינדער, און היינט איז דאנערשטיק, זי דארף נאך היינט אהיימפארן מיטן לעצטן סטאטעק צען אזייגער ביינאכט...
— מימעשי, כ׳זע דאך אז זי זענען א ארנטלעכע פרוי, — דאס דארף קאסטן 150 זלאטעס פאַר אין, נאָר פאר אין!...
— אוי וויי, ווי קאן זי באצאלן... כ׳האב דאך אייך שוין געזאגט...
— 100 זלאטעס וועט זי באצאלן? — פרעגט ער שוין

מיט אביסל א בייז פנים.

— ווי פארמאגט זי 100 זלאטעס?

בשעת זייער געשפרעך שטעקט אריין דאס קעפל דורך דער טיר א ייִנגל פון א יאר זיבעצן.

— כ'האב דאך אין געזאגט, אז ס'דארף קאסטן געלט. מיר דארפן דאך אויך לעבן!...

—געט א קוק, כ'האב דאָך אייך געזאגט, איר ווייסט דאָך שוין, זי פארמאגט גארנישט, זי איז פארבליבן אן א גראשן... אפיליק פאר א דראשקע און פאר א בילעט אויפן סטאטעק האבן מיר איר געבארגט. פון וואנעט האט זי 100 זלאטעס?

— מימעשי, איך זע אז זי זענען א באלעבאטישע פרוי, אז זי זאגן, אז זי קען נישט באצאלן, גלייב איך אין. יונה, געב אראן ס'פעקל!

אסתרל כאפט דאס פעקל, לויפט ארויס אויף דער גאס, האלט איין א דראשקע, ———

— אויף נאוואליפיע 40, אויף נאוואליפיע 40!...

1) פאסאזשיר־שיפל אויף א טייך

2) שויבן צו פארריכטן

הייסע בייגל

א

„הייסע קאַכעדיקע, בייגל, דראַ פאר א צעינאַ!"
אזוי שטייט זי איינגעטוליעט און רופט אויס מיט א שוואך, דין קול... זי שטייט אזוי פארטאג ווען די ארבעטער לויפן, איילן זיך אין ווארשטאט אדער אין פאבריק אריין און אנדערע לויפן צום טראמוויי.

אזוי פארקויפט זי צוויי קוישלעך בייגל — פון פארטאג ביז 10 פארמיטאג, און דאס צווייטע קיישל, פון פארנאכט ביז שפעט אינדערנאכט, ביז א זייגער צוויי האלב־דריי, ווען עס הויבט שוין באלד אָן צו טאגן.

ווען מען קוקט אן די באשעפענישן וואס פארקויפן בייגל, זעען מיר גלייך זייער לאגע. ווער עס דארף שוין אנקומען צו האנדלען מיט בייגל, געפינט זיך שוין בשפל המדרגה. דאס מוז שוין זיין אזא מענטש, וואס האט נישט פון וואנען צו ציען זיין חיונה.

ווער זענען אונדזערע בייגל־הענדלער? אן אלמנה, אדער די וואס איר מאן איז אן אינוואליד, אדער איינע, וואס ליידט אויף די לונגען, אויף סוכאָטע, און קאן נישט גיין וואשן קיין גרעט. בקיצור, אזעלכע פרויען, וואס זענען אויף געהאקטע צרות. גיין אין די הייזער, — שעמט זי זיך, — אויף דעם קאן זי זיך נישט דערלויבן... בלייבט פאר אזא אומגליקלעכע פרוי נאר איין וועג: צו פארקויפן בייגל.

מינדל לייזעראוויטש איז א יונגע אַלמנה. איר מאן איז געזעסן צוויי יאר אין תפיסה אלס פאליטישער ארעסטאנט. נאך דעם ווי ער איז באפרייט געווארן, האט ער געקרענקט, ביז ער איז געשטארבן.

מינדל איז געבליבן מיט דריי קליינע קינדער. און כאטש זי איז אלט נישט מער ווי דריי און דרייסיק יאָר, זעט זי אויס ווי אן אלטע פרוי, — אויסגעדארט, שווארץ, חושך. זי לויפט מיטן קוישל הין און צוריק. איר ראיאן איז אויף די זשעלאזנע, פון דער אַגראַדאווע ביז נאָוואָליפיע.

— „הייסע בייגל! קאָכעדיקע בייגל! דראַ פאר א צעינאַ! קויפט'ס באַ מיאַ! כ'בין א מאמע פון דראַ קליינע קינדאַ! ...יידן האט'ס רחמנות!... דראַ פאר א צעינאַ! פרישע בייגל!...

דאס טיכל טראגט זי אריבערגעצויגן איבערן קאָפּ. אויף די פיס — א פאר באַמבאַשעס.[1] ביז זי דערלעבט צו פארקויפן דאס קוישל בייגל, קריכן איר די אויגן ארויס פון קאפּ. ווען נעבן קיישל שטעלן זיך שוין יאַ אוועק עטלעכע קונים, און קלייבן זיך אויס די בייגל, קומט אן פלוצלינג א פאליציאנט... דאס ביסל בייגל צעשיט זיך אויפן טראטואר און אין רינשטאָק. מענטשן האבן רחמנות און העלפן צוזאמענקלייבן די „סחורה".

— הייסע בייגל! — אויפן טראטואר וואלגערן זיך וואל־צעטעלעך, צום מאגיסטראט און צום סיים, דאס איינסל, נר. 17 — פון דער ציוניסטישער פארטיי, נר. 33 פון דער אגודה, — א סך, א סך צעטעלעך פון א סך, א סך, פארטייען דער ווינט יאגט, שליידערט און ער ווארפט שיער נישט אום מינדלען מיטן קיישל.

די פיוויארניע[2] אויף די זשעלאזנע, ראג אַגראַדאָווע

ווערט צוגעמאכט. ס'איז איינס אזייגער ביינאכט. דער טראַמוויי לויפט פארביי ווי א בליץ. פון דער ווייטנס הערט זיך דער געוואָי פון א קעטשל פון „פאַגאַטאָוויע".[3] די גאס איז באלויכטן פון די גאז־לאַמפּן. דער „סקלאד אפטעטשני"[4] אויף זשעלאזנע 85 איז באלויכטן העל, אבער ביי מינדלען אין הארץ איז טונקל. זי טראכט זיך:

— „ווער ווייסט צי דאס קליינע פעסעלע איז נישט ארויסגעפאלן פון וויגל?... די קינדער זענען דאך געבליבן אינדערהיים אליין... ווי לאנג וועל איך דאס קענען אויסהאלטן?... אזא זינדיקע נשמה"... דער ערשטער דונער זאל אין מיר אריין! הלוואי, הלוואי, רבונו של עולם!...

„הייסע קאָכעדיקע בייגל דראַ פאר א צעינאַ!" — שרייט מינדל מיט איר דינער, האלב־הייזעריקער שטימע און איר קול צעשיט זיך און פארשווינדט מיטן ווינט...

ב.

וואדיע (עובדיה) איז אן אייגנטימער פון א בעקעריי. ער באקט ברויט, זעמל, און יאגדע־קיכלעך. קיין גביר איז ער נישט, אבער פרנסה ברווח האט ער. ער איז אויך א ייד א בעל צדקה. ער האט אן אָפענע האנט. ווען דו קומסט אריין צו אים, עפנט ער גלייך דעם פארטפעל — פאר יעדן צוועק.

ביז עס האט פאסירט דאס אומגליק: אין א פרייטיק־צו נאכט איז ביי אים אויסגעבראכן א שריפה. עס איז פון אלעמען געווארן אש און תל. וואדיע האט די בעקעריי נישט אסעקורירט...

דאס אומגליק האט אויף אים שטארק געווירקט. ער איז אביסל אראפ פון זינען. מ'האט אים ארויסגעשיקט אין א סאנאטאָריום אין אָטוואצק. ער איז דארט אפגעזעסן אנדערהאלבן יאר. דאס האט אפגעקאסט א מאיאָנטעק.[5] ער איז ביסלעכווייז צו זיך געקומען. פון וואס צו לעבן איז מער נישט געווען — האט מען אים נאַראַיעט צו האנדלען מיט בייגל. אזוי שטייט ער, דער געוועזענער בכבודיקער בעקער פארטאג, ביי ר' אהרן סארדינערס שול און פון דארט לויפט ער צו אולריכט'ס הויף און פארקויפט בייגל, — געפלאכטענע בייגל, אייער־בייגל. ער שרייט נישט, — שרייען שעמט ער זיך. ער לאזט אראפ דאס היטל איבער די ברעמען, מ'זאל אים נישט אזוי דערקענען. ער פארקויפט א פינף־זעקס קיישלעך א טאָג.

ווען מען פרעגט אים, — וואס מאכסטו, וואדיע? ענטפערט ער: „דאַי באָזשע זדראָוויע" — „געלויבט צו גאט. זאל גאט נאָר געבן געזונט, ס'זאל זיין כוח צו פארקויפן א סך בייגל..."

---

1) וויכע שטעק־שיך

2) ביר־שענק

3) גיבע הילף

4) אפטייק

5) פארמעגן

די וואָלאָווקע

די וואָלאָווקע, וואס געפינט זיך נישט ווייט פונעם ציטאדעל, האט א שם אין גאנץ ווארשע. ווער האט נישט געהערט וועגן דער וואלאווקע? ווער קומט נישט אהין כאטש איין מאל אין יאר? אויך פראווינצער ווייסן וואס דאס איז אזוינס די וואלאווקע — אלע מוזן צו איר אנקומען...

די וואלאווקע איז א מארק פון אלטע זאכן, אלערליי זאכן — פון א הענג־לאמפ ביז, להבדיל, א קיטל אויף ימים נוראים. פון א גראמאפאן ביז אן איבערבעט. אלץ קויפט מען דארט און אלץ ווערט דארט פארקויפט. האט איינער אן אויסגעריבענעם אונטערבעט, א צעפליקט קישן; — וויל איינער קויפן א זילבערנעם פאָרטסיגאר, אדער פארקויפן א פאר אלטע מעשענע לייכטערס, — אויף דער וואלאווקע. אלץ ווערט דארט „געכשרט" — א שטיי־לאמפ, וואס עס פעלט אים איין פיסל, א „וויעטשנע פעדער"[1] אן א סטאָלקע, — ווי וואלט מען געקאנט עקזיסטירן אן דער וואלאווקע?!

נו, ווי זאל איך אייך אויסמאלן א בילד פון דעם „מארק" אדער לאמיר אים אנרופן ווי מיר ווילן...

מיר דארפן זיך גאנץ גוט באמיען אויסצורעכענען נאר א טייל פון די ארטיקלען, סחורות, מציאות, וואס געפינען זיך אויפן דאזיקן מארק.

די סחורה ווערט פארקויפט אין בוידן, בודקעס, ביידלעך, שטעלן, טישלעך ברייטע, און טישעלעך קליינע,

אויף אַ טאַבורעטקע, אויף אַן אַלטער טיר, אויף אַ פּלאַכטע, אָדער סתם אַזוי אויף דר'ערד, — עס ווענדט זיך נאָר אין דעם, וואָס פאַר אַן אַרטיקל ס'ווערט פאַרקויפט.

אָט נישט ווייט פון דעם ערשטן אַריינגאַנג שטייט איינער מיט גראַמאַפאָנען. פון גראַמאַפאָן גייט אַרויס אַ גרויסער „גלאַשניק"[2] וואָס הילכט אַ גאַנצן טאָג. אַרום שטייען קרענצלעך, מענטשן זענען זיך מחיה — ער שפּילט... „אלו דברים" פון הערשמאַן; „אמר ר' אלעזר" פון יאָסעלע, און פאַרשטייט זיך, דעם גרעסטן און נייסטן שלאָגער, „מיין שטעטעלע בעלז"...

דער פאַרקויפער נעמט אַראָפּ און לייגט אַרויף איין פּליטע נאָך דער אַנדערער. איך קאָן שווערן אַז איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט די זכיה צו זען, אַז עמיצער זאָל קויפן אַ פּליטע... זעט אויס, אַז דער „סוחר" איז עפּעס אַ „גילגול"... ער דאַרט אַפּ די טעג מיט אַן אַלט שטיקל ברויט און לעבט אויף דער וועלט כדי מהנה צו זיין מענטשן מיט זיין גראַמאַפאָן און מיט די נייסטע פּליטן וואָס זייערע מעלאָדיעס דרינגען אַזוי אַריין טיף אין הארץ און אין דער נשמה...

נישט ווייט פונעם גראַמאַפאָן שטייט אַן עלטערער מענטש — ער רעדט נאָר רוסיש. דאָס אַלטוואַרג — דאָס הייסט די עלטערע מענטשן, פאַרשטייען אַלע רוסיש. זיי געדענקען נאָך „פּאַניען"... מען זאָגט, אַז ער איז אַ גר. ער פאַרקויפט שרייפעלעך וואָס זענען פאַנאַנדערגעשפּרייט אויף אַ פּלאַכטע אויף דער ערד: שרייפעלעך פון הונדערטער סאָרטן, אַ שרויף פון אַ פּרימוס, צו אַ זאַוויאַסע, אַ שרייפל צו אַ ראַווער, צו אַ ניי־מאַשין, שרייפלעך, שרייפלעך, שרייפלעך... טאָמער דאַרפסטו עטלעכע שרייפעלעך פון

איין סארט, קאנסטו אזוי שטיין און גראבלען שעהנווייז. ליגן טאקע אויף דער ערד, קניענדיק, צענדליקער מענטשן און זוכן און נישטערן — ווייל ביי דעם גר איז דער איינציקער פלאץ, ווו דו קאנסט געפינען שרויפן און שרייפעלעך נאך פון פאניאטאווסקיס צייטן.

אקעגנאיבער, שטייט אן אויסגעבלייכטער ייד פון א יאר פופציק — ספק א מענטש, ספק א מת... אויף אן אלטער, לאנגער טיר, פון זיידן מתושלח׳ס צייטן, ליגן אויסגעלייגט לייכטער: מעשענע, זילבערנע, אויסגעקרימטע, אויסגעדרייטע, ער רופט אויס: — ביליק! ביליק! איך לייז ביליק!

— פעטער, — פרעגט זיך איינער, — וויפל קאסט ד׳י פאר אייזערנע לייכטער?

— איר האט א טעות, — ענטפערט ער אים, — דאס איז א פאר זילבערנע לייכטער פון קאזימיערסקי׳ס פאבריק. איר זעט דאך, אז עס שטייט געשריבן „קאז׳ימיערסקי־ווארשאווא". איר זעט צי ניין?

— יא ס׳איז אמת, — ענטפערט אים דער „קונה", — לאמיר שוין הערן א פרייז.

—פאר אייך, איר זענט דאך ביי מיר דאס ערשטע מאל, זאל זיין 12 זלאטעס.

— וואס? פאר א פאר אלטע, פארשווארצטע לייכטער 12 זלאטעס? איך בין נאך נישט קיין ווארים כ׳זאל באצאלן אזא פרייז.

— זאגט שוין, וויפל ווילט איר באצאלן? — פרעגט אים דער „מוכר" מיט געדולד.

— זעקס זלאטעס קאן איך געבן, נישט מער.

— וואס בין איך, חס וחלילה, אראפ פון זינען אז כ׳זאל

אוועקגעבן פאר חצי חינם? ווייסט איר וויפל איר וועט באצאלן ביי שפיטאלניק אויף די עלעקטאראלנע גאס? עטלעכע פערציק זלאטעס.

— אכט זלאטעס וועט גוט זיין?

— ניין. ווייניקער פון צען זלאטעס וועל איך נישט נעמען, זאל אפילו מיין נאמען נישט הייסן ייד. נאר ווייל דאס איז מיין פאַטשאַנטעק גיב איך אייך אוועק פאר „בחינם״ — נעמט׳ס די לייכטער און נוצט זיי געזונטערהייט.

מיר גייען ווייטער. פון ביידע זייטן שטייען בוידן, ביידלעך, — א ביידל פון פאיאנס, נייע כלים, מיעדניצעס, האלצערנע און בלעכערנע באליעס, די בויד איז אנגעשטאפט מיט לאַקשנברעטער, וואלגערהעלצער, האקמעסערס, פאטעלניעס, פאַנען און ראַנדלען. ווייטער א בויד פון בלויז האלקעס. א בויד פון קאפעליושן. פארשידענע קאפעליושן — בלויע, גרינע, — נאך פון ניקאלאַי׳ס צייטן.

אויף א טישל פארקויפט א ייד אין א צייגן כאלאטל, תשמישי קדושה. עס ליגן אנגעלייגט רצועות פון תפילין, מזוזות, טלית־זעקלעך, — אלץ גענוצטע. קאנסט דאַ קריגן א טלית־זעקל מיט א שיין אויסגעהאַפטענעם כותל המערבי אדער מיט דער מערת המכפלה. פאר א „שיבוש״ — דאס הייסט פאר א זלאטע, קאנסטו דאס אלץ קריגן. קריגסט דא אויך מעשה־ביכלעך פון שפּאַלער זיידן, ר׳ מאיר פון פרעמישלאן, א מעשה מיט זיבן בעטלער פון ר׳ נחמן מבראצלאוו, לקוטי מהר״ן, און נאך פיל אנדערע; מחזורים מיט לעדערנעם באנד, פאר א פאר זלאטעס, חומשים מיטן מלבי״ם — יקר־המציאות, — פאר בחינם...

— יידן קויפט׳ס! עס גייט צו יום־טוב! מען דארף תשובה טאָן! — שרייט ער.

אין די ארומיקע גאסן ארום דעם מארק זענען פאראן געשעפטן פון נייע אנצוגער, פון מעבל און פון שיך. די געשעפטן געפינען זיך אין לאנגע לאקאלן, אויסגעצויגענע ווי קישקעס. הונדערטער קאסטיומען, מאנטלען, פלאשטשן..' געשעפטן פון כאלאטלעך, צייגענע, זיידענע, אטלאסענע... — בלויז כאלאטן. קאנסט דא קויפן א סאקל פאר 30 זלאטעס, ווען אין שטאט, אויף די נאוויניארסקע ווערסטו באצאלן נישט ווייניקער ווי 50. דעריבער זענען דא די געשעפטן געפאקט. מענטשן לאַשטשען זיך צו קויפן ביליק און פון „דער זעלבער קוואליטעט" אלץ איז דא גאנץ מאדערן גענייט.

משהלע וויערניק, א יינגל, צען יאר אלט, טראגט אן אלפאגענעם כאלאטל, וואס איז נישט ראוי געטראגן צו ווערן... בפרט יעצט, ווען עס גייט צו יום־טוב פסח, ווען אלע יינגלעך אין זיין עלטער וועלן קומען צום דאווענען מיט נייע קאפאטקעלעך, און ער, נעבעך, וועט דארפן שטיין אינדרויסן אויף די שטיגן... ער איז דאך זייער אן אנשטענ־דיק קינד, שטיל, סאליד, אפילו ווען ער וועט בלייבן מיטן אלטן אלפאגע־ כאלאטל, וואס פון אים קריכט ארויס די פאַטשעווקע, — וועט ער נישט וויינען... ער וועט גיין צום דאווענען און שטיין אינדרויסן. ער וועט נישט שרייען אויף דער מאמעשי, אז מען קויפט אים נישט אויף יום טוב א ניי קאפאטקעלע, — מן הסתם קאן די מאמע נישט קויפן... ס'איז נישטא קיין געלט... עס זענען דא וויכטיקערע זאכן אויף פסח: צו קויפן מצות, וויין אויף ארבע כוסות, מען דארף אויסקאלעכן די דירה, און מאלע וואס מען דארף אלץ אויף פסח...

צוויי וואכן פאר פסח האט משהלע'ס מאמע געזאגט

צום טאטן:

— הערשל, ס'וועט זיך טאן ריסעס, — איך וועל דאס נישט צולאזן, אז מיין קינד זאל ארומגיין צו זינד אונד צו שאנד, איך וועל זיך שעמען, אז דו זאלסט אים אזוי מיטנעמען צום דאווענען. זאלסט שוין ארויסגיין אויף דער וואלאווקע און אים קויפן א ניי אלפאגן־כאלאטל!

הערשל — קיין ייד קיין גביר איז ער נישט, כאטש ער האט א געוועלבל פון צעלניק אין סמאטשע־באזאר. הערשל זאגט צו משהלען: — זיי גרייט מארגן מעעטשן, פארנאכט ווען דו וועסט אהיימקומען פון חדר, וועט מען גיין קויפן א כאלאטל.

ער וועט שוין דעם יום טוב האבן א פריילעכן. ער וועט קאנען אריינגיין אין שטיבל אריין און זיין צוזאמען מיט זיינע חברים, מיט די יינגלעך אין זיינע יארן, און זיך אויסלערנען די נייע ניגונים.

ווען משהלע איז צומארגנס אהיימגעקומען פון חדר, האט ער זיך אנגעטאן די נייע, לאקירטע לעטשעלעך, וואס ווערן פארקנעפלט מיט א קליין קנעפעלע, (יינגלעך און מיידלעך טראגן די זעלבע לעטשעלעך) און דער טאטעשי איז מיט אים אוועק אויף דער וואלעווקע.

הערשל גייט פארביי עטלעכע געשעפטן פון גרייטע אובראניעס. ער שטעלט זיך אפ ביי איין געשעפט פון וועלכן עס ווינקען ארויס די זיידענע און אלפאגענע קאפאטעס. ער קוקט אריין. ס'הענגט א לאנגע שטאנג מיט קאפאטעס...

— דא דארף איך אריינגיין...

— א גוטן אוונט,

— אגוט יאר. וואס דינט איר, וואס פאר אייך? — פרעגט

דער סוחר מיט א שמייכל. איך זע אז איר זוכט פאר אייער יינגעלע א כאלאטל. א זיידן אדער אן אלפאגע? ביי מיר קאנט איר קריגן וואס אייער הארץ גלוסט. מיט א פעטל און א פעטל, — דאס איז אייער זון? קיין עיינע־הרע (עין הרע) א חתן־בחור. וויפל איז ער אלט ער זאל זיין געזונט ביז הונדערט און צוואנציק יאר?...

— צען יאר, — ענטפערט אים הערשל — אן א בייז אויג.

—וויפל קינדערלעך האט איר?

— דריי.

— און ער איז דער עלסטער? אזא שיינע בחור, טפו, טפו טפו...

און מיט א דראַנג גיט ער א שלעפ אראפ א שאַנקעדיק אלפאגע־כאלאטל און שרייט אויס:

— דאס איז פאר אייער זון, זאל זיין געזונט!

דער סוחר נעמט דאס כאלאטל און ציט עס ארויף אויף משהלען. ער שטעלט אים אוועק ביי א לאנגן שפיגל, וואס ער, משהלע, איז נאך אין זיין לעבן נישט געשטאנען, ער קוקט זיך אן נאכאמאל און נאכאמאל; בשעת ער קוקט אין שפיגל ציטערט ביי אים דאס יינגע הערצל: טאמער, חס וחלילה, וועט זיך דער סוחר ארויסכאפן מיט א צו גרויסן פרייז, בלייבט ער ווידער אויף יום טוב מיטן צעריסענעם כאלאטל און וועט מוזן דאווענען אויף די שטיגן...

הערשל, וואס א גאנץ יאר רעדט ער נישט אויס קיין איין פויליש ווארט, מאכט זיך גאר רעדן פויליש צום סוחר, — אנדערש איז ער נישט געוווינט?...

— „וויעלע טאָ קאָשטויע"? ד. ה. וויפל קאסט עס?

— אָ, וויפל דאס קאסט? דאס הייסט, אז ער האלט

שויןביים קויפן. די סחורה איז אים געפאַלן. זאגט ער צו אים:

— פאר אייער בחור, קיין עינע הארע, פאר דעם שאַנקעדיק יינגל, און א בייז אויג, ער זאל זיין געזונט און איר זאלט האבן פון אים א סך נחת, — געט נאר א קוק אין שפיגל אריין! וועט איר האבן פארגעניגן פון אייער קינד. איך וועל אייך נישט ביטן, איך וועל אייך נישט זאגן קיין גרויסן פרייז, איך וויל, אז אייער איידל קינד זאל זיין צופרידן און טראגן א גוט שטיקל סחורה! איך זע דאך, אז איר זענט אן אייגענער, פון אונדזערע מענטשן, איר זענט דאך א ווארשעווער און נישט קיין פראַווענצער, דארף מען אייך זאגן נאר א לעצטן פרייז. וועל איך אייך זאגן, — וואס זאל איך אייך זאגן? — דאס כאלאטל דארף קאסטן צוואנציק זלאטעס!... און פאר אייך אכצן. נישט ווייניקער פון זעכצן!... אפשר מיינט איר, אז איר וועט מיר געבן פערצן, און איך וועל נעמען צוועלף, — לייגט אוועק צען זלאטעס און אַט מאַ א כשרן פייסאַך!

---

1) פול־פעדער

2) הילכער

דער וועלאַדראָם

די נאַוואַליפּיע גאַס איז אַ געבענטשטע גאַס, טראָץ דעם וואָס די גאַס האָט נאָך נישט זוכה געווען נישט צו אַ געפּרעסטן שאָסיי און נישט צו קיין אַספּאַלט, אַזוי ווי די עלעקטאָראַלנע. די נאַוואַליפּיע גאַס איז אויסברוקירט מיט שטיינער. פערד האָבן נישט ליב די גאַס. די שטיינער רייסן זיי אַראָפּ די פּאַדקאָוועס...

וואָס איז אַלץ נישטאָ אויף דער גאַס?... — שילן, בתי מדרשים, שטיבלעך. אין אומאַנער בית המדרש דאַווענען הונדערטער חסידים. דאָ געפינט זיך רייכמאַנס שול, דאָס גרעער שטיבל איבער דער סמאַטשע־גאַס, דאָס פּאַרוווע שטיבל אין צווייטן פּערציק (פּערציק א׳), דער באַזאַר, דאָס עוואַנגעלישע שפּיטאַל, אַ יידישער האָטעל, אויף נר. 20. אויך די קאָמוניסטן האָבן זייער געהיימען לאָקאַל, — אַזוי זאָגט מען... דאָס לינת הצדק, „בראַטניאַ פּאָמאָץ״,[1] די רעדאַקציע פון „אונדזער עקספּרעס״, דאָ וווינען צוויי אַנגעזעענע וואַרשעווער נגידים: ר׳ יחזקאל שפּיגלגלאַס און וואָווטשע גוטגאָלד. פון נאַוואַליפּיע איז אויך פאַראַן אַ דורכגאַנג פון אייזערנעם טויער צו נאַלעווקע־געגנשע.

אויף נאַוואַליפּיע 32 איז אויך דאָ אַ וועלאָדראָם.

דער וועלאַדראָם באַשטייט פון אַ רונדיקן 200 מעטערדיקן פּלאַץ — ביים טויער איז אַרויסגעהאַנגען די גרין־ווייסע פאָן פון וועלאַדראָם. דער פּלאַץ איז אויך געצייכנט מיט אַ רויטן צייכן אַרום און אַרום כדי די

„ווישטשיגאָווצעס"[2] זאלן נישט אראפּ פון זייער וועג.
אויפן וועלאדראם לערנט מען זיך פארן אויף ראווערן.
דא קומען אויך פאר ראָווערן־געיעגן.

דער וועלאדראם געהערט צו צוויי שותפים: אדאם מיט מאָניעק. אדאם איז א יינגל פון 22 יאר, א בלאָנדער, שלאַנקער יאט, עלעגאנט פארקעמט די גזשיווקע, ער טראגט א פאר זאמשענע לעטשעלעך. א פייערדיקער פינג־פאנג־שפילער ביי „גוויאזדא — שטערן". ער האט געברענגט דעם בעכער קיין ווארשע פונעם מעטש ווארשע־לעמבערג.

מאָניעק איז פון א רייכער היים, — א זון פונעם אדמיניסטראטאר פון נאוואליפּיע 39. ער האלט שוין עטלעכע יאר די מייסטערשאפט פון די „ווישטשיגאווצעס". און קיינער קאן דאס ביי אים נישט אוועקנעמען. ער רייט אויף א באַלאָנאָוו'ן ראווער. ער טראָגט א וואלענע ווייסע בלוזקע אין שווארצע פאסן אין דער ברייט, מיט א פּאָר שיינע, ברוינע, סאמעטענע הויזן. א מיטל־ווקסיקער, אביסל דיקלעכער, אבער גאנץ פלינק. צוויי שיינע, בלויע אויגן, א געקרויזלטער, א שמייכלדיקער. ער שטודירט אין פּאליטעכניקום. און גלייכצייטיק איז ער א ווישטשיגאוויעץ און א פוטבאל־שפּילער אין „מכבי" ווארשע.

אלע „ווישטשיגעס" קומען פאר זונטיק, — אין טאג, וואס איז פריי פון ארבעט. דער אריינטריט אין וועלאדראם איז פריי־אומזיסט. פאר 20 גראשן קאנסטו דינגען א ראווער אויף א האלבע שעה. קריגסט דא אויך געדינגען א ראווער צו פארן מיט אים אויסערן וועלאדראם.

דאס גרעסטע פארגעניגן איז זיך אוועקצושטעלן זונטיק נאָכמיטאג צוקוקן עטלעכע שעה. קודם ביסטו פּטור פון „מנחה", און פארגעסט פון עסן...

בנימין דאַווידזאָן

דער ספארט פון ראווערן איז אין ווארשע זייער פאפולער. יעדעס ייִנגל וואס ווערט אלט 13 — 15 יאר שטרעבט צו קויפן אדער כאטשבי צו פארן אויף א ראווער.

ייִנגלעך מיט ראווערן לויפן אויף דער ליניע ווארשע־אטוואצק, — א שטרעקע פון 30 קילאמעטער.
דער וועלאדראם אויף נאוואליפיע איז איינס פון די שענסטע פלעצער אין ווארשע ווי די יוגנדלעכע קענען אזוי שיין פארברענגען.

1) קענגזייטיקע הילף
2) ספארטלער אויף וועט־געיעגן

מוצאי יום הקדוש

נישט וועגן יום כפור, וואס הייסט אויך יום הקדוש שמועסן מיר — מיר שמועסן וועגן מוצאי יום הקדוש. ווי אזוי האט אויסגעזען די יידישע גאס, אלע יידישע גאסן און געסלעך?

מוצאי יום הקדוש האט געהאט א ספעציעלן אויסקוק — וואס איז נישט ענלעך צו אן אנדער אוונט פון א גאנץ קיילעכדיק יאר.

ווארשעווער גאסן האבן אין זיך געגוג איינגעזאפט יידן און יידישקייט, — אפילו די שטיינער און די מויערן האבן געקאנט אויסרעכענען תרי״ג מצוות.

מוצאי יום כיפור באלד נאך דער תקיעה, האבן די מתפללים, מענער, פרויען און קינדער, זיך אריוסגעלאזט אויף דער גאס מיט איין מאל פון אלע שילן, בתי מדרשים, שטיבלעך, חברות ש״ס, תפארת בחורים און פון הונדערטער מניינים און פריוואטע שטיבן; פון די גערער, אויף נאלעווקעס 19, טווארדע 18, פון נאָזשיק׳ס שול, פון דער סינאגאָגע, פון האנטווערקער־פאריין און מכבי־לאקאלן אויף נאלעווקי 2־א, פון „סיני״, „מוריה״, פון ר׳ ירחמיאל׳לע — דעם זוואָלינער רבי. אלץ האט געענדיקט צוזאמען, אין דער זעלבער צייט. ווייל נאכן תענית טאר מען נישט מאריך זיין...

איך פלעג אזוי שטיין און קוקן און אָנזעטיקן מיינע קינדערישע אויגן. איך פלעג זיך טראכטן: אויב די גאס איז אזוי פול, קיין עין הרע, מיט יידן, אפשר זענען מיר שוין דאָ אין ארץ ישראל?...

אזוי בין איך געשטאנען אין גאס און האב אלץ געוואלט זען מער און מער יידן. אין דער היים האט מען אוודאי געזארגט פארוואס איך בין נאך אלץ נישטא. איך האב געוואלט איבערלעבן דעם מעמד בעת צענדליקער טויזנטער יידן גייען ארויס פונעם מקום קדוש אין מוצאי יום הקדוש.

ביסלעכווייז האבן די מתפללים אנגעהויבן צו פארשווינדן... אין א שעה־אנדערטהאלבן ארום איז די גאס געווארן שטיל ווי א בית עולם.

נאך דעם, ווי דאס יידישע ווארשע האט „פארביסן" נאכן תענית און פארענדיקט די סעודה, האט זיך די שטאט צוריקגעקערט צו א נארמאל לעבן.

די עלף טויערן

וואס עפעס עלף טויערן? פאַרוואס נישט צוועלף אדער צען? — כ'ווייס נישט. כ'האב די טויערן קיינמאל נישט געציילט, נאר אזוי האט מען זיי גערופן. „די עלף טויערן" — נישט צוועלף און נישט דרייצן...

די טויערן שטייען ווי די סאלדאטן ביים סוף פונעם זאַקסישן גאָרטן. ווען מיר קומען צו צום „אייזערנעם טויער" פונעם גאָרטן, אין דער רעכטער האַנט פאַרן אריינגאַנג, געפינט זיך די יידישע באַנק פון שערעשעווסקי; קעגנאיבער, לינקס, — דאָס גרויסאַרטיקע געשעפט פון בלומען א. נ. פון פיאָטר דער פינפטער. ווען מען קומט אריין אינעווייניק אין גאָרטן, פירט דער הויפּט־וועג צו די „עלף טויערן". פון ביידע זייטן, זענען פאַראַן צוויי סטיעזשקעס — פון לינקס דערטראַגט זיך דער שטאַרקער ריח פון די כריזאַנטעמע־בלומען; פון רעכטס — כּאַינע־ביימער וואָס פאַרשיכורן מיט זייער דופט. עס איז דאָ אויך פאַראַן א שטייג פון פאַרשידענערליי קאָלירטע פייגל וואָס זינגען, שפּילן זיך, זיי זענען פריילעך. עס פעלט זיי גאָרנישט...

יעדע פּאָר מעטער שטייט א פריש־געפאַרבטע באַנק. די גערטנער דרייען זיך הין און צוריק — מען שפּריצט וואַסער, מען רייניקט, יעדעס ביימעלע, יעדע בלום ווערט געהיט ווי א קליין קינד. אויף יעדן שריט און טריט שטייען קיישעלעך אויף אריינצוואַרפן אָפּפאַל.

וואַרשע שטאָלצירט מיט דעם גאָרטן.

אהער קומען כאפן פרישע לופט סיי די אריסטאקראטיע און סיי די פאלקס־מענטשן. דער גארטן דינט אויך אלס צוגאנג צו די עלף טויערן, צום פלאץ פילסודסקיעגא, — וו עס קומען פאר אלע מלוכה־פייערונגען, — 3־טער מאי, 11־טער נאוועמבער, און אנדערע. אויף דעם פלאץ קומען פאר אלע וויכטיקסטע פארזאמלונגען... דא אגיטירט מען צו די וואלן צום סיים און צום מאגיסטראט. נאכדעם ווי דער ראדיא מעלדעט, אז דער „דזיאדעק"[1] איז געשטארבן, זאמלען זיך דא ספאָנטאַן ביי א 150 טויזנט ווארשעווער איינוווינער כדי זיך צו באטייליקן אין טרויער פון פוילישן פאלק.

אינמיטן, צווישן די עלף טויערן, נאכן פינפטן טויער, געפינט זיך דער קבר פון „אומבאקאנטן זעלנער". ביים קבר שטייט שטענדיק אן ערן־וואך, אן סאלדאט מיט א ביקס און באגנעט. ארום קבר — בלומען. יעדן טאג גייען דא פארביי פארשידענע דעלעגאציעס: ארבעטער, שול יוגנט, גימנאזיע־שילער פון דער פראווינץ און נאך, און נאך.

פארבייגייענדיק דעם קבר דארף יעדער איינער אראפ־נעמען דעם הוט און אפגעבן כבוד דעם אומבאקאנטן זעלנער.

מיר, יינגלעך פון חדר, האבן באשלאסן, אז מיר וועלן דאס היטל נישט אראפנעמען. ווייל דאס איז ביי אונדז געווען ווי א „איסור מדאוריתא" — אויפן קבר געפינט זיך דאך א גרויסער בראנזענער צלם... וועט א יידיש יינגל אראפנעמען דאס היטל פאר א צלם?

מיר, יינגלעך, האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט ווען דער זעלנער האט שפאצירט הין און צוריק און ער איז געווען אויסגעדרייט מיטן רוקן צו אונדז, זענען מיר מיט

הארץ־קלאפעניש שנעל פארבייגעלאפן ער זאל אונדז חלילה נישט באמערקן ...

א ווינטער־נאכט. דער סאלדאט, איינגעטוליעט אינעם דיקן שינעל, רירט זיך נישט פונעם ארט. — „ס'איז ביטער — היינט וועלן מיר שוין די עלף טויערן נישט דורכגיין ...

דער זעלנער האט באמערקט ווי מיר ווילן אדורכלויפן. ער האט אוועקגעבויגן דעם קאפ און מיטאמאל דערהערן מיר: „עמך"? ...

— דו האסט געהערט, ער האט געזאגט „עמך"! ...

דאס איז געווען דאס איינציקע מאל, וואס מיר האבן זוכה געווען אדורכצוגיין די עלף טויערן און מיר האבן נישט געדארפט אראפנעמען דאס היטל פארן צלם ...

---

1) מארשאל פילסודסקי

דער משוגע'נער

מיט פארשידענע נעמען און צונעמען זענען זיי ביי אונדז געגרופן געווארן די משוגעים, וואס פלעגן זיך דרייען — ווער ביי א בית־המדרש, און אנדערער סתם אין גאס אדער אויפן מארק.

איינער וואס פלעגט זיך אויפרעגן פון יעדער קלייניקייט, האט מען צו אים געזאגט — גיי דו משוגענער! ... — דאס איז די קלענסטע מדרגה; אדער דו ביסט א ווארגאט און נאך אנדערע נעמען אזוי ווי: צעדרייטער, פאריקטער, צעכישטער, צעמישטער, גערירטער אויפן טשעקאלאדע־קאסטן. מ'זאג אויף איינעם, אז ער איז אראפ פון זינען, ער איז געווארן „לא עלינו", ער איז געווארן „באהיט און באשערמט זאל מען ווערן", ער איז געווארן כ'וויל נישט זאגן וואס, און נאך.

די סיבות צוליב וואס מענטשן גייען אראפ פון זינען זענען פארשידענע: איינער איז געווויער געווארן אז זיין ווייבל, וואס ער האט אויף איר קיינמאל נישט געהאט קיין חשד, איז געקראכן אין פרעמדע דרכים; אדער ווען זיין טעכטערל האט זיך פארליבט אין א שייגעץ; ער האט נישט געהאט צו צאלן די וועקסלען וואס זענען אונטערגעקומען איינער נאכן אנדערן; ווען ער איז געווארן „אנגעברענט", אדער ער האט זיך אליין „אונטערגעצונדן" — נאכהער האט ער דערשנאפט אז די פאליציי האט זיך דערפון דערוווסט; האט אים דער קאָמאָרניק ארויסגעווארפן פון דער דירה מיטן גאנצן ביסל האב און גוט'ס — דער שטיי־זייגער,

די שפּיגל־שאַנק, דער קרעדענץ, — אַלץ ליגט אויפֿן הויף, פֿון דער שאַנדע, פֿון דער בושה אַליין איז ער קראַנק געוואָרן אויפֿן קאָפּ און אַראָפּ פֿון זינען.

יעדער משוגע'נער מיט זיין אויפפירונג: איינער רעדט צו זיך אַליין אָדער לאַכט און שמייכלט אָן אויפהער; אַן אַנדערער זינגט לידער אין אַלע שפּראַכן; נאָך אַן אַנדערער רעדט גאָרנישט, ער שאָקלט אפילו נישט מיטן קאָפּ; ווען דו פרעגסט אים צו ער וויל עסן ענטפערט ער נישט, נאָר ווען דו דערלאַנגסט אים אין די האַנט אַריין, גיט ער אַ כאַפּ, אַז ער רייסט דיר כמעט מיט דיין האַנט.

אונדזער משוגע'נער, ווי מען רופט אים קלמן, ס'קאָן זיין אַז קלמן איז נאָר אַ צונאָמען — איז אַ שמייכלדיקער, שטענדיק טראָגט ער אַ פּאָר הויכע שיך, פאַרבונדן מיט דיקע שטריק — נישט ווי אַנדערע וואָס גייען אָרום, מערסטן־טייל, באָרוועס.

קלמן האָט זיך געמאַכט אַ „דירה" אויף די נאַוואַליפּיע דרייסיק, פֿון דער אַנדערער זייט פֿון רייכמאַנס שול. דער ווירט פֿון הויז — הער סאַפּירשטיין ווייסט דערפֿון, אָבער ער מאַכט זיך נישט וויסן, ער קוקט אַוועק. אויפֿן בוידעם איז פֿאַראַן אַ ווינקל, דאָרט האָט ער זיך אויסגעלייגט שטרוי און היי. די „דירה" זעט אויס ווי אַ סטאַדאַלע. ער שטערט נישט קיין מענטשן.

די קינדער פֿונעם הויף און פֿון גאַס וואָס פלעגן אים נאָכלויפֿן, לויפֿן אים מער נישט נאָך. ער פּילט זיך דאָ און אין בית־המדרש פֿון רייכמאַנס שול ווי איינער פֿון אַלע. קלמן גייט אַמאָל פֿון צייט צו צייט אָנגעטון עלעגאַנט, אָפּגעשוירן, אָפּגעוואַשן, טראָגט אַ ריין ווייס אויבערהעמד און אויפֿן העמד אַ גאַנץ שיין וועסטל. קיינער פֿון אונדז,

שכנים, האבן מיר נישט געוווסט ווער גיט זיך מיט אים אפ, ווער פירט אים אין די „רעזורע" אריין, און וועלכער פריזיער וויל אים באדינען.

אויף די נאוואליפיע דריי און דרייסיק ווינט שלמה דער קיטניק — וואס האנדלט מיט קיט. ער איז דער „מלאך־הגואל" פון קלמן. ער פירט אים אריין צו ציטרין אין דער רעזורע. צו ציטרינס רעזורע איז ארויפצוגיין עטלעכע טרעפלעך, — זי געפינט זיך אין זייטיקן געסל, די מילנע. דער קיטניק באצאלט אים פארן שערן פינף פאכיק. נאכן שערן ווארפט ער אוועק דאס ליילעך, — דער קיטניק באצאלט אים אויף פארן ליילעך. נאכהער ווערט קלמן ארייַנגעפירט אין מקוה אריין. דער קיטניק טראגט מיט זיך מיט א פעקל נייַע וועש און בגדים פון קאפ ביז פיס — אזוי ווערט קלמן באנייט פון צייט צו צייט.

קלמן גייט זיך זיין וועג — אדער ער ליגט אין דערהויך אויפן בוידעם אין זיין „סטאדאלע" אדער ער ליגט אויסגעצויגן אויף א באנק אין בית־המדרש. טשעפען טשעפעט ער קיינעם נישט. די מומע מלכה זאגט, אז קלמן איז א „גלגול"... — ווער ווייסט וואס ער האט אזוינס געטאן אין „יענעם גלגול"? מן הסתם דארף ער „אפקומען" אויף דער וועלט. די מומע מלכה ווי אויך אנדערע שכנה'טעס שיקן אים אביסל געקעכטס אין אן ערדענעם טעפל — פערפל מיט יויך און דערצו א צוויי־דריי קאטלעטן. קלמן גייט זיך זיין וועג און שלמה קיטניק גייט זיך אויך זיין וועג — פון גמילות חסדים, פון מעשים טובים.

קאַסטעק

ווער קען נישט קאַסטעקן פונעם ברויט־געוועלבל אויף די נאוואליפיע־גאס? מען רופט אים אויך קאַסטעק דער משוגע'נער. מען זאגט אויף אים אז ס'פעלט אים א שרייפל אין קאפ; טראָץ דעם וואס ער איז משוגע, איז ער גלייכצייטיק א געביפטער, פייערדיקער, „צוואַנער" סוחר. ביי אים קריגט מען פארשידענע ברויטן — ווייס, שווארץ, זשיטקאווע, ראזעווע, ברויט מיט ראזשינקעס, לוויטשער, גריסקע; זעמל פון אלע סארטן — קייזערקעס, אייער־זעמל, מאַשלאַנקעס,[1] אייער־קיכלעך, יאגדע־קיכלעך אויך ברויט פון דער פארווע מיל.

זיין געוועלבל איז שמאל און לאנג. שטענדיק פריש אויסגעמאלעוועט מיט אלעינע[2] ביי אים איז שטענדיק ריין, דאס ברויט ליגט אין שטרויענע קוישן און אין קיישלעך. ביי קאַסטעקן קאן מען קריגן קאכעדיק ברויט און הייסע זעמעלעך נארוואס ארויס פונם אויוון. ס'זענען פאראן מענטשן וואס מוזן עסן נאר פריש געבאקן ברויט — אנדערש קאנען זיי נישט פארדייען.

טראָץ דעם וואס קאַסטעק שרייט, מאכט געוואלדן, ציט ער צו זיך צו קונים אן א שעור. וואס מער ער שרייט, מער לויפן צו אים די ווייבער. ער לאזט נישט טאפן מיט די הענט. זאל עמיצער וואגן אנצורירן א ברויט מיט די הענט, האקט ער איבער די הענט. קאַסטעק האלט אין איין צוזאמענקערן די קרישקעס מיט א לאנג, געדיכט בערשטל.

בנימין דאַווידזאָן

עס טרעפט זיך, אז א פרוי האט „על פי טעות" גענומען אן איבעריקע קייזערקע, דאן שרייט ער און טופעט מיט די פיס.

נישט ווייט פון אים, — ביי משה מרדכי אין דער בויד, איז שטיל ווי אויף א בית הקברות, ער פארקויפט א ברויט און א ברויט און ווידער א ברויט.

ביי קאסטעקן איז שטענדיק א „גראטשקע", יעדע האלבע שעה שטעלט זיך אפ א וואגן מיט ברויט. אט שטעלט זיך אפ דער וואגן פון צימערינג׳ס בארימטער בעקעריי וואס אויף יעדן ברויט איז אויפגעקלעפט א צעטל „פיעקאַרניאַ בראַטשא צימרינג סאלנא[3] 8".

פריש, קאכעדיק ברויט, גלייך פון אויוון ארויס! שרייט קאסטעק מיט א הויך, הייזעריק קול, און זיין שרייען הערט זיך איבער דער גאנצער גאס.

1) זעמעלעך געבאקן מיט מילך

2) אייל־פארב

3) בעקעריי פון ברידער צימרינג סאלנאַ 8

שעפסעלע און די נשמה

שבע לאה איז ערשט נישט לאנג געווארן, לא עלינו, אן אלמנה. ווינען ווינט זי אין דריטן הויף אין דער נידער אויף נאוואליפיע אכט און דרייסיק.

בעת איר מאן ניסל, עליו השלום, האט געלעבט האט זי נישט געדארפט פארקויפן זעמל, קייזערקעס — זיי האבן געפירט א באלעבאטיש לעבן פונעם „ספּאָזשיוועטשע"[1] געוועלבל. זיי האבן זיך געלעבט ווי צוויי טויבן — ביז דאס אומגליק האט פאסירט. ניסל איז געגאנגען מיטן טלית ותפלין, כדרכו בקדש, אין בית המדרש אריין, עס איז געווען פארטאגס, — דער אלטער פיאַטער האט שוין אויסגעלאשן די גאז־לאמטערנעס. ניסל איז עוסק געווען אין „ברכת התורה". איז אנגעקומען דאס פערד און וואגן פון פינטשעווסקיס בעקעריי, די גאס איז געווען פינצטער און גליטשיק, ער איז געגאנגען נאנט צום רינשטאק, דאס פערד האט אים געגעבן א קאפע, נישט אזא שטארקן, ניסל האט ממשיך געווען אין בית המדרש אריין. ווען ער איז אהיימגעקומען איז ער גלייך אוועקגעפאלן אויפן בעט, מען האט גערופן די גרעסטע דאקטוירים, מען האט באשטעלט א קאנסיליום פון דריי דאקטוירים פון „טשיסטא שפיטאל" אבער עס האט גארנישט געהאלפן — ווייל דעם קאפ האט ער באקומען אין בויך; נאך דריי וואכן מאטערן זיך איז ניסל ע"ה „אוועק"...

שבע־לאה איז געבליבן אליין אין שטוב. איר יונגסטער זון בעניעק שטודירט אין בעלגיע מעדיצין; די עלטערע

טאַכטער פֿאַיע ווױנט גאַנץ װײַט פֿון װאַרשע, זי װױנט אין ליפּסק — דער מאַן אירער איז דאָרט געװאָרן אױפֿגענומען אַלס שוחט, מוהל און מלמד. די מיטלסטע טאַכטער, בעלאַ, האָט חתונה געהאַט אין פּאַריז. מען זאָגט אַז זי איז גאָר געװאָרן אַ טענצערין...

אַזױ זיצט שבע־לאה עלנט אינדערהײם נאָך איר מאַנ׳ס טױט. כאָטש ס׳איז שױן באַלד אַדורך דאָס יאָר — שבע לאה איז נאָך נישט צו זיך געקומען. פֿערציק יאָר האָט זי געלעבט מיט איר מאַן, ער זאָל זײַן אין ליכטיקן גן־עדן, דאָס איז נישט אַװעקצומאַכן מיט דער האַנט.

נאָכדעם װי ניסל איז אַװעק פֿון דער װעלט האָט זי געמוזט פֿאַרמאַכן דאָס געװעלב און װערן אױס הענדלערקע.

שבע־לאה׳ס גוטע פֿרײַנט, אירע הױז־אײַנגײער האָבן איר געראָטן זי זאָל אָנהײבן צו פֿאַרקױפֿן זעמל, קײַזערקעס, אין שטוב. קודם װעט זי זיך פֿאַרגעסן, זי װעט זײַן פֿאַרנומען, זי װעט זיך אונטערהאַלטן מיט מענטשן. אױך אַלע אירע קונים װעלן בײַ איר קױפֿן — אַזױ אַרום װעט זי װײַטער „שלעפּן" ביז װען דער ליבער גאָט װעט שענקען דאָס לעבן.

שעפּסעלע איז דעם שנאַרװאַדלעמאַכערס אַן אײניקל. אַ גאַנצע װאָך האַלט ער זיך אױף בײַ זײַדע־באָבע. ער לערנט אין װאַרשע אין „יסודי התורה" אױף די נאַװאַליפּקי נומער זיבן. אױף שבת פֿאָרט ער אַהײם קײן פֿאַלעניץ.

די שנאַרװאַדל־מאַכערין װױנט צוזאַמען מיט איר טאַכטער באַשקע אין לעצטן צימער אין אַלקער. באַשקע האָט אַ בױד פֿון שניט אױפֿן „קאַרצעלאַק". יעדן פֿאַרנאַכט שיקט די שנאַרװאַדל־מאַכערין איר אײניקל, שעפּסעלע צו שבע־לאה קױפֿן קײַזערקעס אױף אװנט־ברױט אַפֿילו װען שעפּסעלע איז שטאַרק פֿאַרנומען, װען ער שפּילט זיך מיט

זיינע קאַלעגעס אין „באַהעלטעניש" אָדער אין „גנבים מיט פּאַליציי" — ווען די באַבעשי גיט אַ רוף: — „שעפּ־סאַ־לע"! גיט ער אַ געשריי: — באַבעשי! וואָס? שטענדיק איז ער גרייט צו יעדער זאַך וואָס די באַבעשי וועט הייסן: אַרויסצושיטן דאָס מיסט, אַריינצוברענגען אַ פלעשל נאַפט אָדער אַ שאַכטל „כאַמאַלין"[2]; צו קויפן עטלעכע אייער־קיכלעך ביי נעקטאַרן אין דער קאַוויאַרניע; אָדער ברענגען אַ צוויי שמאַלץ־הערינג פון אַהרנ'ס הערינג־געוועלבל. אַז די באַבעשי רופט — לויפט מען, אַז די באַבעשי הייסט, — טוט מען.אַזוי האָט מען שעפּסעלען געלערנט, אַזוי איז ער געוואָרן דערצויגן.

אין ערשטן טאָג פון די „ניין טעג" איז געשטאָרבן דער אַלטער שאַיעוויטש, וואָס האָט געוווינט אין צווייטן טויער, אויף נאַוואַליפּיע אַכט און דרייסיק. דער טויט פון אַלטן שאַיעוויטש האָט כמעט, געבּרענגט שעפּסעלען אין אַ צעזאַמענשטויס מיט אַ נשמה... עס האָט נאָר געפעלט אַ האָר אַז שעפּסעלע זאָל, חס ושלום, פאַרלירן זיין אייגן נשמהלע... אַזוי האָט שעפּסעלע אַליין געהערט מיט זיינע אויערן פון זיין רבי'ן ר' שלום, אַז „אין יעדן הויז וווּ עס שטאַרבט אָוועק אַ מענטש, נעבן דעם פּלאַץ פונעם נפטר, דרייט זיך דאָרט אַרום דעם ערשטן חודש נאָכן טויט די נשמה פונם טויטן. זי שוועבט דאָרט, זי זוכט אַ „תּיקון". זאָל די נשמה זיין אַפילו פון גרעסטן צדיק, לאָזט מען זי נישט אַריין גלייך אין גן־עדן. אַ חודש צייט מוז זי אָפּקומען פאַר אירע עבירות, וואָס זי האָט געטאָן ביים לעבן, ביז זי ווערט אויסגעלייטערט. נאָכן חודש ווערט זי פאַרשוווּנדן צו איר רו, אין זיבעטן הימל אַריין, דאָרט וווּ עס געפינען זיך אַלע נשמות"...

אין זעלבן טאג פון דער לוויה האט זיך שעפּסעלע נאך נישט געפּארכטן, אזוי אויך אין דער גאנצער „שבעה״. אבער ווען די שבעה איז אוועק, דאן האט זיך אנגעהויבן שעפּסעלעס פּיין און יסורים.

אז די באבעשי שיקט נאך קייזערקעס קאן מען נישט זאגן: — „באבעשי, כ׳וועל נישט גיין״, אדער „כ׳וויל נישט״. דערציילן דער באבעשי, אז ער האט מורא, האט ער זיך געשעמט — א יינגל וואס שפּילט פוטבאל זאל מורא האבן פאר א נשמה? אלע זיינע חברים וואלטן געמאכט פון אים דאס גרעסטע „חוזק״ ווען זיי וואלטן געוויער געווארן דערפון. אבער ביי שעפּסעלע טרייסלט זיך דאס יונגע הערצעלע יעדעס מאל ווען די באבעשי גיט א רוף: — שעפּסעלע, זיי אזוי גוט, געב א לויף אריין צו שבע־לאה, כ׳האב שוין ארויפגעשטעלט צו פּרעגלען די יאַישניצעס.

שעפּסעלע שטעלט זיך איין דאס לעבן. די צייט איז בין השמשות, די נאכט פאלט צו. דער „סטרוזש״ האט נאך נישט „געזדאָנזשעט״ אנצוצינדן דאס לעמפּל — אינעם טויער איז שטארק פינצטער.

שעפּסעלע וואלט זייער געוואלט זיך טרעפן מיט דער נשמה וואס שוועבט דא ארום טראץ זיין מורא׳דיקן פחד. ער ווייסט דאך קלאר אז נאר ביי צוויי געלעגנהייטן קאן א מענטש זען א נשמה: בשעת די נשמה גייט ארויס פונעם מענטש און במשך פון דעם חודש ווי זי וואנדערט „נע ונד״ ביים וווינונג פונעם נפטר.

שעפּסעלע ווייסט נישט וואס צו טאן; זאל ער לויפן, — טאמער וועט די נשמה אים נאכלויפן? זאל ער גיין לאנגזאם, קאן פון אים דאס הארץ ארויס. ער קומט

אריין אין ערשטן הויף אריין. ער דערנענטערט זיך צום צווייטן טויער, ער הערט ווי די נשמה זשומעט, רוישט, ער קאָן שווערן אַז ער הערט... די פּיסעלעך ווערן ביי אים, כמעט, ווי אָפּגענומען, די הענטלעך ציטערן, דאָס הערצל קלאַפּט ווי ביי אַ לאָקאָמאָטיוו. מיט זיינע לעצטע כוחות הויבט ער אָן צו לויפן און שרייט אָן אויפהער: — שמע ישראל! שמע ישראל! שמע ישראל!...

1) שפּייז־געוועלבל
2) שיך־פּאַסטע

הייסע טיי

א.

ווי עס איז באַקאַנט האָבן וואַרשעווער ייִדן ליב צו טרינקען טיי. פאַרטאָגס — נאָך פאַרן דאַווענען, דערלויבן זיך אויך אַ טייל פרומע ייִדן צו טרינקען אַ גלעזל טיי, אָן צוקער. אַ גאַנץ שוואַכער — דאָס הייסט אַ חלש, — לייגט אַריין איין לעפּעלע צוקער. דאָס איז שוין נאָכדעם ווי ער האָט געפרעגט אַ „שאלה" ביי אַ מורה הוראה.

אַלע ווייסן דאָך, אַז לויטן „שולחן ערוך" איז עסן אָדער טרינקען פאַרן דאַווענען פאַרבאָטן.

ר' בעריש איז אַן אייגנטימער פון אַ „מלעטשאַרניע" אויף די טוואַרדע גאַס. ער איז געקומען קיין וואַרשע בעתן ערשטן קריג פון קיעלצער גובערניע. קיין געלט האָט ער מיט זיך נישט מיטגעבראַכט. ער איז געקומען מיט זיין גאַנץ פאַרמעגן — דאָס הייסט מיטן ווייב און די דריי קליינע קינדערלעך. די עלסטע טאָכטער פרומעטל איז שוין אַ גרויסע מויד, זי איז אַלט פינף יאָר, זאָל געזונט זיין. דאָס צווייטע מיידעלע פריידעלע, איז אַ דריי מיט אַ האַלב יאָריק קינד, און דער קלענסטער, — פייוועלע, איז פאַר פסח אַלט געוואָרן אַ יאָר.

מיטאָג־צייט, ווען ער מאַכט צו די מלעטשאַרניע, כאַפּט ער זיך אַריין אין ר' אהרן סאַרדינערס שול און זאָגט אויס גאַנץ תהלים — ער געהערט צו די „חברת תהלים", אָבער זיי זאָגן נאָר איין „יום", — ער גייט

װײַטער ביזן סוף. ער האַלט אַזױ װי עס װערט געבערענגט אין די הײליקע ספרים, אַז װער עס זאָגט אױס יעדן טאָג גאַנץ תהלים, װערט געזיכערט מיט פּרנסה און עס איז גרײט פאַר אים „עולם הבא״.

ר׳ בעריש, אָדער װי מען רופט אים, בעריש קעלצער, האַלט פון אַ גלעזל טײ — װער װײסט נאָך אַזױ װי איך, אַז טײ און תהלים קאָן נישט שאַטן, — זאָגט ער מיט גרױס גאװה. װען בעריש זעצט זיך אַװעק פרײטיק צונאַכטס נאָכן עסן טרינקן טײ, קאָן אים קײנער נישט דעריאָגן. טײ טרינקען — דאָס איז אַ געװױנהײט, — טענה׳ט ער, — טרינקען טײ דאַרף מען קענען! ער קאָן אױסרעכענען אַלע מעלות װאָס אַ גלאָז טײ דאַרף האָבן. קודם, — דאַרף דאָס גלאָז זײַן רײן אױסגעװאַשן מיט סאָדע. מען טאָר בשום אופן נישט דערקענען אױפן גלאָז קײן סימנים פון די יאַישניצע װאָס מען האָט געגעסן בײַם פרישטיק אָדער פון דער רױטער פאַרב װאָס די מאָדערנע מאַדאַמען שמירן זיך, לא עלינו, די ליפּן; ס׳דאַרף זײַן אונטערגעשטעלט אַ גאַנצע „פּאָדסטאַװקע״, אַז מען זאָל זיך נישט, חס ושלום, צעקאַלעטשען די פינגער. די טײ דאַרף זידן בשעת מען גיסט איר אַרײַן אין גלאָז אַרײַן, אַז די הױט פון דער אונטערשטע ליפּ זאָל זיך שײלן, און בײַ יעדן זיפּ זאָלסטו שרײַען כאָטש צװײ מאָל אַה... אַה.. אַ מחיה. דער צוקער מוז זײַן אָדער קלעצלעך, אָדער קריסטאַל, נישט אָנגעצוקערט מיט מאַנטשקע, װאָס ס׳כאַפּט זיך דאָרטן אַרײַן, רחמנא לצלן, שטיקלעך שטרױ, שטריק אָדער מױזן־דרעק, מען זאָל באַהיט און באַשערמט װערן...

— מײַן כינקעלע גיט צו אַ גלעזל טײ, — באַרימט זיך בעריש, װאָס איז פאַרבריט פון פרישן „סענץ״ — איך

אליין ברענג אהיים די גרויסע פעקלעך טיי פון וויסאצקען וואס איך קויף איין ביי טשאלטשינסקין, פארן אייזערנעם טויער. די טיי שמעקט פון דערווייטנס. מען קאן ממש ווערן פארשיכורט, אזוי ווי פון א גלעזל זעקס־און ניינציקער. טיי דארף מען קאנען מאכן, טיי דארף מען קאנען צוגרייטן...

בעריש אליין טרינקט נישט קיין טיי פון קיין גלאז, — ער טרינקט פון א גרויסער שעפ וואס ער האט מיטגעברנגט פון דער היים. עס גייט אין איר אריין אנדערטהאלבן קווארט. אז ער גיט א זיפ, ציטערט די גאנצע שטוב. כאטש די בני־בית זענען שוין געוווינט זיך צוצוהערן צו זיין זיפן מיט קולות בשעת דעם טרינקען, איז יעדעס מאל ווען ער גיט א זיפ, גיט דאס עלסטע טעכטערל א ציטער. א סך מאל שרייט ער אויס איי! און מאנכעס מאל שרייט ער: אַה, אה, ס'איז גוט!...

— זאלסט מיר נאר לאנג לעבן כינקאלע! — זאגט ער צו זיין ווייבל, — מיר זאלן זיך עלטערן ביז הונדערט און צוואנציג יאר. ס'איז גוט, אה, אה, א מחיה, כ'דערוואָרעם זיך די ביינער!... ער ענדיקט איין שעפ און הייסט זיך אריינגיסן די צווייטע. אז גאט העלפט און כינקעלע דערלאנגט אים פרייטיק צונאכטס א פעטע יויך מיט א אכט־צען קעפלעך, ווייסט ער נישט ווען צו ענדיקן. ער גיסט אין זיך אריין ווי אין א פאס אן א דנא ביז ער פאלט אוועק אויף די קאזעטקע און הויבט אן צו כראָפּען.

ב.
אהר'לה

אהר'לה איז א ניין־יאריק יינגל. ער וווינט אויף די נאוואליפיע גאס אבער לערנען גייט ער אויף די פראסטע

10. ווינטער אין די גרעסטע פרעסט ביי 30—20 גראַד, לויפט ער נעבעך, אַראָפּגעלאָזט דאָס צאַפּקעלע איבער די אויערן. אויף די הענט טראָגט ער אַ פּאָר אויסגעקראַכענע הענטשקעלעך. די פיס ביי אים זענען שוין כמעט פאַרפרוירן, דאָס נעזל איז ווייך ווי פּוטער. אַזוי לויפט ער טאָג ביי טאָג אין חדר אַריין.

אויפן וועג, — אַ האַלבן וועג פון דער שטוב ביזן חדר אַריין, אויף די קראַכמאַלנע, נאָענט צו די טשעפּלאַ, וווינט זייערס אַ הויז־פריינד שמואל־אלי פון גריצע. ווען אהר'לע איז שוין גאַנץ נאָענט צו שמואל־אלי'ס הויז איז ער שוין האַלב געפרוירן. פּונעם מויל רינט אים אַ הייס שוימל. ער גיט אַ פאַל אַריין אין דער שטוב אַריין נישט טויט און נישט לעבעדיק.

מלכהלע, שמואל־אלי'ס ווייב, ווייסט שוין די שעה ווען אהר'לה דאַרף אָנקומען, — דריי פערטל אויף ניין, — גרייט זי אים צו אַ הייס קאָכעדיק גלעזל באַוואַרקע. ווען אהר'לע קומט אָן צו דער טיר, — מיט די הענטלעך קאָן ער שוין כמעט נישט באַוועגן, — דאַן קלאַפּט ער מיט די פיס. מלכהלע עפנט אים מיט אַ פריילעך פּנים.

— גוט מאָרגן אַרה'לע! געלויבט צו גאָט אַז מען זעט דיך. קום אַריין מיין קינד, מיין שוואַלב...

אהר'לע וואַרפט אַראָפּ זיין פּאַלטעניקל, טוט אויס די הענטשקעס און כאַפּט זיך צו דעם גלעזל באַוואַרקע. אויף אַ פּאַדסטאַווע[2] ליגט אַ שפּאַר שטיקל כאַלווע.

נאָכן אויסטרינקען דאָס גלעזל באַוואַרקע איז דאָס קינד ווי ניי־געבוירן. ער וואַרפט אויף זיך אַרויף דאָס פּאַלטעניקל, ער כאַפּט דעם ראַניעץ[3] און לויפט אין חדר אַריין.

ג.
ר׳ אפרים פישל

ר׳ אפרים פישל איז א ייד א נגיד. א גערער חסיד, ער וווינט אין א פיר־צימער־דיקע דירה אויף די טווארדע־גאס. ביי אים טרינקט מען טיי א גאנצן שבת.

אין גרויסן צימער, אין דער סאליע, שטייט א גרויסער טיש, וואס ארום אים קאנען זיצן 24 פארשוין. שבת ווערט די טיר נישט פארמאכט, מען גייט אריין און ארויס. אויפן טיש ליגן עטלעכע חומש׳ימלעך.

בעתן טרינקען דאס גלעזל טיי כאפט מען אריין א שטיקל חומש מיט רש״י אדער א קורצן „אור החיים״. ביי אים שטייט א סאמאוואר וואס האלט אפשר הונדערט ליטער וואסער. אויפן טיש ליגט א שיין סערוועטן־טישטעך, עס שטייט עטלעכע טעלער מיט קאַסטקעס צוקער, אויף יעדן טעלער געפינט זיך אויך א צווענגל צו צעשפאלטן די קלעצלעך.

ר׳ אפרים פישל׳ס עלטסט טעכטערל טראגט אריין די טיי אויף א גרויסער זילבערנער טאץ, אויף וועלכער עס שטעלט זיך אויס ביי א זעכצן גלעזער.

אשר שיפער איז א שניידער וואס נייט זיידענע און אלפאגע קאפאטעס; ער דערציילט פון דער אביסינישער מלחמה מיט איטאליע. — איטאליע איז דאך רוים, וואס האט חרוב געמאכט דאס בית המקדש, — זאגט ער. — היילע סעלאסיע שטאמט פון יידן... מען זאגט גאר, אז ער איז א ייד, אז ער קומט ארויס פון שלמה־המלך. ער עט זעיען, אז איטאליע וועט איינגעמען א שווארצן סוף. ער וועט פאלן.

הער באומשטיק פון „סטריבוציע״ — געוועלב זאגט,

אזא ווינטער געדענק איך נישט. איך בין נעכטן געשטאנען אין דער „אטשערע"ביים קוילן־סקלאד אויף די פאנסקא־גאס צוויי מיט א האלבע שעה ביז איך האב געקריגן צען קילא קוילן. הלוואי זאל דער ווינטער אדורך בשלום...

דו קאנסט הערן ווי ר' שלום דערציילט אז יאשע האט זער א רייכן שידוך געטון מיט זיין זון חנן, — ער איז דאך א בן־תורה, א תלמיד פון דער לובלינער ישיבה. ער האט זיך משדך געווען מיט די פאסטאג'עס... — עך ווייסט נישט די גרויסע גבירים פון די אייזן־סקלאדעס, מאדזשיצער חסידים, אויף אונדז געזאגט. די כלה, — מען זאגט אז זי איז קיין עיין־הרע א קראסאוויצע, א קייסערינע!...

— פארוואס נישט, — רופט זיך אן פסח־שוחט, — זי איז דאך אויפגעכאוועט געווארן אין האניג און מילך, אויף אונדזערע קינדער געזאגט אן זייער שאדן.

אזוי זיצן זיי ביי אפרים פישלען, טיי־טרינקערס פון אלע שיכטן — חסידים פון אלע רבי'ס, סאכאטשעווער, פּאַריסאווער, ראדזינער, גערער, אויך סתם יידן: סוחרים, קליינהענדלער, און בעלי מלאכה. א טייל טרינקען אויס דאס גלעזל טיי און זאגן „א גוטן שבת", אנדערע טרינקען נאך א גלעזל און נאך א גלעזל, און דערווייל כאפט מען אריין א נייעס, א מעשה'לע א געשעעניש.

די טיר מאכט זיך נישט צו פון אינדערפרי, באלד נאכן צווייטן מנין ביז מען הויבט אן צו דאווענען מנחה ווערט געטרינקען טיי. הונדערטער מענטשן זענען זיך מחיה מיטן קאכעדיקן גלעזל טיי. ר' אפרים פישל קויפט זיך ממש עולם־הבא מיט זיין טיי. דער אלטער חנא זאגט, אז אויב ר' אפרים פישל האט באדארפט צו קומען אויף

דער וועלט נאר מהנה צו זיין דעם „עולם" מיט הייסע טיי, דיינו...

ד.

מ׳טיילט טיי אין די גאסן

דער טערמאמעטער ביי קאזשימיערסקעס אפטייק אויף די עלעקטאראלנא גאס ווייזט 31 גראד פראסט. די פאגאטאוויע[4] קעטשלעך ברענגען יעדע עטלעכע שעה אפגעפרוירענע מענטשן — ווער מיט א געפרוירן אויער, אן אנדערער מיט געפרוירענע פינגער. די קעלט שניידט אן רחמנות.

— אזא ווינטער געדענק איך שוין נישט עטלעכע און דרייסיק יאר, זאגט הער פאדאלסקי. דער מאגיסטראט[5] האט אויפגעשטעלט אויף די גאסן אייזעלעך וואס ווערן געהייצט מיט קאָקס־קוילן דורכגייער שטייען און ווארעמען זיך די אפגעפרוירענע הענט און פיס. מענטשן לויפן אין די גאסן מיט אראפגעלאזטע היטלעך. די פלייצע־טרעגערס אויף די גנאינע און אויף די פטאשע גאס קלאפן מיט די הענט אויף די אקסלען זיך אביסל צו דערווארעמען. די אטשערעס ביי די קוילן־סקלאדעס ווערן וואס אמאל לענגער. כדי צו קריגן געקויפט א צען קילא קוילן מיט האלץ מוז מען אוועקשטיין שעהן. די וועגן זענען פארלייגט פון די שנייען. מען קאן נישט צופירן קיין קוילן. אויך די „טאוואראווע" באן האט אויפגעהערט צו פארן די שינעס זענען פארשיט ביז א קנאפן מעטער די הויך. דער ראדיא מעלדעט אז ביי דער ווייסל הערשט 40 גראד פראסט. ביסלעכווייז ווערט אויך א מאנגל אין ברויט. די וואסער־רערן ווערן פארפרוירן, א טייל פלאצן אויף פון פראסט.

אויף די ביעלאַנסקאַ גאַס האָט געפּלאַצט אַ הויפּט־רער — די גאַס איז פאַרפּלייצט. די שולעס זענען שוין עטלעכע װאָכן געשלאָסן.

נאָר די חדרים זענען נישט מותר. אויפהערן צו לערנען תורה — דאָס נישט. דאָס טאָר מען נישט! דאָס געזאַנג פון די תינוקות של בית־רבן הערט זיך אַרויס אין די גאַס אַריין — „ויאמר — ער האָט געזאָגט, אדוישעם — גאָט, אליו — צו אים, לאמר — אַזוי צו זאָגן"...

טראָץ די גרויסע פּרעסט זענען די גאַסן אין די יידישע קוואַרטאַלן פול מיט מענטשן. מען לויפט, מען איילט זיך. װאַרשעװער איינוווינער, אויך פּראָווינצער מיט די אויסגעריבענע פּאַלטעניס, און מיט שטיוול וואָס עס פּילט זיך פון זיי דער ריח פונעם טראָן. לויט זייער מיינונג איז טראָן אַ סגולה צו אריכות־ימים פאַר די שטיוול.

צען אַזייגער פאַרמיטאָג. די פּויערים וואָס זענען געקומען אין שטאָט אַריין פאַרקויפן זייער גרינס, גרייטן זיך שוין אַהיימצופאָרן מיט זייער פערד און װאָגן — קיין מילאַסנע, זיעלאַנקאַ אָדער קיין פּיאַסעטשנאַ. פון צייט צו צייט פאָרט אַדורך אין גאַס אַ פערד און װאָגן מיט ווייס זאַמד אויסצושיטן אויף די פּאָדלאָגעס. ווייס זאַמד ווי שניי, — שרייט דער פּויער, — פאַר 20 גראָשן אַ קיבעל!

אויף די הייף באַווייזן זיך ביסלעכווייז די „אַלטע־ברויט־זאַמלער". — אַלטע ברויט אַלטע חלות, אַלטע שטיקלעך ברויט! וואַרפּט'ס אַראָפּ. אַלטע וואַאַבאַ,[6] אַלטע מיידן, וואַרפט אַראָפּ פון דריטן שטאָק!

די סטרוזשעס קערן דעם טראָטואַר ווי אויך דעם שאַסיי וואָס אַ טייל פון זיי זענען געבריקעוועט פון שטיינער. דער פּאַטשט־טרעגער לויפט שנעל און גיט גוט אַכטונג

ער זאל זיך נישט אויסגליטשן. דער מאגיסטראט האט מאביליזירט הונדערטער ארבעטער צוזאמענצושארן דעם שניי אויף קופעס. דער פראסט קנאקט.

די אינסטיטוציע „בית לחם" וואס זארגט פאר נויטבאדערפטיקע מענטשן זיי זאלן באקומען פעקלעך אויף פסח אדער סוכות, זארגט אויך פארן כלל, — פארן דורכגייער אין גאס און אויסנאם.

„בית לחם" ארגאניזירט אויטאס. אויף יעדן אויטא איז ארויפגעשטעלט א טאנק, אונטערן טאנק איז אונטער־געלייגט קאקס־קוילן. אין טאנק קאכט זיך א גאנצע צייט הייס וואסער צוזאמען מיט „סענץ. עס שטייען צוויי קיבלעס, איינער מיט בלעכענע טעפלעך, אין דעם אנדערן ליגן אנגעשניטענע „מוציאות" ברויט. דער אויטא שטעלט זיך אפ אויף די סמאטשע ראג נאוואליפיע. דער שאפער גיט א שפרינג אראפ פון סאמאָכאָד און רופט אויס מיט א קול: — הייסע קאכעדיקע טיי! „גאַראַנצא הערבאַטאַ"! די טיי ווערט געטיילט בחינם. דורכגייער, דורכלויפער, שטעלן זיך אפ א ווילע, מען כאפט דאס טעפל טיי מיט א „מוציא" ברויט, מען לויפט אריין אין א טויער, ווייל אין גאס פאסט נישט צו טרינקען. „האוכל בשוק הרי זה דומה לכלב", דאס הייסט ווער עס עסט אין גאס איז געגליכן צו א הונט. מאנכע מאכן אויך א „שהכל".

מענטשן זענען זיך פשוט מחיה; — אזא אויפטו, — זאגט הער מונק פון ספרים־פארלאג, — נאר א יידישער קאפ קאן אויסקלערן אזא זאך מחיה נפשות צו זיין מענטשן וואס זענען האלב געפרוירן!

וולאדעק איז א שאפער פון א גרויסן אָמניבוס וואס פארט אויף דער ליניע זשעלאזנא, נאוואליפיע־סמאטשע־

דזיעלנע און ווייטער. ער זיצט אויבן אין זיין קאַבינע. די קאַבינע איז אָפּגעטיילט פון די פּאַסאַזשירן מיט אַ גלעזערן ווענטל. די פענצטער פונעם אויטאָבוס זענען פאַרפרוירן, מען זעט כמעט גאָרנישט אַדורך. דאָס איינציקע פענצטער דורך וועלכן מען קאָן זען וואָס עס טוט זיך אין דרויסן, דאָס איז וולאַדעקס פענצטער. ער, ווי דער שאָפער, מוז האָבן אַ פרייען בליק, ער פירט דאָך די מאַשין מיט 50 פערזאָן. ביי זיין פענצטער איז פאַראַן אַ ספּעציעלע איינריכטונג אַז עס זאָל נישט געפרוירן ווערן.

יוזשעק, דער קאָנדוקטאָר, ווען ער ווערט אַביסל פריי, נאָך דעם ווי ער האָט שוין פאַרקויפט די בילעטן, כאַפּט ער זיך צו נאָענט צו וולאַדעקן און קרייעט אַרויף צו דער קאַבינע וווּ וולאַדעק זיצט. — וולאַדעק! — שרייט ער אַרויף, — קוק אַראָפּ אונטן, וועסטו זען אַ שיינע זאַך, ווי די זשידלאַקעס טרינקען קאַכעדיקע טיי.

— יאָ. — זאָגט ער, — איך זע. ער אַליין וואָלט אַראָפּגעקראָכן און זיך צוגעכאַפּט צו אַזאַ טעפּל הייסע אָנגעצוקערטע טיי, די פּאַסאַזשירן וואָלטן געוואַרט אַ צוויי־דריי מינוט...

כאָטש ער טראָגט אַ פּאָר לעדערנע הענטשקעס, זענען ביי אים די שפּיץ־פינגער געפרוירן.

— „אַני מאַיאָן ראַציע" — זיי זענען גערעכט, זיי האָבן שכל, זשידזיי", — זיי, די יידן האָבן שכל, „פּשאַקרעוו כאָלעראַ"[7] — ענטפערט אים יוזשעק מיט אַ קליין קללה'לע.

דער אָמניבוס שטעלט זיך ביי דער סטאַציע אויף די דזיעלנאַ ראָג סמאָטשאַ. אַ טייל גייען אַראָפּ און אַנדערע גייען אַרויף און וולאַדעק פאָרט ווייטער. יוזשעק, דער קאָנדוקטאָר קאָן זיך נאָך אַלץ נישט שענקען.

בנימין דאַווידזאָן

— פארוואס פאלט נישט איין מיינע ברידער, די פאליאקן, אזא פשוטע זאך, ווי אוועקשטעלן הייסע טיי אינמיטן גאס אין א גרויסן פראסט? נאר יידן האבן ליב הייסע טיי? איך פארשטיי נישט, איך פארשטיי גארנישט...

---

1) מילך־קראם

2) אונטער־טעלערל

3) שול־רענצל

4) גיכע הילף

5) שטאט־ראט

6) ווייבער

7) „הינטיש בלוט" — א פאפולערע קללה אויף פויליש

דער דיאלאג

(קראכמאלנער נוסח...)

אזוי האבן זיי זיך באגעגנט, דער ווארשעווער מיטן לובלינערביים דאנציגער וואקזאל.ביידע געפינען זיך אויף לעטניסקאַ[1] אויף דער „ליניע".

דער ווארשעווער פארט יעדעס יאר קיין שווידער נעבן אטוואצק; דער לובלינער האלט זיך אויף ביי א שוועסטער וועלכע האט אן אייגענע ווילע אין פאלעניץ, נאענט צו דער קאלעיקא, אקעגנאיבער בערסאָנ׳ס ווילע און נישט וייט פונעם וועלדל.

באלד זענען זיי אריין אין א געשפרעך: —

— שלום עליכם!

— עליכם שלום!

— פון וואנען זענט איאַ?

— א לובלינע.

— און פון וואנע זענט איע?

— א ווארשעוואָ.

— איע זענט פין ווארשע, אזוי ווי יעד בין פין לובלין.

— ווען כ׳בין אלט געווארן צוויי יאע האט זעך די מאמע אהין געצויגן קא ליבלין.

— כ׳זאל אזוי זאאן גיזינד אז כ׳בין פון ווארשע.

— כ׳גלייב אאך נישט.

— דער קאפ זאל מאַ אזוי לעבן (ווייזט אויפן קאפ).

— ס׳איז נישט וואַער.

— מ׳זאל אזוי ביידע לעבן.

— ס׳איז שוא ושקר.
— מ׳זאל אזוי האבן די פריי.
— ס׳קען נישט מעגלעך זיין.
— כ׳זאל אזוי דערלעבן אהיימצוקומען — צו מיין פראָ מיט די קינדאָ.
— ס׳הייבט זיך נישט אע, ס׳לאזט זיך נישט אעס —
— וואס אט איע געזאגט — צו אַיער פראָ?
— איע אט דעך מע פריע דערציילט, אז איע זענט נאך א פראַ־ליידיגער — דאס הייסט א קאוואליע.
— טא וואזשע גייט אייך אן; טא וואזשע דארט אייער קאפ?
— זאל אַך דאָרן דע קאָפ.
— וואס שעלט איר מיעך?
— א נאָמע נאָך אייך!
— וואָעס?
— א קליין קינד זאל נאך אייך הייסן!
— וואס שעלט איר מיך וואַטע?
— איך הייס אייך עפעס גנב׳ענע?
— גייט ווערט מע ראעט געבראכן!
— זאל אייך אַ פאפלעקסיע טרעפן!
— איא זאלט מא קריגן א גלעט פון א באלקאן און א קוש פון א טראַמוויי!
— אזאאן מיאוס מאָעל האב איך נאך נישט געהערט.
— זאַאט מאָ פאר א שיינע ריינע געפאָרע![2]
— מ׳זאלען מאביידע גייען אין די האַאַזאָ, איאך נאך דירה־געלט און איא נאך „פיאַנטקאָווע״.[3] פון היינט איבער־א־יאר זאלן אייך אלע ציין ארויספאלן — נאר איין צאען זאל אייך בלייבן, פאר ציין ווייטאג.

— איע שעמט אייך גארנישט אזוי צו שעלטן?

— דאס הייסט געשאלטן?

— ווען ס'גייט נישט פאר ראש־השנה, און ווען כ'האב נישט קיין מורא פאר גאט, וואלט איך אייך געוויזן, וואס הייסט צו טשעפען מיט א ווארשעווא.

— שעמט אייך, שעמט אייך!

— שעמט איא אייך אין אַיאַר וואטן האלדז אריין.

איא זאלט זאך ריקן אויפן בויך, ועט איר זיך איינברענגען האלבע זוילן.

— אזאן מאָעל האב איעך נאך נישט געהעיעט צאאט כ'לעב

— שעמט אייך פאר די פיע וועגט — איע זענט א גראבער יונג!

— מאכט צו אַיאַ פיסק — וואאל אויב נישט — ועל איך אייך אויסהאקןביידע „שליפיעס"[4]

— שייגעץ!

— פאסקודניאק!

— איע זענט א מאמזע!

— זענט איא א בענקאט! —

— איא זענט א מענטשן־פרעסאַ, א אויערן־באַסאַ, א הינטישע נשמה!

— כ'וויל אייך עפעס פרעגן — וואס אט איע זעך עפעס ציגעטשעפעט צי מיע?

— זאל זאך צו אייך צוטשעפען א לאקאמאטיוו פון א שנעל־צוג!

—אפשר לאזט איע מיעך צירי? —

— וואס בין איעך אייערס א טאטע, א ברודער, — וואס ווילט איע פין מאַאַנע יארן?

— וואעס? וואס האט איא געזאגט — אַז איאַ זענט

בנימין דאַווידזאָן

מאאן טאטע, אויב איא זענט מיין טאטע, וויל איאך זאאן א יתום.

— איע עט נישט ארויס פין גיהענים!

— און אייך וועט די ערד באלד נישט צונעמען — אויפן יידישן בית־החיים וועט מען אייך נישט וועלן באגראבן — איא זענט דאך א בענקאט; אויפן גוישן „צמענטאַזש״ וועט מען אייך נישט וועלן לייגן — אזוי וועט איר זיך וואלגערן אין די גאס ווי א ...

פונדערווייטנס הערט זיך דאס פייפן פון דער באן. עס זעט זיך אויך דער געדיכטער רויך וואס גייט ארויס פונעם לאקאמאטיוו —

— אָ אַ ווייטאג צו מיר — זאגט דער ווארשעווער, כ׳האב דאך אינגאנצן פארגעסן צו קויפן א בילעט.

ער לויפט צו דער קאסע; דער „גלאשניק״ רופט אויס: — אלע פאסאזשירן ווערן געבעטן ארויסצוגיין אויפן פעראן — נאך דריי מינוט פארט אפ דער צוג!

דער ווארשעווער לויפט ארויס אויפן פעראן, טראגנדיק צווייי וואליזקעס — ווו איז דער לובלינער? געלויבט צו גאט אז כ׳בין זאאן שווארצע פטור געווארן.

---

1) זומער־וווינונג

2) כפרה

3) וואָכן־געלט

4) אויגן

דער לעצטער מנין

אנדערש ווי אנדערע בתי מדרשים אין ווארשע איז דאס בית־המדרש אויף סמאטשע 22, — איין און איינציק, אן אויסנאם, א יוצא מן הכלל.

אין אונדזער בית המדרש קאן מען טרעפן שבת א מנין, ווען אין אלע בתי מדרשים איז שוין פון לאנג אפגעדאוונט. די מתפללים, די בעלי בתים זיצן שויןביים טיש, ביי דער שבת־סעודה; אלע שולן, שטיבלעך, בתי מדרשים זענען אין דער צייט פארהעמערט — איין פלאץ אין גאנץ ווארשע וואס איז נאך אפן, דאס איז אונדזער בית המדרש.

ווי דער מנהג איז — האט יעדע שול, יעדעס שטיבל, זיין סדר פון דאווענען — אין איין שול דאוונט מען השכמה אדער איין מנין, אין אן אנדער בית־המדרש צוויי מנינים — דער שפעטסטער מנין פאנגט אן האלב עלף — דריי פערטל אויף עלף אזייגער — אין דעם בית המדרש איז פאראן א מנין א פערטל נאך צוועלף.

ווער זענען די דאווענער׳ס — וואס עפעס אזוי שפעט צו גיין דאווענען? ווי מען דערציילט, — אין אמעריקע, ביי די רעפארמיסטן, פירט מען זיך, אז מיטאג־צייט, ווען מען פארמאכט דאס געשעפט, — כאפט מען זיך אריין אין טעמפל אריין, — אויך אפגעבן א דאנק דעם ליבן גאט פאר די וואך וואס איז אוועק, און בעטן פאר די וואך וואס דארף קומען. אבער ביי אונדז אין ווארשע, קאן מען חס וחלילה, נישט חושד זיין קיין ייד, אז ער

קומט דאווענען גלייך פון געשעפט. האלט ער אפן דאס געשעפט — גייט ער מער נישט דאווענען...

דאס בית המדרש אויף די סמאטשע 22 געפינט זיך אויפן צווייטן שטאק, איבער דער מקווה, אזוי אז דו קאנסט זיך טובל זיין פארן דאווענען. כאטש אפטמאל מאכט זיך, אז דער בעדער האט נישט גענוג געהייצט און דורך אזא טבילה קאנסטו לייכט כאפן א לונגען־אנצינדונג, פונדעסטוועגן, יידן קוקן נישט — איז די מקווה נאר לוילעך, לאזט מען זיך אראפ, נישט קוקנדיק, נישט טראכטנדיק. טבילה איז איינע פון די גרויסע יסודות ביי די חסידים — צו פארטרייבן די „סטרא אחרא״, אראפ צוווארפן פון זיך די טומאה.

— איך געדענק, — זאגט מיילאך שוחט — ווען דער טאטע מיינער פלעגט אויפהאקן דאס אייז מיט א העקל, ביי אונדז אין די „דזשיקע״ און זיך טובל'ען, און דא האבן מענטשן טענות, אז דאס וואסער איז נישט הייס — שעמען מעגט איר זיך! — צעשרייט זיך מיילאך.

מערסטנטייל איז אבער אונדזער מקווה א קאכעדיקע, אז קוים וואס מען קאן אריינשטעקן א פוס.

דער לעצטער מנין, וואס הויבט זיך אן נאך צוועלף און ענדיקט זיך נאנט צו צוויי אזייגער, איז א גאנץ היפשער מנין; עס באטייליקן זיך אין אים פון דריי ביז פיר מנינים.

די מתפללים — רייכע יידן און ארעמע, — חסידים, מתנגדים, יונגעלייט און עלטערע; וואס טראגן א „יידיש היטל״ אדער א סאמעטן היטל, אדער גאר א מאדערנעם קאפעליוש, מיט א רויטע פעדער; אן ארעמאן אן אביון מיט אן אויסגעקראכן צייגן כאלאטל און אנדערע.

מיט די אלע פונעם לעצטן מנין האט עפעס פאסירט

— מ׳קאָן אָבער אויך טרעפן עטלעכע װעלכע פּאַרשפּעקטיקן זיך יעדן שבת — סתם פּעפּער׳ס.

שמואל זײנװל פון די קראַכמאַלנע איז אַ סוחר פון אַ מעל־געשעפט. ער איז „אױפגעװעזן" אַ גאַנצן דאָנערשטיק בײנאַכט, ער האָט אױסגעװױגן בײ אַ 10 — 12 זעקלעך מעל, — איז ער געשלאָפן דעם פרײטיק־צונאַכטס װי אַ „פגר". ער איז קוים אַראָפּ פון בעט האַלב עלף אַזײגער.

און אַנדערער — משה יצחק זיסקינד איז, נעבעך, אַ גאַנצע נאַכט געזעסן בײ זײן צװײ־יאָריק טעכטערל װאָס האָט אַ שװערן קאַקליוש.

הער בוימהאַלץ פון רעסטאָראַן האָט געמוזט פירן זײן פרוי אין „זאַקלאַד" אַרײן אויף די אײזנגאַס. אַז די פרוי זײנע איז ב״ה „איבערגעקומען" און האָט געבוירן, מיט מזל, דאָס צװײטע מײדעלע, זאָל ער נישט גײן דאַװענען? ער דאַרף דאָך מאַכן אַ „מי שברך" און געבן אַ נאָמען.

מאיר׳ל פינטשיק פון דער בעקערײ אויף די אַגראַדאָװע גאַס, באַקט אַ גאַנצע נאַכט חלות אויף שבת און פרײטיק שטײט ער אַ גאַנצן טאָג אויף די פיס ביז אַ פּאָר מינוט נאָך ליכט־צינדן. ער מוז דאָך אַרײנשטעלן די לעצטע טשאָלנטער אין אויװן אַרײן. ער „זדאַנזשעט" נאָר זיך אַרײנצוכאַפּן אין מקוה אַרײן און זיך אָפּװאַשן אָן זײף.

װידער אַ מתפלל — הער בעלמאַן, דער אַפּטײקער װאָס האָט אַ „סקלאַד אַפּטעטשני" אויף די סמאַטשע 1. באַלטשע פעלדשער האָט אים אַרױסגענומען פון בעט, פרײטיק־צונאַכטס דרײ אַ זײגער, ער זאָל צוגרײטן אַ רעצעפּט פאַר אַ קראַנקן, װאָס האָט באַקומען אַ „נאַפּאַד" אויפן הארץ, לא עלינו...

א מעלה יתרה האט דער מנין — אז דער וואס קאן קיינמאל נישט אין זיין לעבן, ביי זיך אין שול, אדער בית המדרש, זוכה זיין צו קריגן „דאס ברעטל", — דא קאן ער זיך געבן א כאפ צו, און עס איז פארפאלן, — גיי רייס אים אוועק פון „עמוד" — זאל ער זיין דער גרעסטער „גראבער יונג"... א סאך מאל מאכט זיך אז דער „עולם" הויבט אן קלאפן אין באַלעמער אריין — עס האט זיך צוגעכאפט איינער א „גאלע־בראָדעק"[1] — מען זאגט אויף אים אז ער איז, רחמנא לצלן, אויך א „מחלל שבת" — ער שטייט ביים עמוד און זאגט שוין מיט א ניגון „שוכן עד מרום וקדוש שמו"...

נאך א מעלה האט דער „מנין" — אז מען איז גארנישט מנדר ביים „מי שברך"; די בעלי בתים ווייסן קלאר, ווען נישט דער שפעטערדיקער מנין וואלטן די אלע יידן געדארפן דאווענען „ביחידות", — לאזן זיי זיך קאסטן, בכדי אז דער מנין זאל זיך האלטן.

גאנץ קארגע און האלב־קארגע ווייסן פון דעם „סוד"... אזוי ווערט דער מנין גרעסער פון שבת צו שבת, — פון דריי ווערט פינף, און ווען עס קומען די אלול־טעג קאן מען טרעפן א זעכציג־זיבעציק יידן וועלכע גייען מיטן טלית אונטערן ארעם אין דער ריכטונג פון סמאטשע 22.

---

1) וואס ראזירט די בארד

יאַנוש קאָרטשאַק

באהיט און באשערעמט זאל זיין דאס קינד וואס דארף אנקומען אין אן יתומים־הויז. ווען עס פאסירט אן אומגליק, לא עלינו, און עס בלייבט א יתום, ווערט דאס קינד אריינגענומען צו א משפחה — צו א פעטער אדער א מומע. זענען זיי פארמעגלעך, האלטן זיי דאס קינד א לענגערע צייט, א יאר אדער מער. און אויב זיי זענען ארעמעלייט, זוכן זיי פארן קינד א קינדער־היים, א בית־יתומים, וווּ עס דערציט זיך ביז עס ווערט גרויס.

אזוי ווי ס׳זענען פאראן „האלבע" יתומים, „קיילעכ־דיקע" יתומים, זענען אויך פאראן „לעבעדיקע" יתומים... דאס זענען אזעלכע קינדער, וואס די שטוב איז קיין שטוב נישט, טאטע־מאמע רייסן זיך ארום ביי די קעפ, און ס׳פעלן נישט קיין צרות. אין אזא פאל דארף מען די קינדער ראטעווען. זוכט מען פאר זיי א מין אינסטיטוציע וווּ מען זאל אריינגעבן די אומגליקלעכע קינדער, וואס דער גורל איז לגבי זיי אזוי אכזריותדיק.

ביי אונדז אין הויז, אויפן צווייטן הויף, האבן אין די קעלער־שטובן געוווינט צוויי פאמיליעס. איין פאמיליע א קריסטלעכע, וואס האט געהאט א מאַנגלארניע צו „מאנגלען" וועש — מיר קינדער פלעגן אזוי שטיין ביים פענצטער און זיך צוקוקן ווי מען לייגט אריין אין דער מאשין די צעקנייטשטע ליילעכער און ווי זיי דרייען זיך ארויס פון דער צווייטער זייט גלייך, ווי געפרעסט.

זונטיק, האבן מיר אין צווייטן הויף נישט געקאנט

ארייַנגיין — דער ריח פונעם טריפה׳נעם געקעכטס האט זיך צעטראגן איבערן גאנצן הויז. דער ריח האט זיך ארויסגעריסן פונעם פענצטער פון „מאנגלאזש״...

אין דער צווייטער דירה פונעם קעלער־שטוב האט געווינט א פאמיליע, — זייער נאמען האבן מיר קיינמאל נישט געוווסט... זיי האבן געהאט א מיידעלע פון א יאר 12, וועלכע האט געלערנט אין א „פאוושעכנע״[1] שקאלע. איר נאמען האבן מיר יא געוווסט — סאַלקאַ. אויף איר פנימל איז שטענדיק געווען אויסגעגאסן א בלאסע טויטקייט — א בלייך, דאַר קינד, וואס דער אימת המות גייט קיינמאל נישט אראפ פון איר יונג פנימל.

סאלקא פלעגט זיך באטייליקן מיט אונדז אין אונדזערע שפילערייען, אין „באהעלטעניש״, אין „יאגעלעך״. מיר קינדער האבן פארשטאנען, אז דאס דאזיקע מיידעלע מוז זיין אויף גרויסע געהאקטע צרות. מיר האבן נישט געוווסט גענוי וואס און ווען, אבער אין אונדזער קינדערישן הינטער־באוווסטזיין האבן מיר געפילט אז דאס קינד ליידט אינדערהיים... אפשר האט זי א שטיפמאמע? ... אפשר האט זי נישט צו עסן? איר העלפן — זענען מיר נאך דעמאלט נישט געווען בכוח...

איינמאל אין א פרייטיקצונאכטס ווען מיר האבן אזוי שפאצירט, יוזיעק, מאניעק און איך, האבן מיר מיטאמאל דערהערט ווי פונעם קעלער־שטוב ווו דאס מיידעלע וווינט רייסן זיך ארויס קולות, געשרייען ביז צום הימל... צום פענצטער האבן מיר מורא געהאט צוצוגיין אבער מיר האבן זיך פאמעלעך דערנענטערט... איין שויב פונעם פענצטער איז געווען אויסגעהאקט און אויף איר ארט ארייַנגעשטעלט א שטיקל קארטאן. דורך

די שפארעס פונעם קארטאן האט מען געקאנט באמערקן ווי סאלא'ס טאטע לויפט ארום ווילד, מיט א צעשויבערטן קאפ און שרייט, און שרייט...

— גענוג, טאטוש, טאטושו, גענוג!

מיר האבן שוין אלץ פארשטאנען.

שכנים האבן זיך אריינגעמישט אז „מען מוז דאס קינד פון דארט ארויסנעמען, מען מוז ראטעווען א יונגע נשמה,"...

מען האט סאלע'ן אריינגעגעבן אין „דאָם שעראָט" — אין יתומים־הויז אויף קראכמאלנע גאס.

אין א זונטיק נאכמיטאג, ווען אלע געשעפטן זענען געשלאסן, האבן מיר געהערט א קלאנג אז בראָנקא, די טאכטער פון הער צימערמאן, גרייט זיך צו באזוכן סאלא אין יתומים־הויז. איי, ווען זי וויל אונדז מיטנעמען!...

— קינדער! ווער עס וויל קאן מיט מיר מיטגיין, — האט בראנקא געזאגט.

מיר זענען געגאנגען באזוכן סאלא אין יתומים־הויז.

ווי זעט דארט אויס?... ס'איז דארט מסתמא זייער פינצטער, קאלט, און עס דרייט זיך ארום אן אויפזעער מיט א קאנטשיק און האלט אין איין שרייען...

בראנקא האט געקויפט א בוקעט בלומען און מיר האט די מאמעשי געגעבן געלט צו קויפן א גרויס פעקל „פלוטאָס"־טשעקאלאדע. ווען מיר האבן זיך דערנענטערט צום יתומים־הויז האט זיך פונדערווייטנס באוויזן דאָס שטארקע ליכט פונעם עס־זאל. הייסט עס, אז עס איז נישט אזוי פינצטער...

מיר זענען אריין אינעווייניק, ווען די קינדער האבן געגעסן אוונטברויט. מיר האבן זיך פארגעשטעלט פאר דער

סעקרעטארקע. זי האט אונדז זייער העפלעך אויפגענומען און אונדז געבעטן זיצן אינעם שיינעם לייען־זאל. סאלא האט זיך מיט אונדז צעקושט. מיר האבן איר געגעבן די שיינע בלומען. זי האט געוויינט פאר פרייד.

נישט צו דערקענען. אזוי ריין, געקליידט, שיין פארקעמט די האר, נישטא קיין סימן פון מרה־שחורה. זי האט מיט אונדז פארברענגט א פאר מינוט און זי האט זיך אנטשולדיקט אז זי מוז צוריקגיין אין עס־זאל. אין א פערטל שעה ארום קומט זי צוריק.

מיר האבן זיך צוגעקוקט צו די גרויסע טישן, געדעקטע מיט ווייסע ציכטיקע צעראטעס. און אויף די טישן — די געשמאקע מאכלים.

ביי דער טיר איז געשטאנען א מענטש פון עטלעכע פופציק יאר, אין א ווייס העמד אן א קאלנער, און אויפן העמד א וועסטל און אין אויבערשטן קעשענקעלע א קליין גאלדן זייגערל.

יעדעס קינד וואס גייט פארביי זאגט אים: „דאָבראַנאָץ" — א גוטע נאכט, און דאס קינד באקומט פון אים א קוש אין שטערן.

די יתומימלעך האבן א טאטן, וואס האט זיי אזוי ליב און זארגט פאר זיי...

איך בין ארויס אין קארידאר. די טרערן האבן מיך געשטיקט. איך האב מיט מיינע אייגענע אויגן געזען — יאנוש קארטשאק, דעם טאטן פון די יתומים...

מ'פאָרט אויף דער באַן אָן בילעטן

אזוי האט געזאגט די פאראָרדענונג פון בילדונגס־מיניסטער: — יעדעס קינד ביז פערצן יאר אלט, קאן פארן מיט דער באן אין דער צייט פון וואקאציע. ער דארף נאר ווייזן ביי דער קאסע א מעטריקע[1], — באקומט ער א בילעט צו פארן אומזיסט אויף אלע באן־ליניעס.

די פאראָרדענונג איז געקומען, כדי די שול־קינדער זאלן אביסל פארברענגען און דערביי באקענען דאס לאנד.

דעם ערשטן זומער זענען די באנען געווארן פארפלייצט מיט די קינדער. אלע וואגאנען, אויך די ערשטע און צווייטע קלאס, וועלכע זענען מעבלירט מיט פלושענע בענק, קאזעטקעס, שפיגלען און נאך אנדערע איינריכטונגען. די קינדער האבן געטון וואס זייער הארץ גלוסט — זיי האבן געטרעטן מיט די פיס אויף די בענק. די קאנדוקטארן האבן זיך נישט געקאנט קיין עצה געבן, דער שאדן איז געווען א גרויסער. קינדער האבן אויסגעהאקט די געשליפענע שויבן, צעריסן דעם פלוש און געמאכט פון אלעם א תל.

דאס צווייטע יאר האט די באן־לייטונג אנגענומען קעגן דעם מיטלען; — די פאראָרדענונג האט דאן געזאגט: א קינד קאן פארן נאר מיט אן „אפיעקון", דאס הייסט אונטערן אויפזיכט פון א דערוואקסענעם מענטש, עלטער פון 18 יאר; ווען א דערוואקסענער קויפט א בילעט קאן ער קריגן בילעטן בחינם פאר קינדער.

בנימין פריוואס, פאר ליבשאפט רופט מען אים אינדערהיים — „יאַמאַלע" — א יינגל פון 12 יאר, —

זיין פאטער, ר׳ שלום פריוואס איז דער אדמיניסטראטאר פון דער גרויסער „קאמיעניצע״[2] אויף פזשעיאזד ראג לעשנא. זיי ווינען אויף קארמעליצקע אקעגנאיבער די נאוואליפקי, כאטש זיין פאטער איז א פארגעשריטענער מענטש, און איז גלייכצייטיק אויך רעליגיעז, האט דאס צוועלף יאריקע יינגל נישט קיין פרייהייט. די באבעשי, זאל זיין געזונט, וואס געפינט זיך ביי זיי, היט אים ווי אן אויג אין קאפ; — גיי נישט אראפ אויפן הויף, — בעט זי זיך ביי אים, — קאנסט נאך קריגן א קאפ פון קובוש; למען השם — זאלסט זיך נישט שפילן אין יאגערלעד, דו קאנסט זיך נאך דערשוויצן און פארקילן, אדער, חס וחלילה, צעברעכן א פוס; זאלסט זיך נישט אוועקשטעלן אין גאס, ס׳קאן זיך מאכן אן „אבלאווע״ — וועסטו דאך אנטלויפן פון דער פאליציי, קאנסטו נאך, באהיט און באשערמט זאל מען ווערן, ארונטערפאלן אונטער א דראזשקע.

אזוי האט יאמאלעס באבעשי אים געהיטן, אויף טריט און שריט. דאס טאר מען נישט, יענץ מעג מען נישט. אויף יעדע זאך וואס ער האט געבעטן דערלויבעניש ביי דער באבעשי, האט ער באקומען אן ענטפער ניין — קאנסט נאך חס וחלילה...

נאר איין זאך האט יאמאלע געמעגט טאן — זיצן אפילו א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט און זאגן תהילים.

יאמאלע האט באשלאסן, אז ער מוז ארויס פון זיין געפענגעניש, פון דער ״תפיסה„ — ער האט געמאכט א פלאן, אז ער וועט אוועק פון שטוב, קיינער זאל נישט וויסן. אנטאן עגמת נפש טאטע־מאמע האט ער נישט געוואלט. זאל ער בעטן א דערלויבעניש — אז ער וויל מאכן א „וויטשעטשקע״[3] מיט דער באן אומזיסט — וועט ער

קיינמאל אזא דערלויבעניש נישט באקומען.

כדי נישט מצער צו זיין די עלטערן, האט ער עטלעכע טעג פון דעם גערעדט — אז מען קאן פארן אויף דער באן מיט א בחינמדיקן בילעט: אויב ער וועט פלוצים נעלם ווערן, זאלן זיך די עלטערן פארשטעלן, אז ער איז אביסל אוועקגעפארן מיט דער באן...

ביסלעכווייז האט זיך יאמאלע צוגעגרייט צו פארן אויף דער באן. ער האט געלערנט די „טעכניק" מיט וועמען ס'איז כדאי צו פארן, ווער וועט אים וועלן מיטנעמען.

באלד אין די ערשטע טעג פון די וואקאציע איז ער געפארן שפאצירן א שטרעקע פון צוויי־דריי שעה הין און צוריק, — ער איז געפארן קיין אטוואצק, קיין זשעלאַנקא און דעסגלייכן.

ווען יאמאלע קומט צו צום דוואַזשעץ גלוווני,[4] אדער צום דוואזשעץ גדאנסקי[5] טראכט ער זיך אזוי: — איך בין א יידיש יינגעלע מיט א יידיש היטעלע, די פאה'לעך ארונטערגעמאכט אונטער די אויערן, — צו וועמען זאל איך צוגיין אז ער זאל מיר נישט אפזאגן?". האט ער באשלאסן, אז ער וועט זיך ווענדן נאר צו א גלח, ווייל דער גלח איז פרום און ער איז פרום...

אזוי איז געווען. דער גלח האט יאמאלען גענומען אונטערן ארעם: — קום משהלע! דער גלח האט אים בעת דער נסיעה געהיטן ווי אן אייגן קינד. טאמער האט א שייגעצל געוואלט צוגיין צו יאמאלען און אים פארטשעפען, גיבן א רייס ביי אן אויער, א ציפ ביי דער פאה, האט אים דער גלח געגעבן א זידל אן, אז עס איז אויף דעם שייגעץ געפאלן אן אימה. פאר א גלח האבן די שקצים געהאט גרויס רעספעקט.

אזוי איז יאמאלע געפארן די ערשטע צוויי וואכן פון וואקאציע, און אינדערהיים האט מען נישט געוווסט פון א יא און פון א נישט.

יאמאלע האט כסדר געמאכט פלענער צו פארן א ווייטערע שטרעקע אויף צוויי־דריי טעג. ער האט געשטרעבט צו פארן קיין לובלין זען די לובלינער ישיבה; אדער קיין קראקע צום „וואוועל". אוועק פון דער היים אויף עטלעכע טעג...

— ווי מאכט מען דאס?... דער צער פון די עלטערן, און פון דער באבעשי, וועט דאך זיין „אין לשער"... אבער איך מוז דאס טאן, — טראכט זיך יאמאלע, — „אם לא עכשיו אימתי" — ווען יא, אויב נישט היינט אין די וואקאציע־טעג?... יאמאלעס חבר, חאסקל דען, לערנט אין ווארשע אין דער פיאסעטשנער ישיבה אויף נאוואליפיע גאס. דארט האבן זיי זיך באקענט און פלעגן גיין צוזאמען צו „שלוש סעודות" צום פיאסעטשנער רבי'ן אויף די דזשעלנע גאס. אזוי ווי חאסקל וווינט אין פארטשעוו, האט ער אים אנגעשלאגן מיטצופארן קיין פארטשעוו.

אין א מיטוואכדיקן טאג — האבן די צוויי חברים, יאמאלע מיט חאסקלען זיך געלאזט אין וועג אריין. ביי יאמאלע אין קעשענע איז געלעגן 55 גראשן, — דאס סטארטשעט[6] אויף צו קויפן א בילעט אויפן טראמוויי ביז קיין פראגע צום „דוואזשעץ ווילענסקי" — דעם ווילנער וואקזאל, און פאר די רעשט, 30 גראשן, קאנסטו קויפן א האלב ברויט אדער עטלעכע בייגל.

יאמאלע האט אבער אינדערהיים נישט איבערגעחזרט, אז ער פארט, ער האט נישט געגעבן א פיפס, — טאמער וואלט ער נאר דערמאנט איין ווארט, וואלט די מאמעשי

זיינע באלד געשווירן „כ׳זאל אזוי זיין געזונט, אז דו וועסט נישט פארן״... אזוי איז ער אוועק בגנבה, בחשאי, — אין געהיים.

ביים ווילנער וואקזאל האבן זיי באלד געטראפן א באן, וואס פארט אין דער ריכטונג פון פארטשעוו, אויף דער ליניע ווארשע־בריסק. א רייכער סוחר האט פאר זיי גענומען צוויי בחינמדיקע בילעטן און מיט גרויס הנאה זיי מיטגענומען.

ביי האלב וועג פון ווארשע קיין בריסק ליגט די שטאט שעדלעץ. שעדלעץ איז א געפוצטע שטאט, ברייטע גאסן, שיינע הייזער און פיל איינגעארדנטע אינסטיטוציעס. מ׳זאגט אז דארט איז איינגעשטאנען א בארימטער קעניג־לעכער פאָלק...

חאסקל שלאגט פאָר יאמאלען, אזוי ווי זיין פעטער וווינט אין שעדלעץ, איז כדאי אז מען זאל אויסשטייגן, און צייטווייליק וועט מען קאנען אנקוקן די „קעניגלעכע״ שטאט. יאמאלע איז מסכים.

די באן האט זיך דערנענטערט צו שעדלעץ. דער לאקאמאטיוו האט פון זיך אויסגעשפיגן דעם שווארצן רויך. ווען דער רויך איז פארשווונדן האָבן זיך פונדערווייטנס דערזען די מיליטער־קאשארן, דארט וווּ עס שטייט דער צוויי און צוואנציקסטער פאלק פון פילסודסקי. די באן האט געגעבן א הילכיקן פייף, דער קאנדוקטאר האט אויסגעשריגן: „שעדלצע״! חאסקל מיט יאמאלען זענען אראפ פון דער באן.

יאמאלע האט אין טאש 30 גראשן; פאר צען גראשן האט ער זיך געקויפט א יאגדע־קיכל, און פאר נאך צען גראשן א גלאז סאדע־וואסער מיט סאק. חאסקל איז

אוועק צו זיין פעטער. זיי האבן זיך באשטעלט צו טרעפן ניין אזייגער אין אוונט אויפן וואקזאל. ער איז געבליבן אליין.

די צייט איז בין השמשות — די נאכט איז צוגעפאלן... וו גייט מען אין א פרעמדע שטאט? אין שול אריין. יאמאלע קומט אריין אין שול ביי מנחה־מעריב, מען קוקט אים גאנץ גוט אן, אבער קיינער וואגט נישט צו פרעגן: „יינגעלע, פון וואנען ביסטו און ווהין גייסטו?". לאנגזאם האט זיך דער עולם ארויסגעשארט פון שול און יאמאלע שטייט פארטראכט ביים גערטנדל נעבן די שול.

נאך אזויפיל שעהן פארן אויף דער באן און זיך מאטערן, וואלט ער געדארפט א בעט ערגעץ וו אוועקצולייגן זיין שוואכן קערפער — וואס קאן ער זיך העלפן, אז ער האט דא נישט קיין קרוב, קיין גואל... אין דעם מאמענט האט יאמאלע פארשטאנען דאס שפריכווארט וואס גייט ארום וועגן שעדלעץ אז „שעדלעץ איז א פונק פון גהינום"...

די פיסלעך האבן אים געטראגן. פון דערווייטנס האט ער באמערקט זייער א סך ליכט. ווען ער האט זיך דערנענטערט האט ער באמערקט דעם צירק וואס איז אהערגעקומען פון בוקארעשט און האט מיטגעבראכט פארשידענע חיות: לייבן, בערן, עלעפאנטן, און נאך אנדערע חיות.

ביי איין וואנט פון צירק איז די „פלאנדעקע" געווען צעריסן, האט ער געקאנט זען די פארשטעלונג שטייענדיק אין דרויסן — ער איז אפגעשטאנען א קנאפע פיר שעה.

יאמאלע הערט ווי דער זייגער פון „קאשטאל"* קלינגט אויס צען, איז ער אוועק צום וואקזאל.

דער באן־וואקזאל פון שעדלעץ האט א „שם" אין

גאנץ פוילן. די גרעסטע שטאט־וואקזאלן מעגן זיך באהאלטן פארן שעדלצער וואקזאל.

ער קומט אין וואקזאל אריין „והילד איננו" — זיין חבר חאסקל איז נישטא. פארצווייפלט, הונגעריק און אביסל געפרוירן, האט ער זיך אויסגעצויגן אויף א באנק.

דער וואקזאל איז אין דער צייט געווען לער — די באן וואס פארט קיין בריסק דורך לוקאוו, פארטשעוו, קומט אן פון ווארשע דריי אזייגער ביינאכט — דאס הייסט אין פיר שעה ארום; — טראכט זיך יאמאלע, אז ער קאן זיך אביסל אפרוען די ביינער אין די עטלעכע שעהן.

בשעת ער ליגט אויף דער באנק, נישט וואכעדיק און נישט שלאפנדיק, קומט צו אים דער בופעט־מאן און זאגט צו אים: „מאַשקו", דו ביסט אוודאי הונגעריק, — ער דערלאנגט אים א קאנאפקע[8] פון מוצא׳ס ברויט ארייג־געלייגט 2 דיקע שטיקלעך ווורשט. יאמאלע שאקלט מיטן קאפ — ניין. דער גוי זעט דאס, ברענגט ער צוויי „מאשלאנקעס" — דאס זענען זיסע זעמעלעך, געבאקענע מיט מילך, — ער שאקלט מיטן קאפ ווידער אויף ניין.

— בייגל ועסטו עסן? שאקלט ער, יא! יאמאלע האט אויפגעגעסן עטלעכע בייגל און נאכגעטרונקען א קאכעדיק גלעזל טיי — ער האט באקומען נייע כוחות אויסצוהאלטן ווייטער זיינע „איבערלעבענישן" אין זיינע „וואנדערונגען".

עטלעכע מינוט פאר דריי נאך חצות — ער איז דא „ויבוא המן" — חאסקל האט זיך דערמאנט, אז ער דארף צוריקקומען. זיי זענען ארויף אויף דער באן. קיין סך האבן זיי נישט איינגעטענה׳ט בעתן פארן. יאמאלע האט דאס אויפפירן זיך פון זיין חבר שטארק פארדראסן. — „צו זיין אזוי געמיין, אפילו נישט מיטברענגען פון זיין

פעטער א שטיקל ברויט מיט שמאלץ, בשעת ער אליין האט זיך גוט אנגעפרעסן און זיך אויסגעפּאָפן[9] א האלבע נאכט...

די באן האט זיך געשטעלט אין פארטשעוו, — זי איז דארט געשטאנען איין מינוט. מען האט באוויזן קוים אראפצוגיין פון איר. איידער יאמאלע האט זיך אומגעקוקט „כה וכה" איז חאסקל ארויף אויף א פורל מיט מילך. דאס פורל איז גלייך פארשווונדן מיט חאסקלען — ער האט אים פארראטן דאס צווייטע מאל...

יאמאלע איז א „האָנאָראָווע"[10] קינד — און אנדערער אויף זיין ארט וואלט אים נאכגעלאפן און נאכגעווארפן שטיינער, — ער האט דאס אנגענומען „באהבה".

פון דער באן־סטאציע ביזן דערפל איז א 4 — 5 וויארסט. קיין צווייט פורל איז מער נישט געווען. די עטלעכע מענטשן, וועלכע זענען אראפ פון דער באן, זענען פארשוואונדן ווי א רויך. יאמאלע איז געבליבן איינער אליין — ער האט נאר געקאנט הערן דאס בילן פון די הינט.

נישט ווייט פון דער סטאציע וווינט א ייד א מילכיקער. ווען ער האט באמערקט אז עס דרייט זיך ארום נעבן די באן־שינעס א יידיש יינגעלע, איינער אליין, האט ער אים אריינגענומען צו זיך אין שטוב אריין, אים אויסגעפרעגט, וואס ער טוט דא. ער האט אים אלץ דערציילט, וואס זיין חבר האט אים אפגעטאן... דער מילכיקער האט אים דערלאנגט ברויט מיט פוטער מיט קעז און א גוט אנגעצוקערט גלאז קאַקאַאָ.

יאמאלע האט אויפגעהויבן די הענט צו גאט, אז ער האט צו אים צוגעשיקט א „מלאך", — דער מילכיקער. אינדערהיים האט יאמאלעס מאמעשי זער געזארגט.

צי עס האט נישט עפעס שלעכטס פאסירט מיט איר קינד, וואס איז ארויס פון שטוב און מער נישט אהיימגעקומען.

דער טאטעשי, הער פריוואס, אלס אדמיניסטראטאר, האט פיל קענשאפט אין די קאמיסאריאטן. ער האט זיך פארבונדן מיטן דריטן „צערקל" און מיטן צענטן „צערקל". זיי האבן גארנישט געוווסט. ער האט טעלעפאנירט אין „טשיסטע שפיטאל" — אויך דארט האט מען געענטפערט, — „ביי אונדז ווייסט מען נישט פון א פאל מיט א יינגל וואס הייסט פריוואס".

יאמאלע איז איינגעשטיגן אין א באן וועלכע קומט פון בריסק; קיין געלט אויף קיין בילעט האט ער נישט, קיין אנדערע פאסאזשירן זענען אין פארטשעוו נישט געווען. צו זיין מזל איז אין דעם וואגאן נישט אריינגעקומען קיין קאנדוקטאר. נאך א רייזע פון א שעה צייט איז ער אראפ אין לוקאוו, דארט האט אים מיטגענומען א פאסאזשיר, וועלכער פארט קיין ווארשע.

ארום 10 פארמיטאג איז יאמאלע שוין געווען אויפן ווילענסקע וואקזאל. נאך א האלבער שעה איז ער געשטאנען ביים טויער פון זייער הויז אויף די קארמעליצקא גאס — ער האט צו זיך געזאגט: — טאמער וועט די מאמעשי אויף מיר שרייען, וועל איך אוועק, אז מען וועט נישט ויסן וו מיין געביין איז אהין.

---

1) געבוירן־שיין

2) הויז

3) אויספלוג

4) הויפט־וואקזאל

5) דאנציקער וואקזאל

יאמאלעס מאמעשי האט דאס אויך פארשטאנען,
האט זי אים אויפגענומען פריינטלעך. — געלויבט צו גאט
אז דו ביסט בשלום אהיימגעקומען, — מיט די ווערטער
האט זי אים מקבל פנים געווען און אים שטארק צעקושט.

---

6) איז געַנוג
7) קירכע
8) סענדוויטש
9) אויסגעשלאפן
10) בכבודיק

וואַרשע באַקט מצות אויף פסח

וואַרשע גרייט זיך צו פסח, — מען באַקט מצות. וואָס הייסט דאָס מצות באַקן? דאָס הייסט אַן איבער־קערעניש. אין די גאַסן פּילט מען, מען טאַפּט דאָס אָן מיט די הענט. פּראָווינצער יידן, אויך מיידלעך, קומען קיין וואַרשע זעקס וואָכן פאַר פּסח און גייען פון איין בעקעריי אין דער אַנדערער און פרעגן ווען הויבט מען אָן באַקן מצות. זיי וואַרטן שוין אויף דער „פּרנסה" אַ גאַנצן ווינטער. שוין באַלד אַדורך דער ווינטער — דער קאַלטער, דער אַכזיותדיקער, מיט שנייען, מיט פרעסט, דער זומער קומט שוין באַלד אָן — לאָזט מען זיך אַרויס קיין וואַרשע. איינער מיט אַ וואָגן, אַן אַנדערער מיטן „סטאַטעק" אַ דריטער מיטן אויטאָבוס אָדער מיט דער „קאָלעיקע".

הונדערטער יידן וואַנדערן אַרום אין שטאָט. מען קאָן זיי טרעפן אין די בתּי־מדרשים, שטיבלעך, אין אַ קאָוויאַרניע און אויפן באַזאַר ביי אַ הערינג־געוועלבל.

די בעקערייען האָבן באַנייט זייער צורה, מען האָט אַלץ אַרויסגעפּירט אין דרויסן, אַלץ איז גערייניקט געוואָרן, געפּוצט, געקאַלעכט, געמאַלעוועט. די בעקעריי איז געוואָרן אַ נייע.

ווען איך בין אַריינגעקומען אין בעקעריי אויף נאָוואָ־ליפּיע 28 האָב איך די בעקעריי נישט דערקענט, טראָץ דעם, וואָס יעדן פרייטיק טראָג איך דעם טשאָלנט. אַזוי אויך אַנדערע בעקערייען. עס זענען געבליבן גאָר ווייניק בעקערייען וועלכע האָבן זיך נישט געכשר'ט אויף פּסח,

ווייל ברויט האט מען געקאנט קריגן פון די גוישע בעקערייען, פון די פּאַרווע מילך.

אהרן פון וויערזשבניק האט זיך באַרימט, אז שוין דאס זעקסטע יאר ווי ער קומט קיין װאַרשע, און עס האט נאך נישט פּאַסירט, אז ער זאל בלייבן אן א פאַסטן.

אנשל דערציילט, אז ער קומט פון יאזעפאוו מיטן סטאַטעק. מרדכי האקע באַרימט זיך, אז ער קומט מיטן סאַמאָכאָד פון גריצע — הלוואי וואלט געווען צוויי מאל אין יאר פסח, וואלט איך גאר נישט געהאט קיין זאָרג — זאגט ער. מיטאג עסט ער אין קיך פון „הכנסת אורחים" — פאר צוואנציק גראשן א מיטאג פון פיר פּאַרציעס. ברויט און סאַדע־וואַסער קריגסטו אומזיסט, וויפל דו ווילסט. אויף וויעטשערע, קויפט ער זיך א ברויט מיט א פערטל קילא „שילאָווקעס" און טרינקט נאך א האלבע קוואָרט מילך און „ברוך ד' יום יום".

דאָווטשע — א טייערער זיידענער יונגערמאן, — ער קאן בוכהאלטעריע, ער האט אלץ אליין געלערנט, — ער זיצט און לערנט ביז שפּעט ביינאכט גמרא מיט פוסקים; ווען ער וואלט נאר געוואלט קאן ער זיין א מורה־הוראה. ער פאַרשטייט אין אלע לערעס און וויסנשאפטן: פיזיק, כעמיע, און אזוי ווייטער. ווען דאווטשע האט נאר איינמאל פּראָבירט אלס בוכהאלטער אין דער בעקעריי אויף די אגראַדאווע גאס, איז דער בעקער יעדעס יאר פאר פורים געקומען אים איינלאדן אויפסניי. די בעקעריי האט געהערט צו צוויי שותפים, אזוי אז אויף דאווטשען האבן זיי זיך געקאנט פאַרלאזן. זיי האבן צו אים דעם גאנצן צוטרוי.

אין בעקעריי זענען אויסגעשטעלט לאנגע, נייע טישן. ביי די טישן שטייען מיידלעך, פרויען אויך שיקסעס און

וועלגערן; ביי יעדן טיש שטייט א רעדלער.

אזוי גייט די ארבעט: מען שיט אריין דאס מעל אין די מיירע, נאכהער קומט דער גיסער; דער וואס גיט צו צום טיש, דער לעצטער איז דער שיבער, וואס רוקט אריין די מצה אין אויוון אריין. דער וואס טראגט צו די מצות, שרייט אויס: — א מצה אין אויוון אריין! א מצה אין אויוון אריין!

די ארבעט גייט גאנץ שנעל, פון מארן דאס טייג ביז עס גייט אריין אין אויוון אריין דארף געדויערן ביז 18 מינוט. עס דרייט זיך ארום א „נאמן" וועלכער גיט אכטונג, אז עס זאל נישט חס וחלילה אריבער די צייט.

אין פאל, ווען די מצות פארהאלטן זיך ביז צום אויוון מער ווי די צייט, פסל'ט ער דאס טייג. דאס טייג ווערט ארייגעווארפן אין מיסט אריין...

דאס געזאנג פון די ארבעטער צעטראגט זיך איבער די גאסן. מען זינגט יידישע און פוילישע לידלעך — אלץ ווערט געזונגען: „א יידישע מאמע", „רייזעלע", „ראזשינקעס מיט מאנדלען" און „אָסטאַטניאַ ניעדזשעלא"[1].

אין בעקעריי הערשט א ווארעמקייט — בשעת אין דרויסן איז קאלט, א פראסט. ווער ס'גייט אדורך קוקט אריין און איז זיי מקנא. זיי זיצן זיך אין דער ווארעמקייט אין די ליכט.

ווען שלמה'לע גייט דורך פון חדר און שטעלט זיך אוועקביים פענצטערל פון בעקעריי — זאגט ער: „הלוואי, וואלט איך געווען א גרויסער, וואלט איך אויך געווען געארבעט אינעווייניק, געבאקן מצות".

די טרעגערס דרייען זיך ארום אין דרויסן און ווארטן, אז עמיצער זאל זיי בעטן אפטראגן א באשטעלונג פון

עטלעכע פעקלעך מצות.

עס זענען אויך געווען פאבריקן פון מצות, וועלכע האבן געבאקן פיר־קאנטיקע מצות אבער נישט יעדער איינער האט געגעסן „פאבריטשנע מצות" — א טייל האבן געטענה'ט, אז דאס שמעקט מיט מאדערנע טעכניק, און מיר האלטן נישט פון מאדערנע זאכן. האנט־מצות זעען מיר מיט אונדזערע אייגענע אויגן ווי מען באקט זיי און צווייטנס, זענען זיי רונדיק אזוי ווי אונדזערע אבות־אבותינו האבן געגעסן. „מיר האלטן זיך ביים אלטן" — האבן זיי געזאגט מיט גאווה. טעכניק איז אפשר א ווילע זאך, אבער צו כשרות קומט עס נישט...

1) דער לעצטער זונטיק — אַ שלאגער

די דייטשישע שול

דריי נעמען האט די שול געהאט: די טלאמאצקע, די סינאגאגע און די דייטשישע שול. די שול איז געשטאנען אין צענטער פון ווארשע, נאענט צו ראג לעשנע — פזשעיאזד און נישט ווייט פון די ביעלאנסקע. נישט ווייט פון דארט געפינט זיך דער טעאטער „נאָוואָשטשי" און „באנק פּאָלסקי". קעגנאיבער דער שול געפינט זיך די באוווסטע ספרים־אויסגאבע „אחיאסף" און דערנעבן דער יידישער ליטעראטן־פאריין. לינקס — די גרויסע נייע געביידע פון דער „יודאיקא"־ביבליאטעק.

פוןביידע זייטן סינאגאגע זענען פאראן גרויסע הייף — דארטן וווינען די כלי־קדש: חזנים, שמשים, און דער ראבינער פּראָפעסאָר הרב ד"ר משה שאָר. די שול־לייטונג האט זיי באזארגט מיט לייטישע, פּראַקטיקע דירות.

אינעם הויף לינקס, אויפן צווייטן שטאק וווינט דער „אבערקאנטאר" הער משה קוסעוויצקי. קעגנאיבער אין דער צווייטער דירה — הער אייזנשטאדט, דער דיריגענט פונעם סינאגאגע־כאר.

אויפן הויף האט מען שטענדיק געקאנט הערן ווי דער „אבערקאנטאר" חזרט זיך דאס דאווענען אדער ווי דער פּראָפעסאָר זיינער גיט אים לעקציעס אין מוזיק.

די שמשים פון דער סינאגאגע טראגן ספּעציעלע מונדירן. און די שווארצע פעלערינעס וואס זיי טראגן, זעען אויס, ווי להבדיל די גלחים. דער הויפּט שמש הער גאָנשער, מיטן גראבן בויך, פירט אָן מיט אכט שמשים,

וועלכע זארגן פאר די ארדענונג און ריינקייט. זיי האבן זייער א וויכטיקע אויפגאבע: אויפצוהענגען דעם מאנטל פון יעדן מיטגליד און דאוונער פון דער סינאגאגע, זיי טיילן „הושענות" הושענא רבא, זיי היטן ביי דער טיר, זאל זיך נישט אריינכאפן עמיץ אן א בילעט. אין שבת מברכים ווען עס דאוונט קוסעוויצקי, נעמען זיי צוהילף אפצוהיטן די ארדענונג — די רייטער־פאליציי.

אין דרויסן, פאר דער שול, ארום דעם גערטנדל, שטייען גרופעס „אנהענגער" — א טייל פון סיראָטא, אייניקע פון „יאסעלע", אן אנדער גרופע פון הערשמאן אדער קוואַרטין.

— איר ווייסט וואס איז א חזן? ביי אונדז אין סטאשעוו איז געווען א חזן, קאן ער פארשטעקן אלע חזנים מיט סיראטען בראש...

— רעדט נישט קא נארישקייט, — רופט זיך אן איינער א פארשוין, א געגאלטער, וואס איז נאר־וואס ארויס פון דער רעזורע. איא זענט א מבין אויף א חזן אזוי ווי איאך בין א מבין אויף פעדערן!... איא גייט צוגלייכן איאָ חזן פון סטאשעוו צו סיראטען?!... איר זענט חסר דעה צי וואס?...

— אַיי, דער „רבונו של עולם" פון קווארטינען — זאגט ר' רפאל דער זייגערמאכער, וואס איז אהערגעקומען גלייך פון דאווענען ביים פאריסאווער רבי'ן...

— פרעגט מיך, וואס הייסט א חזן, — צעשרייט זיך אן עלטערער ייד פון א יאר עטלעכע זיבעציק, איך האב געשפילט אין ארקעסטער פון דער רוסישער ארמיי ביי ניקאלאי אין דעמבלינער פעסטונג. איך האלט פון איין חזן, — דאס איז סיראטא!... ער האט א שאגת ארי —

א לייבן־שטימע, א מתנת אלוקים. עץ ווייסט וואס איז א חזן?... זאגט נאר ר' ייד, — איר האט געהערט סיראטען בענטשן ראש חדש?...

— ניין, — ענטפערט ער.

— טא וואס רעדט איא. מאכט־זשע צו דאס מויל, האט נישט קיין פאריבל...

אזוי שטייען צענדליקער יידן ארום דער סינאגאגע ביים גערטנדל פארן ארייננאנג אויפן טראטואר, אויף דער גאס, — זיי פארגעסן גאר, נאך וואס זיי זענען דא אהערגעקומען. צו כאפן א קדושה, אדער כאטש א „קדיש", אן „אמן" נאכן מוסף... זיי זענען אריין אין די וויכוחים אזוי טיף, אזוי ווייט ביז דאס דאווענען האט זיך פון לאנג שוין געענדיקט.

די מיטגלידער פון דער סינאגאגע האבן א יאר־ביכל, ד. ה. אן אבאנאמענט. ער קאן אריינגיין אין שול ווען ער וויל. עס טרעפט זיך אמאל, אז איין ייד גיט איבער דעם אנדערן דאס ביכל.

הער יצחק טאַפּיאַל פון פעדערן־סינדיקאט „בארגט אויס" זיין ביכל עטלעכע מאל אין יאר זיין פריינט וואַווטשע קליימאן, א קליינהענדלער, וואס האט א שיך־געשעפט אויף די סאלנע גאס. הער וואצלאוו דינעזאן — איינער פון די הויפט־אייגנטימער פון באווסטן קאפע „אדריא" און א מיטגליד פון דער סינאגאגע־פארוואלטונג, באמערקט ביים ארייננאנג ווי עס שטייט, נעבעך, א ייד מיט א סאמעטן היטל, — גיט ער אים א וונק... גאנשאר פארקרימט מיט דער נאז — ער איז שוין אינעווייניק...

צוויי מאל אין יאר איז דער אריינטריט אין דער סינאגאגע פריי, — מען דארף נישט קיין בילעטן: אין

די ערשטע סליחות, 6 אינדערפריי און אין הושענא רבא.

די שול אינעווייניק איז ווי יעדע גרויסע שול. פון דעם „באלעמער" ווו מען לייענט דאס „ספר" ביזן „עמוד" איז פאראן א גרויסער, לערער פלאץ. אין דער הויך, פארן ארון הקודש איז פאראן א ספעציעלער „שטח" פאר די „קדיש־זאגערס". עס שטייען דארט צוויי פרעכטיקע פאטעלן, וואס זעען אויס ווי א כסא מלכות. אויף איין פאטעל — רעכטס, זיצט דער „אבערקאנטאר" ווען עס דאוונט דער „קאנטאר", אדער ביי פסוקי דזמרה. דער אנדערער פאטעל, — לינקס, איז פונעם „רב מטעם", דעם ראבינער מטיף הרב פראפעסאר דאקטאר משה שאר בכבודו ובעצמו.

אויפן ארון הקודש איז געשריבן מיט גאלדענע אותיות אויף העברעאיש און פויליש „שמע ישראל". די נעמען, אויסגעקריצטע אויף די קופערנע שילדלעך ביי די זיצפלעצער, זענען אויף ריין־פויליש.

דא באגריסט זיך איינער צום צווייטן אראפנעמענדיק דעם קאפעלוש אדער דעם צילינדער פארנויגנדיק זיך טיף. קיין אנדער שפראך חוץ פויליש ווערט דא נישט גערעדט... קיינער וועט דא נישט וואגן צו רעדן א יידיש ווארט, מעג ער אפילו זיין א חסיד. טאָמער וויל ער ארויסרעדן א ווארט יידיש, דערמאנט ער זיך באלד ווו ער געפינט זיך און ער בלייבט שטיל...

אפט קומען דא פאר בר־מצוה־צערעמאניעס. ביי אזא געלעגנהייט טרעט אויף פראפעסאר שאר מיט זיין רייכער רעטארישער רעדע, וואס דויערט אומגעפער דריי פערטל שעה. ער האלט זיין רעדע אין עברית און פויליש. אפילו

די, וועלכע האבן נישט אזוי ליב די פוילישע שפראך, ווערן געוואלדיק נתפעל פונעם רייכן אינהאלט...

— זאלסט זיך נישט שעמען מיט דיין נאמען ייד! — זאגט ער מיט גרויס פאַטאָס צום בר־מצוה ייגגל וואס שטייט נעבן אים. — הייסטו משה, זאלסטו זיך נישט רופן „מאניעק"! יידן זענען אין אלע צייטן געגאנגען אין פייער און אין וואסער פאר זייער רעליגיע! שטאלץ זאלסטו זיין מיט דער תורה!...

נו, קאן נאך זיין א גרעסערער צדיק?!

א געוואלדיקן רושם מאכט ווען פראפעסאר שאר קומט ארויס פון א זייטיקער טיר און נאך אים דער חזן... דער גאנצער פובליקום שטייט אויף ווי איין מאן אפצוגעבן ערע. דער חזן שרייט אויס: — „מה טובו" און דער כאר פון הונדערט מאן ענטפערט „מה טובו אהלך יעקב"... טרערן רינען פון די אויגן, אפילו ביי די מתפללים וואס טראגן נאר א שאליקל...

א ספעציעלער „יום טוב" איז געווען ווען די סינאגאגע האט געפראוועט דעם „טשעציעגאָ מאיא", — דעם יום־טוב פון דער קאנסטיטוציע. עס זענען איינגעלאדן געווארן די גרעסטע לייט — מיניסטארן, סיים־דעפוטאטן, פולקאוו־ניקעס און גענערעלער.

ווען דער „מלך החזנים" משה קוסעוויצקי הויבט אן מיטן „הנותן תשועה" בשעת אלע שטייען אויף די פיס, שטייען דעמאלט די פאליאקן מיטן גרעסטן רעספעקט.

נאך א מעלה יתרה האט די סינאאגאגע — ביים דאווענען רעדט מען נישט קיין איין ווארט. אפילו ביי די ערשטע סליחות ווען די שול איז געפאקט קעפ־אויף־קעפ,

הערשט אין שול אן אבסאָלוטע שטילקייט.

כאטש דער גרעסטער טייל פון די פרומע יידן קומען נישט אין דער סינאגאגע, אבער די וואס קומען יא, שוין נאכן דאווענען, — און זיי הערן ווי קוסעוויצקי זאגט די „אבות" אדער „אז בקול" — גייט ביי זיי דורך א ציטער פון קדושה, פון געגועים צום באשעפער...

דאס איז געווען אין א „שבת מברכים" ווען מען האט געבענטשט ראש חדש אדר ב' אין אן איבעריאָר. דער עולם איז שוין געווען „אויסגעהונגערט" צו הערן קוסעוויצקען. ווארשעווער „עמד" האט זיך געלאזט צו דער סינאגאגע און ווי שטענדיק זענען די טירן געווען פארמאכט. צוויי פאליציאנטן זענען געשטאנען ביים הויפט־אריינגאנג און צוויי אנדערע האבן זיך געדרייט ביים גערטנדל אויף דער גאס.

ווען דער חזן־שני האט אנגעהויבן „ברוך שאמר" האט זיך אין דער קאַנצעלאריע געפירט א שווערע דיסקוסיע צווישן דעם ראש הגבאים מיטן הויפט־סעקרעטאר פון דער פארוואלטונג. דער סעקרעטאר האט געטענה'ט: היות ווי עס זענען זיך צוזאמענגעקומען אזויפיל יידן קיין עין הרע, וואס ווילן הערן ראש חדש בענטשן אונדזער באליבטן „מלך החזנים", — משה קוסעוויצקי, דארפן מיר מאכן א זשעסט און עפענען פאר זיי די טויערן.

א גאר פארקערטע מיינונג האט געהאט דער גבאי ראשי.
— מען טאר דערצו נישט דערלאזן! מיר מוזן היטן אונדזער נאמען, דעם כבוד און רעספעקט פון דער סינאגאגע! ...טאמער וועט איר דערלויבן אזא זאך גיב איך זיך אן אין דעמיסיע! ...

דער חזן־שני, קאנטאר שערמאן, האט שוין געהאלטן ביי „אַז ישיר"... די לאגע איז קריטיש..

צום הויפּט־גבאי איז צוגעשטאנען דער באוווסטער באנקיר הער שולץ און צום סעקרעטאר ביידע ברידער סאנדאמירסקי, — פירער פון סוחרים־פאריין.

פאר דער שול, אויף דער גאס, איז דער עולם געווארן גרעסער. די פאליציאנטן האבן נישט פארשטאנען וואס האט היינט פאסירט. פארוואס מאכן די יידן א דעמאנ־סטראציע פאר א שול. דער הויפט־שמש הער גאַנשאר לויפט הין און צוריק. פון דער טיר צו דער קאנצעלאריע און פון דער קאנצעלאריע צו דער טיר. מען ווארט אויף א באפעל. אין עטלעכע מינוט ארום האט זיך באוויזן דער הויפּט־גבאי מיט אן אויפגעוויקלטן קראוואט ווי ער לויפט ארויס פון דער שול מיט גרויס כעס. ער איז צווישן דער מינדערהייט. דער סעקרעטאר לויפט צום הויפט־ארייגאנג און אין איין אימפעט. ער האט ארויסגעגעבן א באפעל הער גאַנשאר'ן:

— עפענען די טירן! זאלן יידן האבן א הנאה! קוסעוויצקי געהערט צו כלל ישראל!... זאלן ווארשעווער יידן האבן אן עונג שבת! יידן, ביטע אריינגיין, מיטן גרעסטן כבוד...

ווען די טירן האבן זיך געעפנט האט שוין דער חזן געהאלטן ביי די „הויכע שמונה עשרה". די גאס איז געווען שווארץ פון יידן וואס האבן געשפארט אויף די טירן. עס האבן אנגעהויבן אריינשטראמען הונדערטער און הונדערטער מענטשן. אלע דורכגענג זענען פול געווארן. דער ליידיקער פלאץ פון באלעמער ביזן עמוד איז געווארן פארכאפט. מען איז געשטאנען אויפן באלעמער, אינדערהויך

נעבן ארון קודש ווו ראבינער פראפעסאר שאַר זיצט... ער האט זיך געמוזט „בחרפתנו" אויפשטעלן. אלע אכט שמשים צוזאמען מיט די פארוואלטונג־מיטגלידער האבן איינגעלייגט וועלטן, אז דער עולם זאל שטיל זיין...

ווען משה קוסעוויצקי האט אנגעהויבן ביי „קדושה" דעם „אז בקול" איז געווארן שטיל ווי אין אן אויער.

די שול איז איבערפולט פון צוויי טויזנט מענטשן ווען עס זענען נאר פאראן טויזנט זיצפלעצער. נאך דער „קדושה" איז ווידער דער רויש געווארן שטארקער אוןביים לייענען האט מען נישט געהערט קיין איין ווארט.

ווען דער שמש האט אויפגערופן צום „מפטיר": — „יעמוד ר' אהרן־דוד בר' שמואל לודוויג מאטוסעוויטש, אָרדינאטאר פון דער נעוראלאגישער אפטיילונג אין טשיסטע־שפיטאל", — איז עטלעכע מינוט געווארן שטיל. דער עולם האט זיך געשטעלט אויף די שפיץ־פינגער — מען האט געוואלט זען דעם בארימטן דאקטאר. נאך דעם ווי ער האט געמאכט די ברכה איז ווידער געווארן א טומל.

ווען קוסעוויצקי איז ארויף אויף דעם באלעמער ראש־חדש בענטשן, איז די גאנצע ווייבער־שול אינדערהויך געווארן פול מיט מענער. אויך אין כאר־צימער זענען אריין מענטשן. עס איז געווען א סכנה, אז די גאלעריע זאל זיך נישט, חס וחלילה, איינברעכן.

די פארוואלטונג האט זיך דערשראקן. זיי האבן זיך פארזאמלט אין דער וווינונג פון כאר־דיריגענט הער אייזנשטאדט. טייל פארוואלטונגס־מיטגלידער האבן פאר־געשלאגן אז מען זאל אויסרופן, אז די שול ווערט געשלאסן — מען דאוונט נישט קיין „מוסף". עס איז אנגענומען

געווארן דער פארשלאג פון פראפעסאר שאָר, אז צו „מוסף" זאל מען אוועקשטעלן דעם "חזן שלישי".

ווי נאר דער עולם האט באמערקט ווי דער "חזן שלישי" גייט ארויף אויפן באלעמער, האט זיך דאס פובליקום לאנגזאם אנגעהויבן ארויסשארן... די זיכערקייט און דער „כבוד" פון דער טלאמאצקע סינאגאגע איז אזוי ארום געראטעוועט געווארן...

פעקלעך אויף פסח

נצרכים פעלן נישט אין ווארשע. די תורה האט אונדז אויך מבטיח געווען: „לא יחדל אביון מקרב הארץ". זיי געפינען זיך אין אלע ראיאנען — פון די ברייטע מילע ביז די קופיעצקע; פון אייזנגאס ביז די טארגאווע אין פראגע. אין דער גאנצער שטאט זענען פאראן נויטבאדער־פטיקע משפחות, וועלכע ליידן פון הונגער און נויט.

עס זענען פאראן פאמיליעס וואס זעען, אז עס איז שלעכט, טוען זיי אויס דאס שעם־היטל און ווענדן זיך צו דער סאָציאל־קאמיסיע ביי דער ווארשעווער גמינע; אנדערע, וועלכע זענען געווארן „פאדאופאדניעט",[1] — דאס זענען געוועזענע גבירים, וואס פיל מענטשן האבן פון זיי געלעבט, אזעלכע וואס פלעגן תמיד געבן די שענסטע נדבה, וואס האבן שטענדיק געהאט אן אפענע האנט, — מען האט נאר געדארפט געבן א פיפס, — זיי האבן זיך געפירט גרויסשטעטיק. דווקא צו די מענטשן האט זיך א סך מאל דער גורל מתאכזר געווען — ער רעכנט זיך נישט מיט גארנישט, מיט פריערדיקע פארדינסטן, מעשים טובים. הויבט אן עמיצן צו גיין מיט דער פוטער אראפ, גייט עס ביזן סוף, אזוי ווייט, אז דער באוווסטער הורט־סוחר פון דער קאלאניאל־בראנזשע אדער אן אייגנטימער פון מאנופאקטור־סקלאדעס בלייבן לא עלינו, אן א שטיקל ברויט און דארפן אנקומען צו יענעם.

די דאזיקע משפחות, וואס האבן זיך געהאלטן „האנאראווע"[2] — זייער לאגע איז געווען די שווערסטע. זיי האבן געקאנט אויסגיין פאר נויט, אז קיינער זאל אפילו נישט וויסן.

עס איז געווען א פאמיליע וואס שטאמט פון די גרויסע נגידים, די שטעקעלהאמערס; ביי זיי האט פאסירט אזוי, ווי עס ווערט געברענגט אין דער גמרא, — אז פרייטיק האט די באלעבאסטע אוועקגעשטעלט אויף דער קיך טעפ מיט וואסער, כדי די שכנים זאלן נישט באמערקן די נויט. ביי די פאמיליעס אין שטוב האט קיין פרעמדער גארנישט געקאנט באמערקן. די שטוב איז שטענדיק אויפגערוימט, די פאדלאגע פריש אפגעפארבט מיט רויטע פארב; דאס גרויסע טישטעך מיט די אויסגעהאפטענע „כריזאנטעמעס" איז אויסגעלייגט אויפן גרויסן טיש פאר צוועלף פערזאן אין שיינעם סאלאן, אלץ ווי געווען. דירה־געלט מוז מען צאלן, — אויב נישט קאן נאך דערווירט קריגן אן „עקסמיסיע" — דאן וועט די שאנדע ארויס אין גאס, און ווער וועט דאן זיך וועלן מיט זיי „משדך" זיין. אזוי האט מען פארשטעלט די „בידע"[3] ווי ווייט מען האט געקאנט.

אנדערש פון א גאנץ יאר זענען די „ימים טובים" און בעיקר פסח, ווען יעדער ייד דארף האבן „ארבע כוסות" און נאך דערצו...

אויב א גאנץ יאר האט אין אזא פאמיליע „דורכ־געשווארצט" די טעג, מען האט פארקויפט א חפץ אבי זיך צו דערנערן, ביז גאט וועט העלפן, מען וועט זיך ווידער „דאראביען" אבער ווען גאט האט געהאלפן, עס האט אנגערוקט א יום־טוב אזוי ווי סוכות, ווען אלע שכנים

עסן אין איין גרויסער בשותפותדיקער סוכה, דעמאלט איז די לאגע טרויעריק, אין סוכה מוז מען אריינטראגן א קאָפּ פיש, לאקשן מיט יויך, צימעס, קאמפאט און נאך.

די אינסטיטוציעס „תומכי עניים״, „בית לחם״, האבן געוווסט פון דעם „סוד״, אז עס זענען פאראן אזעלכע וואס קאנען, חס וחלילה אויסגיין פאר הונגער און זיי וועלן נישט קומען בעטן הילף — האבן זיי אריינגעשיקט מיט א שליח, מערסטנטייל מיט א קליין יינגעלע א צעטל, אז מען קאן באקומען א פעקל אויף יום טוב.

אין יאר 1933 איז אויפגעשטאנען אין פוילן די נאצישע פארטיי „נארא״. דער פרעמיער מיניסטער האט אין זיין רעדע אין סיים געזאגט זיין באוווסטן „אָושעם״, דאס הייסט, אז שלאגן יידן טאר מען נישט אבער באיקאטירן, זיכער — איז ווי געוואונטשן. אין דער זעלבער צייט האט מען געקאנט באמערקן ווי אויף די עלעקטרישע סלופּעס איז געווארן אויפגעשריבן מיט רויטע פארב: „קויפט נישט ביי יידן״, „א טויט די יידן״. די לאגע איז געווארן אן אנגעשטרענגטע. די יידישע פרנסות זענען געווארן וואס אמאל שוואַכער. קריסטן האבן אויפגעהערט צו קויפן אפילו אין יידישע שפּייז־געוועלבער.

הער מינקאווסקי איז א ווירט פון א ריזן־ווילע אויף די „ליניע״ אין מיעדזעשין — איין סטאציע פאר פאלעניץ. די לעצטע דריי יאר האבן מענטשן אויפגעהערט צו פארן אויף „לעטניסקא״[4]. פון 26 דירות ביי אים אין דער ווילע — האט ער האיאר פארדינגען נאר צוויי דירות און אויך נישט אויף א גאנצן זומער — נאר אויף זעקס וואכן. די שטייערן זענען געוואקסן ביז די רעגירונג האט ארויסגעשטעלט די ווילע זיינע אויף א „ליציטאציע״ —

אויף אן אויספארקויף.

אויף די „ימים נוראים" איז הער מינקאווסקי געבליבן מיט דער פאמיליע אין מיעדזעשין. ער איז נישט אהיים קיין ווארשע. סוכות האט ער געפראוועט ביי זיך זעלבסט „אן שכנים". וואס מען האט געהאט האט מען געגעסן. אויף ווינטער האט מען געמוזט צוריק קיין ווארשע.

עס איז פארשוווּנדן דער ווינטער — דער פסח שטייט הינטער דער פלייצע. אין שטוב איז „רחמנא לצלן", נישטא וואס אנצוגרייטן אויף יום טוב.

די „בית לחם" געזעלשאפט האט זיך דערפון דערוווּסט — זיי האבן אין געהיים ארייגעשיקט א „צעטל" — אויף פראדוקטן אויף דער וואך פון פסח.

די „בית לחם" האט פאר דעם צוועק אפגעדונגען א גרויסן זאל פון „מכבי" אויף נאלעווקי 2־א. אינעם לאנגן קארידאר פונעם „מכבי"־לאקאל זענען געווארן אויסגעלייגט פארשידענע פראדוקטן פון כל טוב. די פראדוקטן זענען געטיילט געווארן אויף זעקס און צוואנציק נומערן. פאר איין צעטל האט מען באקומען: צוויי פעקלעך ליכט, צוויי פעקלעך מצות, דריי פלעשלעך וויין, א שאק אייער, צוויי קילא רינדערן פלייש, דריי קילא „מאנטשקע"[5] איין קילא קריסטאל־צוקער, א פלאש בוימל, צוויי פעקלעך צערעס־מארגארין, א פעקל וויסאצקי־טיי, צוויי פעקלעך מצה־מעל, א פעקל פון צוועלף שאכטלעך „זאפאלקעס"[6], דריי שאכטלעך שפראטן, צוויי קילא זאלץ צען קילא קארטאפל, פינף קילא בוראקעס, פינף קילא מייערן, פינף קילא ציבעלעס, א צעטל אויף 20 קילא קוילן און צען קילאָ האלץ. בקיצור, ביי קלענערע פאמיליעס, איז נאך געבליבן אביסל פראדוקטן אויף נאך פסח... דאס פעקל

האט מחיה־נפשות געווען די געפאלענע משפחה, האט אריינגעברענגט אין שטוב אריין שמחה. דער יום טוב איז ביי זיי נישט צעשטערט געווארן.

הער יונקער, א שניידער פון חסידישע מלבושים, — ער האט באקליידט הונדערטער יונגעלייט, אויך חתנים. ביי אים האבן באשטעלט זיידענע קאפאטעס די שענסטע גערער חסידים, ראדאמסקער חסידים, פארמעגלעכע מענטשן, בעלי פרנסה ברווח. ביי אים האט מען זיך נישט געדונגען — הער יונקער איז א קוואליפיצירטער בעל־מלאכה. ביי אים אויף דער וואנט הענגט א דיפלאם פונעם „צעך". יונקער איז א בכבוד'יקער בעל־הבית, ער פירט א שיין לעבן לויט דער יידישער טראדיציע.

שוין עטלעכע יאר ווי ער האט, נישט פאר קיין יידיש קינד געדאכט, פארלוירן די „ראיה". די פרוי איז אים, לא עלינו, אפגעשטארבן. ער איז געבליבן מיט דריי קינדער: צוויי זין, לייבוש און פועל (רפאל) לערנען אין דער לובלינער ישיבה, זיי האבן פייערדיקע קעפּ. אין שטוב איז געבליבן א טאכטער חתונה צו מאכן.

אלע יארן, בעת ער האט געארבעט, האט ער זיך געלאזט קאסטן, ער האט געגעבן „ביד רחבה"; אויך די לובלינער ישיבה האט אים געקאסט יעדעס יאר עטלעכע הונדערט זלאטעס. ס'איז שוין דאס פערטע יאר, ווי ער ארבעט נישט, מען האט אלץ אויפגעגעסן. ס'קומט יום טוב, ס'איז מער נישטא פון ווי און פון וואנען. באקאנטע האבן אים באזארגט מיט א „צעטל"... הער יונקער האט נישט געוווּסט וואס צו טאן. זאל ער אליין גיין ברענגען דאס פעקל — „אוי לאותה בושה"... טראכט דעם וואס ער קען נאך אליין גיין אין גאס. ער זעט נאר נישט צו זיצן ביי

דער נאדל.

ער איז געפאלן אויף א „פארטל״. ער וועט גיין אפנעמען דאס פעקל צווישן מנחה־מעריב ווען דער „עולם״ וואס קומט נאך די פעקלעך איז א שיטערער.

הער יונקער האט אנגעטאן זיין אלט היטל מען זאל אים נישט דערקענען. ער קומט צו דעם לאקאל, ער שטייט ביי דער טיר און „שפיאנירט״, ווער געפינט זיך אינעווייניק. ער לאזט זיך אראפ דעם דאשעק איבערן שטערן, שטעלט זיך אויף דעם קאלנער פון פאַלטא, ער לויפט אריין אין קארידאר אריין ווי א פארמשפט׳ער צום טויט. מען לייגט אים אריין אין ווייסן ציכל די פראדוקטן שנעל־שנעל. ער לאזט זיך ארויס אין גאס און ווערט פארשוואונדן מיטן ערשטן טראמוויי.

1) יורדים
2) בכבודיק
3) דאס ארעמקייט
4) זומער־ווינונג
5) מעל־צוקער
6) שוועבעלעך

די טויטע חסידים

„געוואלד יידן, זייט אייך נישט מתיאש" — שרייט אראפ פון דער דרום־וואנט דער אויפשריפט. נאך א שילד הענגט אויף דער מערב־וואנט — אויפן שילד זענען געשריבן מיט גרויסע אותיות „עבדו את ד' בשמחה" — יידן זייט פריילעך"; די אויפשריפטן געפינען זיך אין נייעם אומאנער שטיבל אויף נאוואליפיע אכט און צוואנציק.

ברעסלאווער חסידים, אומאנער חסידים, טויטע חסידים — דאס איז איינס און דאס זעלבע.

מען רופט זיי די טויטע חסידים — ווייל זייער רבי, ר' נחמן פון בראצלאוו, — דער אומאנער רבי, איז נפטר געווארן, האבן זיי נישט געקרוינט קיין ממלא מקום; ר' נחמן'ס תלמיד ר' נתן — האט נישט געוואלט זיצן אויפן רבי'נס ארט. פון דעמאלט אן הייסן זיי — „די טויטע חסידים".

זיי האבן זייערע שיטות אין חסידות. זיי זענען אנדערש פון אלע חסידים, זיי זענען אפגעפרעמדט פון דער סביבה. אין בליק פירן זיי דאס לעבן אזוי ווי ביי געוויינטלעכע חסידים, אבער נישט ווי אנדערע זענען די אומאנער, זיי מישן זיך נישט אויס, זיי האלטן אז זיי שטייען העכער פון אנדערע. צו זיין אן אומאנער חסיד, איז א כבוד, לאו כל אדם זוכה — נישט יעדער איינער איז זוכה, איז ראוי זיך צו ציילן מיט די אומאנער.

דאס אומאנער שטיבל האט זיך געפינען יארן לאנג אין דריי קליינע צימערלעך אויף די דזשעלנא גאס. נאך

יארן ווי זיי האבן זיך געמוטשעט, זענען זיי ארויס פון זייער ענגשאפט, און אריין אין א „רחבות" — זיי האבן אפגעקויפט די שיינע פרעכטיקע שול אויף נאוואליפיע 28 וואס האט אן אייגענעם אריינגאנג. אין דער שול איז געמאכט געווארן אן ערנסטער רעמאנט.

די שול איז געבויט מיט זער א רייכער ארכיטעקטור. די ווענט, די פענצטער און דער באלעמער, אלץ איז אלט־ניי — אלט־מאדיש און ניי־געפארבט און געמאלעוועט. דאס מעבל — די טישן, די בענק, זענען טאקע אלט, אבער שטארק געבויט — אויפצוהייבן א באנק דארף מען האבן צוויי פויערים. די שויבן — פון געשליפן קאלירט גלאז אלץ איז פרעכטיק — דער אריינגאנג, די שטיגן, דאס טרעפן־הויז, אזוי ווי מען גייט אריין, להבדיל, אין „האטעל פאַלסקי".

דעסגלייכן זענען פאראן „חדרי התבודדות". דאס זענען קליינע צימערלעך, וואס יעדער חסיד קאן דארט אריינגיין און זיך „מתוודה" זיין, זיך אפגעבן א „חשבון הנפש".

ווען משה ברוך ברעגמאן איז זיך „מתבודד", הערט מען די „געוואלדענעס" ביי א דריי פערטל שעה — „אוי כ'בין זינדיק! רבונו של עולם, האב רחמנות אויף א זינדיקע נשמה, אוי כ'בין זינדיק, אוי כ'בין זינדיק!" — שרייט ער אן אויפהער עד כלות הנשמה — ביז, כמעט די נשמה גייט פון אים ארויס.

אין שטיבל, אדער ווי א טייל רופן, דאס אומאנער בית־המדרש, זענען פאראן דריי אזעלכע „חדרי התבודדות"; איין „חדר" איז פארמאכט מיט א שליסל, דער צימער שטייט שטענדיק גרייט פאר איינעם פון די גבאים, פון

די חשובע חסידים. כאטש, לויט ווי עס ווערט געברענגט אין „לקוטי מהר״ן״ דארף די „התבודדות״ זיין אין פעלד, ווי די תורה זאגט „ויצא יצחק לשוח בשדה״, אבער באין ברירה, ווען מען וווינט אין א גרויסער שטאט, ווו עס איז ווייט פון א פעלד — דארף מען כאטש זיך אפגעבן יעדן טאג א „דין וחשבון״ אין א „חדר התבודדות״. אזוי זענען די האלצערנע צימערלעך שטענדיק פארנומען. „אַיי, אַיי געוואלד!״ — הערט זיך ארויס מיט א יאמערלעך קול, פון וואס דאס הארץ שטארבט אפ פאר פחד. די „קבועים״, וועלכע קומען אריין אין שטיבל אריין, זיי זענען שוין געוווינט צו די קולות „יללות״ — אבער ווען עס קומט ארויף א גאסט, וועלכער ווייסט נישט דערפון, כאפט אים א ציטער, א טרייסל, ווען ער הערט פלוצים אזעלכע אויסגעשרייען.

די אומאנער חסידים פרייען זיך, אז זיי זענען געבליבן ארעמעלייט.

אין נייעם שטיבל דאווענען הונדערטער חסידים, אויך פרעמדע, וואס קומען אנקוקן די „אטראקציע״. א סך פון זיי ווערן צוגעצויגן צו זיי, מען נעמט זיי אריין אין דער ארבעט...

ר׳ גמליאל — באוואקסן מיט זער א לאנגער בארד, — מען זאגט אויף אים אז ער איז א „בעל תשובה״ — ער איז דער פארגאנגענהייט געווען א פירער ביי די לינקע פועלי ציון, — זיין „מקום״ איזביים טיש וואס שטייט נאנט צו דער טיר.

ווער עס „פאלט״ אריין שבת צום דאווענען, הערט ווי ר׳ אהרן לערנט און גיט צו פארשטיין די „ספורי המעשיות״ פון ר׳ נחמן „מעשה בבן המלך והעני״ און

נאָך אַנדערע. פאַרן לייענען, נאָך שחרית, גייט ער אַרויף אויפן באַלעמער, מיט גרויס יראת־הכבוד, אין שטיבל הערשט אַ שטילקייט, ווען ר׳ אהרן עפנט דאָס מויל, איז דאָס אַ „פה מפיק מרגליות״ — ער קאָן צוציען אפילו אַ משומד. דער „עולם״ ווערט ווי עלעקטריזירט...

אַ אינטערעסאַנטער טיפּ איז ר׳ שלמה יהודה — איינער פון די הויפּט־חסידים, ער האָט זיך געשוואָרצט און איז אַנגעקומען קיין אומאַן צום הייליקן „ציון״ פון ר׳ נחמן.

ווען שלמה יהודה שטעלט זיך אַוועק דאַווענען אַ „מעריב״ און ער הויבט אָן „והוא רחום״, — שאָקלען זיך די ווענט. דער „מעריב״ אין אַ פּראָסטן טאָג קלינגט ביי אים ווי יום כפור ביינאַכט. נאָכהער ווערט געמאַכט אַ טענצל... „אם אין אני לי מי לי״.. „אם אמרת מטה רגלי״, מיטן ניגון פון לובלינער רב, ראש ישיבת חכמי לובלין ר׳ מאיר שפּירא, זכר צדיק לברכה. דאָס טענצל דויערט פון אַ פערטל ביז אַ האַלבע שעה — „יידן זייט אייך נישט מתיאש, — דאָ, אין ביטערן גלות, דאַרף מען זיך שטאַרקן אין „בטחון״ אין „אמונה״! „אם אמרתי מטה רגלי חסדך ד׳ יסעדני״ — הויבן זיך אין דער לופטן די יידישע מידע פיס מיט פאַרשטויבטע שטיוועלעך, דער שטויב הויבט זיך אינדערהויך. אַזוי וואַקלט מען זיך האַנט ביי האַנט. אחדות, אהבת ישראל, — דאָס איז דער סוד פון די אומאַנער חסידים, אפילו ווען עס איז נישטאָ אין שטוב, לא עלינו, אויף אַ ברויט, אָדער צו באַצאָלן פאַר אַ חודש דירה־געלט, מוז מען זיין בשמחה. נישט קיין שמחה פון הוללות, נאָר שמחה פון „בטחון״ פון „אני מאמין בביאת המשיח״. א י ב ע ר אַן אומאַנער חסיד איז

נישטא, קאן נישט זיין. ווער עס האט געקוקט אין זייערע פנימער ווי זיי לייכטן ווי זיי פארטרייבן דאס עצבות, האט דאס געקאנט זען באשיימפערלעך.

שלמה יהודה פארברענגט זיין „רוב ימיו" אין שטיבל. ער לערנט מיטן „עולם" „לקוטי מהר"ן", תפילות ר' נתן, ספורי המעשיות, א בלעטל גמרא, אדער „עין יעקב".

אז שלמה יהודה זעצט זיך אוועק אויף זיין הארטע טאבורעטקע (אויף קיין ווייך געזעס וויל ער נישט זיצן, ווייל ער וויל נישט האבן קיין הנאה פון דער וועלט), זיצט ער אוועק שעהן. ער ענדיקט איין שיעור און הויבט אן דעם צווייטן.

צום גרעסטן עקסטאז זענען די אומאנער חסידים דערגאנגען ביי דעם „לא תבשי" פרייטיק צונאכטס. אלץ האט געפאטשט מיט די הענט און צוגעטאנצט מיט דער גרעסטער התלהבות.

דאס איז געווען אין א פרייטיק־צונאכטס, אין א ווינטער־נאכט, ווען נאך מארשאל פילסודסקי'ס טויט איז ארויף גענעראל רידז־שמיגלי, — האט ער אויסגערופן אן אמנעסטיע פאר פיל ארעסטירטע. ווען דער „עולם" איז געשטאנען „שמונה עשרה" האבן זיך אריינגעכאפט אין שטיבל אריין עטלעכע „באפרייטע". זיי האבן זיך „דערבארעמט" אויף די שענסטע און נייע פאלטענעס און זיי „באפרייט" פון זייערע „בעלי בתים"...

מאָטעלע פיקעלניק — א טיפ, וועלכער איז שטענדיק „בגלופין", — ער איז א בעל עגלה, ער האט א פערד און וואגן און נאכן וואגן גייט נאך א קאבילע. ער פירט מעבל, אויבסט און וואס ס'לאזט זיך. פורים איז זיין "חזקה" אויסגעוויילט צו ווערן אלס „פורים רב". דער

עולם ווארט שוין א גאנץ יאר צו זען ווי דער „לץ" פירט די „מלוכה". ער באקומט „שלאכע מאנעס" פון אלע זייטן, מען באווארפט אים מיט האנטעכער, אלטע צעריסענע טלית־זעקלעך און גארטלען. נאך יעדער „חכמה" זיינער באקומט ער אין קאפ אריין אזא „מתנה".

ווי דער מנהג ביי חסידים אין תשעה באב צו ווארפן די „„שטאכעדיקע" — קאָלטענעס כדי נישט אריינצופאלן אין קיין „מרה שחורה". אויך אין אומאנער שטיבל האבן די קינדער געווארפן אן אויפהער. ווען מען האט נאר אנגעהויבן צו לייענען „איכה" האבן אנגעהויבן צו לויפן די „שטאכעדיקע" ווי פיילן אין א שלאכט־פעלד. מען האט אויפגעהערט אויף א מינוט, מען האט געמאכט א הפסקה, — עס האט נישט געהאלפן. קיינער האט זיך נישט געקאנט קיין עצה געבן. דאן איז ארויף אויפן באלעמער מיט א גרויסן אימפעט ר' זרח פלאטקין. „עולם שאַא!" — האט ער געגעבן א געשריי און א קלאפ געגעבן אין באלעמער — ר' זרח איז איינער פון די הויפט־גבאים, א ייד א הדרת־פנים, וואס האט א גרויסע השפעה אויף אלע חסידים. זיינס א ווארט איז הייליק. זיין פארשלאג איז געווארן אנגענומען אן א יא און אן א נישט. ער האט אויסגערופן: — רבותי, מיר האבן באשלאסן, אז אין פאל ווען א חסיד'ס א קינד וועט זיך פון די מינוט אן ענטוואגן צו ווארפן איין שטאכעדיקס, איין קאלטענע, ווערט דער פאטער זיינער ארויסגעווארפן אויף א חודש צייט פון שטיבל. אין דער „אותו רגע" איז געפאלן א שטילקייט. פון עטלעכע הודערט מענטשן האט קיינער נישט געעפנט דאס מויל, דאס הייסט, אז אלע זענען מסכים. די קלענערע יינגלעך האבן זיך נאך

נישט אונטערגעגעבן. עס איז געפאלן איין שטעכעדיקס און נאך איין שטעכעדיקס און נאך איינס, — ביז עס האט מיט איינמאל אויפגעהערט צו פאלן.

אין שטיבל האט געהערשט א מוראדיקע שטילקייט. טאמער, חס וחלילה, וועט זיך ארויסכאפן א ייִנגל און וועט זיך פארגעסן, וועט דער פאטער זיינער זיך דארפן אויפשטעלן „קבל עם ועדה״ און וועט פארלאזן אויף א חודש צייט דאס שטיבל אין מיטן די קינות.

ווען דער בעל קורא האט געהאלטן ביים דריטן קאפיטל „אני הגבר״ האט זיך ארויסגעכאפט דער קליינער נחמן — א צען יאריק ייִנגעלע, דער זון פון ר׳ זרח׳ן בכבודו ובעצמו און האט דערלאנגט עטלעכע „שטעכעדיקע״ מיט אמאל גלייך אין פנים אריין פון בעל קורא. ר׳ זרח האט דאס באמערקט, ער האט זיך אויפגעהויבן, איז אראפ פון באלעמער, ווען די אויגן פון גאנצן „עולם״ האבן זיך געווענדט צו אים און אים באגלייט מיט גרויס רחמנות. ער איז ארויס פון בית המדרש.

פון דאן אן האט שוין קיינמאל מער נישט פאסירט, אז א קינד זאל וואגן צוווארפן א „שטעכעדיקס״ אין אומאנער שטיבל. נאך דעם פאל איז א קאלטענע אין אומאנער שטיבל אין תשעה באב געווען „בל יראה ובל ימצא״.

דער „זשאפּקעוויצער" רבי

דער זשאפּקעוויצער רבי, — אזוי האט ער געהייסן און אזוי האט מען אים גערופן. דאס איז דער באוווסטער חסיד, סוחר, כלל־טוער און גביר — ר' אהרן פּינקעל. א ייד א דיקער, א הויכער, א שיינער מענטש, א פּארנעם. ער האט אן אייזן־געשעפט אויף די פּרוזשנע גאס. א וויצלער, א פריילעכער, אן עסקן, באליבט ביי אלע קרייזן — רעליגיעזע, חסידישע ווי אויך ביי פרייע.

ר' אהרן פּינקעל איז אויך הויפּט־גבאי פון דער גרויסער קיך אויף טוואַרדע נומער 4, — ווו עס עסן מיטאג, פרישטיק און קאלאציע הונדערטער קינדער, וועלכע לערנען אין די חדרים, תלמודי־תורה און ישיבות.

ר' אהרן אליין, בכבודו ובעצמו, טיילט די פּארציעס, דערלאנגט צום טיש מיט א שמייכל און ליבשאפט. אויך די „רבי'צין" ארבעט מיט אים אין דער עבודת הקדש.

קיין שום טעטיקייט אין ווארשע, קומט נישט פאר, אז ר' אהרן פּינקעל זאל נישט נעמען קיין אנטייל און נישט שפּילן קיין הויפּט־ראָל. א חברה ש"ס מאכט א „סיום" — ר' אהרן באטייליקט זיך אין די סעודת־מצוה, א סיום אין א שול אויף די פּראנטשישקאנער — ר' אהרן איז דא; אויף מוראנאָוו — ר' אהרן פארעט זיך. בפרט ווען עס קומט פאר אין ווארשע א "התחלת הספר" אדער א „סיום הספר" — ר' אהרן ארגאניזירט דעם „ווינער זאל" אויף די מוראנאָווסקע 34, ער באשטעלט דעם בדחן — זיסל דער מארשעליק, די כלי־זמרים, באשטעלט

די סעודה און אזוי ווייטער.

ווען דער בארימטער חזן משה קוסעוויצקי נויטיקט זיך מפורסם ווערן ביי די גרעסערע יידישע קרייזן — ר׳ אהרן זאָרגט פאר אים און לאדנט אים איין, כמעט יעדן שבת־צונאכטס אין „ווינער זאל״, — ער ע פ נ ט דעם באל און ער ש ל י ס ט.

אין ווארשע איז ארומגעגאנגען אַ וויץ, אז ווען ר׳ אהרן גיט א נאָס — הערט מען אין גאנץ ווארשע. אזעלכע יידן ווי דער „זשאפקעוויצער רבי״ זענען קיין סך אין ווארשע נישט געווען. די שענסטע נדבה פלעגט מען ביי אים באקומען. ער האט געגעבן אויף אלע צוועקן : פאר „בית לחם״, תומכי עניים, לינת הצדק, הכנסת כלה, בקור חולים אויך, להבדיל, פאר חסד של אמת. ווער עס איז אריינגעקומען צו אים אין געשעפט איז ארויס צופרידן. שטענדיק האט ער געשמייכלט. אפילו א מענטש אויף גרויסע צרות, אז ער האט זיך געפינען אין ר׳ אהרנ׳ס סביבה, האט ער פארגעסן אלע זיינע דאגות.

ר׳ אהרן איז מלא אהבה, מלא שמחה. איך געדענק, אז איך פלעג אויף אים נאר א קוק געבן פלעג איך באלד מוזן לאכן. אויף אים קאן מען זאגן דעם פסוק „אשרי יולדתו״.

אלס חסיד פון ראדזינער רבי׳ן, האט ער געטראגן „תכלת״[1]. בקיצור, ער איז געווען צו גאט און צו לייט.

דעם נאמען און טיטל „דער זשאפקעוויצער רבי״ האט ער באקומען פון זיינע אנהענגער לויט זיין התנהגות — ווייל קיין שטאט זשאפקעוויץ איז בכלל נישט געווען און בפרט אזא מין רעביסטוואָ.

אויך פלעגט מען ביי אים אין שטוב פראווען „שלש

סעודות״ — ער האָט זיך געפּירט ברייט, „כיד המלך״. ר׳ אהרן האָט שטאַלצירט מיטן וואַרשעווער יידנטום און וואַרשע האָט שטאַלצירט מיט אים, מיטן „זשאַפּקעוויצער רבי׳ן״.

1) א טלית קטן מיט עטלעכע פּאָדעם פון „תכלת״

לשמוע אל הרנה ואל התפלה

פון די באלקאנען שרייען אראפ די שילדן און שילדלעך „לשמע אל הרנה ואל התפלה" — ווארשע גרייט זיך צו די „ימים נוראים" — דאס יידישע ווארשע נעמט א טרייסל, עס גייט דער „יום הדין", חדש אלול, נאך א פאר וואכן קומט ראש השנה, יום כפור, די צייט ווען די מלאכים אין הימל האבן מורא, ווען די פיש אין וואסער ציטערן, לא מכל שכן מיר זינדיקע מענטשן אויף דער וועלט, דארפן מיר ציטערן און תשובה טאן.

עס לאזן זיך ארויס אין גאס אלע חזנים, מנגנים, חברות, געזעלשאפטן, פאריינען — רעליגיעזע, פרייע. מען דינגט אפ זאלן, גרויסע און קליינע און פארשידענע לאקאלן ס'ווערן געשאפן מנינים אויף ימים נוראים.

עס ווערן אויפגעהאנגען שילדן אין אלע גאסן אויף באלקאנען, געשעפטן, שוי־פענצטער, ווו מען גייט רעדט צו דיר א שילד „לשמע אל הרנה ואל התפלה": דא דאווענט דער בארימטען מאדזשיצער זינגער קויפמאן יודל; אין לאקאל פון „מכבי" אויף נאלעווקי 2־א דאווענט יחזקאל'ה טאוב מיט יענקעלע פאסטאג; אין וואַיאַזשאַרן־פאריין אויף די לעשנא גאס דאווענען באוווסטע חזנים, עס איז פריילעך, עס רודערט זיך. ווי מען שמועסט זענען צוגעקומען אין די ימים נוראים אין ווארשע 500 מנינים — אין שולן, בתי־מדרשים, שטיבלעך אויפן נאמען פון א „רעביסטווא" און סתם שטיבלעך — פארווע שטיבלעך, חברות ש"ס, תפארת־בחורים און פיל אנדערע.

די פלאקאטן שרייען, ווענדן זיך צו דיר — אויב איר ווילט האבן אן עונג יום טוב, איר ווילט זיך אויסבעטן א גוט יאר, — קומט הערן דעם באוווסטן „מלך החזנים" — גרשון סיראטא וואס איז צוריקגעקומען פון אמעריקע — ער דאווענט אין נאזשיקס שול אויף טווארדע נומער זעקס.

ביי די רביים איז געפאקט. ביי ר' ירחמיאל'לע דער זוואלינער רבי, אויף פאוויע 16, שטייט מען אויף די שטיגן. ראש השנה, ארום האלב פיר אזייגער קאנסטו נאך טרעפן ביי „מלכיות".

ארויפקומען אינדערהויך נאענט צו דער טיר האט מען נישט געקאנט. מען האט געמוזט בלייבן שטעקן אויפן ערשטן שטאק. דער רבי אליין האט געדאווענט. דאָס קול זיינס — א לירישער טענאר, האט געקלונגען ווי גלאקן. מען האט זיך געווונטשן, אז משיח וועט קומען, וועט ר' ירחמיאל'לע זיכער דאווענען, אין בית המקדש. אזוי „מאראליש" האט ער געדאווענט, אז דאס דאווענען איז אריין טיף אין די ביינער און דיך אדורכגענומען דורך און דורך.

ביי די „הפסקות" פלעגט מען זיך צוכאפן צו דער סינאגאגע, אפשר וועט מען כאפן א „ותמלוך", אדער א „היום הרת עולם" פון קוסעוויצקען.

ביי ר' יחזקאל שפיגעלגלאס — איינער פון די „שבעה טובי העיר" האט געדאווענט „שחריתים" ר' הערשל לינדזאן, א קינסקער חסיד און אפגעהיטענער ייד, א תמים וואס האט אין זיין לעבן קיין ווארט ליגנט נישט געזאגט. ער האט צעבראכן דאס הארץ, ער האט ארויסגעזאגט דאס ווארט מיט א געוואלדיקער טיפקייט. געזונגען האט ער אלטע ווארקער נגונים, וואס האט יעדן איינעם דערפירט

צו א גרויס התעוררות.

רייכמאנ׳ס שול אויף נאוואליפיע 30 איז געווען געפאקט, אזוי אויך אלע בתי־מדרשים. יידן האבן געדאוונט.

מענדל „בעל תוקע״ האט זיך בארימט, אז ער נעמט א „הונדערטער״; שלאמעק איז א משורר ביי יונקערן וואס דאוונט אין וואיאזשארן־פאריין. ער באקומט דערפאר 25 זלאטעס; דער שמש פון די סמאטשע 22 ווינטש זיך — הלוואי זאל דאס יאר נישט זיין ערגער ווי פאראיארן.

ביי די צוויי „רבי׳לעך״ אויף די זאמענהאף איז פול. זיי אליין דאווענען פארן עמוד. מבינים זאגן אז דער גרעסערער ברודער וועט ארויסקומען א גרויסער חזן.

עס זענען פאראן אזעלכע וועלכע דאווענען אויף איין ארט שחרית און נאכהער לויפן זיי ערגעץ אנדערש ארייג־כאפן א מוסף. אויף די סאלנע גאס דאוונט מוספים דער באוווסטער דאזער ר׳ יצחק שטיקגאלד אין א ליטווישן נוסח.

ר׳ זישע טשאלטשינסקי — דער גרויסער קאלאניאל־סוחר, דאוונט אין „מוריה״־שול אויף די דזשעלנא נומער 7. פון דארט כאפט ער זיך ארויף צום פיאסעטשנער רבי׳ן, וואס וווינט אין צווייטן הויז — דזשעלנע נומער 5.

עס איז כדאי ארייגצוגיין אין די דייטשישע שול הערן פרעדיקן דעם פראפעסאר שאר, וועלכער רעדט מיט זיין גרויסן פאטאס, וועגן תשובה, וועגן יום הדין.

בשעת דער הפסקה גייט מען אריין אין קראשינסקי׳ס גארטן אויף די נאלעווקעס. דארט קאן מען הערן ווי איינער זאגט: — אזא „בעל תוקע״ האב איך נאך נישט געהערט, איך בין שוין אלט עטלעכע און זעכציק יאר — ער האט זיך קיין איין מאל נישט פארהאקט. א צווייטער

האָט טענות צו זיין חזן, — ער איז גאַרנישט געפאַלן „כורעים", ער האָט זיך נאָר עטוואָס איינגעבויגן, אַ חלול השם, אַ חרפּה, אַ בושה. איך וועל דאָס נישט צולאָזן!...

מיר האָבן אַ חזן, אַז מען קאָן ציילן די ווערטער ווי פּערל, — ער זאָגט אַרויס דאָס וואָרט, ממש אַ מחיה. און אַנדערער וואַרפט זיך — אַז זיין חזן גאָרגלט זיך, ער נעמט אַרויס די נשמה — זאָגט ער. דאָס צווייטע יאָר, מ'זאָל דערלעבן, וועט ער מער נישט דאַוונען אין קיין שול, ער וועט גיין אין אַ בית־המדרש אַריין, וווּ עס דאַוונען פּשוטע בעלי־תפלה, וואָס זייער דאַוונען גייט אַרויס פון אַ צעבראָכן האַרץ.

— איך דאַוון שוין 10 יאָר ביים פּאַריסאָווער רבי'ן, — רופט זיך אָן יאָסל פון ניישטאָדט, — דאָרט דאַרפט עך הערן אַ דאַוונען... קודם איז שטיל, אימת המלכות, אַזוי שטייט מען אין יום הדין; עס דאַוונען ייִדן מיט וואָס פאַר אַ הדרת־פּנים. בלויז אָנצוקוקן ר' העניאָך, ווען ער גייט אַוועק נאָכן שחרית אַ נאַסער, דאָס קיטל איז ביי אים אויסגעווייקט אַזוי ווי ער וואָלט אַרויסגעגאַנגען פון מקווה.

— דאָס פאַרשטיי איך — זאָגט ער. — וואָס? דאַוונען אין אַ שול מיט די ליטוואַקעס, דאָס וואָלט איך נישט געקאָנט. ווען דער בעל־מוסף ר' מיילאַך שוחט גיט אַ שריי־אַרויס — „שדי", — דערשרעקן זיך אַפילו די מלאכים אין הימל. צווייטנס, דאַוונט איר צווישן ייִדן, לויטער רבנים, מען פילט זיך גאָר אַנדערש. אויף אַלע ייִדישע קינדער געזאָגט... דער רבונו של עולם מעג זיך שוין אויף אונדז מרחם זיין — פאַרענדיקט ער.

ביי כאַסקעלע טאָוב און יאַנקעלע פאַסטאַג דאַוונט

א ספעציעלער „עולם" — „יודעי נגן", „אניני טעם" — וואס ווילן כאפן די אמתדיקע מאדזשיצער נגונים — די צווי בעלי־תפילה זענען פון מאדזשיצער הויף. דא הערט מען איין ניגון נאכן אנדערן, ביי די הפסקות פון אנדערע מנינים, קומען כסדר מענטשן, עפעס הערן פון זיי, עפעס געניסן, עפעס נאשן פון זייער זאגעכטס, א „ונתנה תקף", אן „ארשת" און אזוי ווייטער.

לשמע אל הרנה... רעדט פון יעדן הויז, פון יעדן באלקאן, — ווארשע איז איינגעהילט אין דער אטמאספער פון לשמע אל הרנה ואל התפלה.

פריוועס שול אויף די גנאינע גאס

די גנאינע איז א באוווסטע גאס פארן אייזערנעם טויער, קעגנאיבער די וויעלעפאלע. די גאס וואס הייסט אפיציעל אוליצא רינקאווא, געפינט זיך אין צענטער פון האנדל און רויש. צענדליקער טויזנטער מענטשן, דורכגייער און איינוווינער פון דעם געגנט, יידן און קריסטן, פארפילן די גאס, וועלכע איז פול מיט פארשידענע געשעפטן.

אין דעם צענטער געפינט זיך די שול וואס איז איינע פון די גרעסטע שולן אין ווארשע. דא דאוונט מען פון פארטאג ביז שפעט ביינאכט, ביז עלף אזייגער, ביז דער צייט ווען עס ווערן פארמאכט די טויערן פון די הייזער.

גנאינע פינף איז א „שם דבר". ווער האט נישט געהערט און ווער קען נישט די שול? די חיובים פון קדיש זאגן, ווען זיי גייען אדורך איז שטענדיק דא א מנין — ביז 12 מיטאג טרעפט מען נאך א שחרית; פון א פערטל נאך צוועלף הויבט מען צו דאווענען מנחה, ביז גאנץ שפעט, און מעריב פון צאת הכוכבים ביז מען פארמאכט די טויערן.

ביים אריינגאנג קאנסטו באקומען פון אלערליי תשמישי קדושה — מזוזות, חומשים מעשה־ביכלעך, פון הייליקע צדיקים: דער שפאלער זיידע, ר׳ מאיר בעל הנס, דער בעש״ט, לקוטי מהר״ן, תפלות דר׳ נתן און אנדערע.

כמעט יעדן טאג ווען איך גיי אין חדר אריין גיי איך פארביי די שול, אבער איך האב קיינמאל נישט באמערקט, וועלכע אינסטיטוציעס עקזיסטירן נעבן דער שול. דאס לויפעניש, דאס געיעג אין דרויסן איז אזוי גרויס, אז איך

האב קיין אכט נישט געלייגט אויף די שול.

אנדערש איז געווען שבת. שבת נאכמיטאג, ווען רוב מענטשן לייגן אוועק זייער בינטל ביינער אפרוען פון מידקייט און פראצע אין די ששת ימי המעשה, ווען יעדער דערוואקסענער מענטש, פאלט אוועק ווי געהרגעט — האבן מיר, יינגלעך, געהאט די געלעגנהייט ארומשפאצירן אין די גאסן אויף דער פרייער לופט, בעת א גאנצע וואך ווערט מען פארשמאכט אין חדר ביז שפעט אין אוונט.

מיר, יינגלעך פון חדר אויף טווארדא 16, זענען מיר געווייער געווארן, אז אויף טווארדע נומער 10 וווינט א גערער חסיד, אן עושר, וואס ביי אים קאן מען טרינקען א הייס קאכעדיק גלעזל טיי.

אין דרויסן פאלט א שניי אדער עס הערשט א טרוקענער פראסט. מיר לאזן זיך אראפ דאס פיטערנע היטל איבער די אויערן, מען פוילט זיך נישט, מען נעמט זיך צונויף עטלעכע חברים און מיר לאזן זיך אין דער ריכטונג צו די טווארדע גאס — דאס איז א מהלך פון א גוטע האלבע שעה.

מיר גייען פארביי די גנאינע שול; פלוצים, אזוי ווי מיר שטייען ביים טויער פון דער שול, באמערקן מיר אן „אטשערע" פון מענטשן אין הויף פון דער שול. וואס איז געשען? וואס האט פאסירט? אן „אטשערע" שבת נאכמיטאג אויפן הויף פון א שול? שטייט מען אין „אטשערע" צו דאווענען מנחה — דאס קאן נישט זיין, מיר באשליסן, מען וועט אריינגיין אינעווייניק אין הויף אריין. אין הויף זעען מיר אזא סצענע:

עס שטייט א גרויסער טיש און נעבן טיש צוויי בענק; אויפן טיש שטייען צוויי גרויסע קעסלען — איין קעסל

איז פול מיט אנגעשניטן ברויט, דער צווייטער קעסל איז פול מיט „קראץ־בארשט". צווישןביידע לאווקעס גייען אדורך פארשידענע מענטשן — יעדער איינער באקומט צוויי שטיקלעך ברויט, — אינדערמיטן ווערט ארייגעלייגט, מיט א גרויסן קאך־לעפל, דאס קראץ־בארשט. א טייל האבן באלד אנגעהויבן עסן, אנדערע זענען אריין אין פאליש און דארט געקייט די צוויי „לחמות" ברויט. לויט זייערע פנימער און זייער אנגעטועכטס, האט מען גאנץ גוט דערקענט, אז דאס איז ביי זיי נישט קיין „שאלע־שידעס" — דאס איז דאס ערשטע שטיקל ברויט וואס זיי עסן דעם שבת...

אזוי זענען פארביי די „אטשערע" הונדערטער מענטשן, ביז עס איז פינצטער געווארן.

אין דער שול — אינעווייניק, האט מען געפראוועט אמת'דיקע „שלוש סעודות" און אין דרויסן האט מען נאך אלץ געטיילט די „פארציעס" ברויט מיטן קראץ־בארשט. ווער עס האט דאס אלץ צוגעגרייט האבן מיר נישט געזען איין זאך האבן מיר געזען: אז די אומגליקלעכע באשעפענישן האבן געשטילט זייער הונגער מיט די שטיקלעך ברויט — אויף ווי לאנג?

עס זענען אויך געווען אזוינע, וואס האבן זיך אריינגעכאפט אין דער „אטשערע" א צווייט מאל, אבער דער „סדרן" וואס איז געשטאנען און געהיטן, האט צו דעם נישט דערלאזט. אין איין אויגנבליק, ווען ער האט אוועקגעקוקט, האט זיך אזא הונגעריקער אריינגעכאפט און געמאכט א „לעבן"...

די שול האט אויך גענוצט אויף אנדערע וויכטיקע צוועקן. ווען דער לובלינער רב הרב מאיר שפירא איז נפטר געווארן, זענען צו די „שלושים" פארגעקומען הספדים אין

אלע גרויסע שולן אין ווארשע — איינע פון די שולן איז די גנאינע שול. אבער אהער האט מען געשיקט די בעסטע בחורים וואס די שכינה האט געלויכטן אויף זייער פנים, מספיד זיין זייער רבי'ן...

ווען עס קומען פאר פראטעסט־פארזאמלונגען: קעגן פריסטארס געזעץ צו פארבאטן די א. ג. ריטועלע שחיטה, — איז די גנאינע שול איבערפולט „מפה לפה".

דא קאנסטו באמערקן ביי שחרית א שוחט מיט א פלייצע־טרעגער פון אייזערנעם טויער, אדער פון די פטאשע גאס שטייען צוזאמען און דאווענען; חסידים, מתנגדים, ארעמע, רייכע, יינגלעך, קינדער, עלטערע, יידן — סוחרים פון די וויעלעפאלע, אדורכגייער, ווארשעווער און פראווינצער, מיט זייערע פויערישע שטיוועלעך; אלע פנימער, באקאנטע און פרעמדע.

אט שטייט אין ווינקל, דער באוווסטער „לקחן" גדליה און מלמל'ס. אלע זענען געקומען אין שול אריין אויף די גנאינע פינף, ווייל אינעווייניק האט געהערשט נישט נאר די ווארעמקייט פון דעם גרויסן „קאפלאנעם" אויוון, נאר אויך די ווארעמקייט, די ליבשאפט, אהבת־ישראל, — וואס איז געווען אזוי שטארק אנטוויקלט ביי די ווארשעווער יידן...

דער גערער בית־המדרש אויף דער אייזנגאַס

א סך בתי־מדרשים זענען פאַראַן אין וואַרשע — „דאָס גערער בית המדרש" איז אַ ספּעציעלער בית־המדרש פאַר זיך. זיין גלייכן איז נישטאָ. פיל גערער שטיבלעך זענען פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט, אויך אין דער „אַלט־שטאָט" — אין פּראָגע. צענדליקער שטיבלעך, גרעסערע און קלענערע, און גאָר גרויסע, אַזוי, ווי אויף טוואַרדע 18 אָדער דאָס הויפּט־שטיבל אויף נאַלעווקעס 19. אונדזער בית־המדרש אויף די אייזנגאַס איז אין סאַמע קריסטלעכן געגנט נישט ווייט פון די הויכע נומערן פון די קראַכמאַלנע.

פון יעדן שטיבל איז דאָס קול פון דער תורה אַרויס־געגאַנגען אויף דער גאַנצער גאַס; אין יעדן גערער שטיבל קאָנסטו זען די חסידישע יינגעלייט און מיטליאַריקע, אויך עלטערע מיט גאַנץ גראָע, ווייסע בערד, וואָס טראָגן די קורצע אויסגעפּוצטע שטיוועלעך.

קורצע שטיוול, פאַרוואָס? — מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז עס איז געשריבן אין דער תורה „ובחקתיהם לא תלכו" — דאָס הייסט, אַז מען טאָר נישט גיין אין די גוייִשע געזעצן — האָבן די גערער חסידים צוגעגעבן נאָר איין סייג, נישט אָנטאָן זיך אין די גוייִשע קליידער. טראָגן זיי גוייִשע שטיוול מיט לאַנגע כאַלעוועס — דאַרפן מיר יידן, טראָגן שטיוול מיט קורצע כאַלעוועס; גייען זיי געקנעפּלט פון לינקס אויף רעכטס, דאַרפן מיר טראָגן דעם אָנצוג און קנעפּלען פון רעכטס אויף לינקס; טראָגן די גויים אַ היטל מיט אַ לאַנגן לעדערנעם דאַשעק, דאַרפן מיר טראָגן

א היטל מיט א קורץ דאשעקל — דאס איז דאס באַרימטע יידיש היטל; טראגן די גויים א בינדע, דארפן מיר טראגן קוים א שניפסל און אזוי ווייטער. א חסיד קאן מען דערקענען אין גאס, און על אחת כמה וכמה, א גערער חסיד.

א גערער חסיד איז נישט קיין „פארקנייטשטער", ער איז א גאנץ מאדערנער מענטש, ער האלט אויך פון „עולם הזה", ער לעבט און לייבט; ער ווינט זיך שיין, ער גייט פיין געקליידעט, ער שיקט לערנען די קינדער — יינגלעך אין „יסודי התורה", שפעטער אין ישיבה; מיידלעך אין „בית יעקב" אריין. א גערער חסיד איז נישט קיין הינטערשטעליקער מענטש. דאָס איז א גערער חסיד. אין ווארשע איז ער גאר געפוצט — ער געפינט זיך דאך אין דער הויפט־שטאט. זאלן מיר נישט פארגעסן, מיר געפינען זיך אין ווארשע, נישט אין „בוטשאטש".

די געגנט, וו דאס גערער בית־המדרש ליגט איז נישט קיין יידישע, א גאנץ קריסטלעכע געגנט — ביז די כלאדנע גאס ווינען יידן מיט קריסטן געמישט, פון די כלאדנע העט ארויף ביז די אלעיע יעראזאלימסקע ביי די טאָוואראָווע באן־סטאציע, ווינען זער ווינציק יידן. דווקא ד א, געפינט זיך דאס בית־המדרש.

אין דרויסן זעט דאס הויז אויס, אזוי ווי א פעסטונג, אדער א קעניגלעכער פאלאץ. ווען מען קומט אריין אין הויף אריין געפינען זיך דארט דריי געביידעס אזוי ווי א חת.

מיין חבר פייוול פון די פראסטע גאס, זאגט צו מיר:

— דו זעסט קיווע (עקיבא), דא איז געשלאפן דער חדושי־הרי"ם, איך גיי אדורך די אפיצינע מיט אימת־המלכות, ס'טייטש, — טראכט איך זיך, — דער חדושי־הרי"ם האט

דא געגעכטיקט, און איך א פראסט יינגל שטיי דא נישט ווייט פון דעם ארט... צי בין איך ווערט דא צו שטיין, צי מעג איך קוקן מיט מיינע אויגן, וואס קאן זיין, אז זיי זענען טרפה געווארן פון קוקן אויף א „טומאה״, אדער אויף א טרומנע, ווען עס גייט אדורך אין גאס א „פאַגזשעב״[1]?

— ניין, — זאג איך, — איך וועל זיך דא לאנג נישט אויפהאלטן, איך וועל זיך דא מער נישט ווײלן... מה נורא המקום הזה״, ווען דו וואלסט מיר פריער דערציילט, — זאג איך צו פייוולען, — וואלט איך אפשר גארנישט ארײנ־געגאנגען אין הויף ארײן...

אין דער צווייטער אפיצינע געפינט זיך דאס בית־המדרש. אינעווייניק שטייען און זיצן א פופציק־זעכציק בחורים, יונגעלייט, מען לערנט גמרא אויף א הויכן קול, אזוי פלייסיק, מיט א געשמאקן ניגון. כ׳האב שוין געהערט לערנען — זאג איך ווייטער צו פייוולען, — איך בין דאך עפעס געווען אין ישיבות, אין ראדאם, אין די ווארשעווער מתיבתא, אין ר׳ נתקה׳ס ישיבה, דאס האב איך נאך נישט געהערט, אזוי צו לערנען מיט אזא מתיקות, מיט אזעלכע געפילן. די בחורים — די שכינה ליגט אויף זייער פנים, ווי זיי וואלטן אויסגעקליבן געווארן איינס ביי איינס, עס שמעקט פון זיי אראפ, אזוי ריין און רייך געקליידעט, קייזערלעך, מלכות׳דיק.

נישט ווייט פון ארון קודש שטייט א בחור פון א יאר זיבעצן, הויך א מעטער זיבעציק, מיט שווארצע, גלאנצעדיקע האר. ער טראגט א גרוי געהאקט קאפאטקעלע, א ווייס העמד מיט שטייפע מאנקעטן אין די מאנקעטן זענען ארײנגע־שטעקט צווי זילבערנע ספינקעס, צום העמד א שווארץ זיידן שניפסל, די שטיוועלעך זיינע זעען אויס ווי מען האט זיי

בנימין דאַווידזאָן

הײנט ארויסגענומען פון בראַטשאַ פאַמעראַנטשיק׳ס שיך־סאלאן. די חברים זײנע רופן אים משה׳לע — מיט א שם חיבה, אבער זײן מוטער רופט אים מאָניעק א זון וואס די עלטערן זײנע זענען גלאַז־הורטאַווניקעס פאסט נישט מער צו רעדן עפנטלעך יידיש. ווען משה׳לע שרײט ארויף צו זײן מוטער בעת ער קומט אהײם אויף מיטאג „מאמושו" און זי ענטפערט אים אויף פויליש „צאָ יעסט מאָנעיק"[1], ווערט א געלויף צו אלע פענצטער פונם הויז — אלץ לויפט זען דעם וואונדער — הערן און זען ווי א געהער חסידיסטע רעדט מיט איר זון, א בחור וואס לערנט אין גערער בית־המדרש, אין דער פוילישער שפּראך.

1) גוישע לוויה

חדרים

ווארשע האט געהאט א סך חדרים מיט „פּאַזוואָלענ־יעס"[1] און אן „פאזוואלעניעס". א חדר, אין וועלכן קליינע קינדער האבן געלערנט א"ב און „טראַפּ" וואס מען האט מיט זיי באדארפט „מיטגיין"; א חדר מיט קליינע לאַוועלעך און אין מיטן פון דער לאַווקע איז פאראן א לאָך אין וועלכע עס שטעקט א טינטער. מען לערנט דארט חומש מיט רש"י און אויך „שרייבן".

דער חדר אויף נאוואליפיע 55 איז א חדר אין וועלכן עס לערנען פון א 20 ביז 30 קינדער ביז 13 יאר. קיין לאַווקעס זענען דארט נישטא. די קינדער זיצן ביי א לאנגן טיש. ר' מײַלאָך איז אליין דער מלמד און אליין דער בעלפער. א קורצע צייט האט ער געהאט א בעלפער — ער האט ביי אים געהאט אויסגעריסענע יארן און ער איז פון אים אוועק קוים מיטן לעבן.

די תלמידים האבן פון ר' מײַלאָך אויך נישט געלעקט קיין האניג. ער האט א קאנטשיק, און אן א פאר וואס און אן א פאַר ווען לייגט ער אריבער א יינגל און צימבלט אים אריין, אז דער קליינער קאן נישט עטלעכע טעג נאכדעם זיך אוועקזעצן אויפן „וויהייסמעס".

פארשידענע מלמדים זענען פאראן ביי אונדז אין די חדרים. איינער, וואס גיט א פאַר שמיץ מיט א פאסיקל, נאר „יוצא" צו זיין, כדי דאס קינד זאל לערנען דרך ארץ און נישט וואקסן קיין שייגעץ. צום ביישפיל: ווען ער פרעגט א יינגל: — ווו האלט מען? — דאס קינד ווייסט

נעבעך נישט,... ס׳קאן זיין אז ער ווייסט יא, נאר פון פחד, ווען דאס קינד קוקט אן דעם רבי׳ן, ווי ער שטעלט אן אויף אים א פאר גלאָצעדיקע אויגן, — ענטפערט ער: רבי, כ׳ווייס נישט...

א קינד כאפט אויף שמיץ, ווען דער רבי פארהערט אים און ער קאן נישט דעם חומש.

א צווייטער שלאגט מיט א פאסיק, א גרויסן, וואס פון יעדן שמיץ זעט נעבעך דאס קינד די עלטער־באבען. אן אנדערער קיילט מיט א קאַנטשיק וואס האט עטלעכע לעדערנע ריטלעך, ביז האלב־טויט, איינגאנצן אן רחמנות.

ווען דער קליינער שוואכינקער שלמהלע קומט אהיים מיט א געוויין און זאגט:

— דער רבי האט מיך אזוי געשלאגן, פאר גארנישט...

— שרייט נאך די מאמע אויף אים:

— א ברכה אויף אים! געבענטשט זאלן זיין זיינע הענט. ער וועט דיך מאכן פאר א לייט... ביי שלמהלען ווערט דאס יונגע הערצעלע פארגליווערט.

דער לאנגער טיש אין ר׳ מיילאַך׳ס חדר האט געניצט צו פארשידענע צוועקן: ז׳ אדר „יום הלולא״ פון משה רבינו ע״ה ווערט דער גאנצער טיש ארומגעשטעלט מיט ליכטלעך לכבוד דעם אדון הנביאים.

דער רבי דערציילט וועגן משה רבינו, אלע ווערן שטיל ווי די וואנט. אפילו חיימל ראַצער ווערט רואיק ווען מען דערמאנט משה רבינו׳ס נאמען. מען פראוועט א סעודה׳לע און דער רבי טיילט צוקערלעך און געבראטענע קארטאפל. ווינטער, ווען עס ווערט קאלט, אזוי ארום חנוכה־צייט, לאזט ר׳ מיילאַך ארויס זיינע תלמידים אין גאס שאפן קוילן איינצוהייצן דעם אויוון. ער שיקט ארויס פארלעך.

ער פאַרט צוזאַמען אַ שעמעוודיק יינגל מיט אַ דרייסטן. דאָס פּאָרל באַקומט אַ זעקל אין האַנט. דער רבי גיט אַ געשריי: — נו, גייט שוין, שנעלער! און אַזוי גייען זיי אַרום אין די הייזער צוערשט צו די עלטערן פון די קינדער פון חדר, שפּעטער צו די ווירטן פון די הייזער, וועלכע זענען פאַרמעגלעכע מענטשן און פאַר זיי שפּילט נישט קיין ראָל צו שפּענדן אַ פּאָר שטיקלעך קוילן. עס איז נישט מקנא צו זיין דאָס קינד וואָס קומט צוריק מיט אַ ליידיק זעקל. עס האָט אויך פּאַסירט, אַז דאָס זעקל איז געווען געלעכערט און דאָס קינד האָט נאָך מאַטערניש צוזאַמענגעקליבן אַביסל קוילן און אויפן וועג צוריק אין חדר זענען ביסלעכווייז אַרויסגעפאַלן שטיקלעך קוילן און ביז ער איז צוריקגעקומען אין חדר אַריין איז דאָס זעקל געבליבן האַלב־לער.

עס איז אויך געווען אַ חדר, אין וועלכן דער רבי האָט קיינמאָל נישט אַרויפגעלייגט קיין האַנט אויף קיין קינד. טראָץ דעם האָט מען פאַר אים מורא געהאַט אימת־המלכות. אין ר׳ אהרנ׳ס חדר פאַרן אייזערנעם טויער, האָבן געלערנט 5 — 6 אלף־בית קינדער, דערוואַקסענע, וואָס האָבן געלערנט חומש מיט רש״י, ווי אויך עטלעכע בחורים „חתנים״, מיט וועלכע ער האָט געלערנט „יורה דעה״.

מענדעלע־וועוויאַרקע וווינט אויף די זשעלאַזנע ראָג אַגראַדאָווע. אין חדר אַריין פירט אים זיין שכנטע רייזעלע ווען זי גייט עפּענען די קראָם פון פּאַיאַנס אויף פּטאַשע גאַס. אהיים פירט אים דער רבי אַליין. פאַר דעם האָט אים די מאַמעשי באַזונדער באַצאָלט. ווען מענדעלע האָט שוין געקאָנט זאָגן „אדון עולם״ פון אויסנווייניק, האָט

מענדעלעס מאמע אים געקויפט א מתנה — א שיין אויבערהעמד, וואס איז ענלעך צו א קיטל וואס דער בעל־תפילה טוט אן ימים נוראים.

דער חדר אויף מילע 63 איז אן „אפיציעלער" חדר מיטן נאמען „יסודי התורה". פארנעמט א ספעציעלע 3 שטאקיקע אפיצינע, שיין איינגעארדנט, גרויסע פרעכטיקע צימערן, נייע לאווקעס, שיין געפארבט — ממש א תענוג צו לערנען אין אזא חדר.

אין יעדן קלאס איז דא א „קאטעדרע" ווו דער רבי — און ביי די לעקציעס דער „נאוטשיציעל"[2] — זיצן דארט. אויף דער וואנט הענגט דאס בילד פון דעם פרעזידענט מאשטשיצקי. דאס איז א חדר מיט אלע פיטשעווקעס — מיט פויזעס און וואקאציעס, מען פארט אויף אויספלוגן, דער חדר איז אנערקענט דורך דער מאכט ווי א „פאוושעכנע שקאלע"[3].

דער משגיח, ר' זושא, ער שלאגט נישט. ער גיט נאר א לייכט פעטשל ווען מען פאלט אדורך ביים „נסיון". דער „קיעראווניק"[4] איז א רשע מרושע. ווער עס פארשפעטיקט מיט א מינוט ביי דער פויזע, שטייט ער ביי די שטיגן און רייסט אויס די אויערן פון יעדן קינד מיט גרויס אכזריות.

דאס חדר־געלט אין די „יסודי התורה" איז געווען הויך. און אזוי האט מענדעלע געמוזט וואנדערן פון חדר צו חדר, ביז ער איז אנגעקומען אין באוווסטן חדר „יסודי התורה" אויף טווארדע 16.

טווארדע 16 איז א הויז פון 3 הייף: דער ערשטער הויף איז א לאנגער ווי דער יידישער גלות; עס וווינען דארט א סך איינוווינער. אין טויער פון צווייטן הויף איז דאס מאדזשיצער שטיבל. אין צווייטן הויף, דאס הייסט

מעריב־זייט, איז פאראן א פריוואט־חדר און גלייך צפון־זייט איז דער גרויסער חדר די „יסודי התורה" — דארט לערנען עטלעכע הונדערט קינדער.

דער משגיח איז ר' שלום, אן אנגעזעענער גערער חסיד, ער איז אן „אכצענער", ער דאוונט אויף טווארדע 18.

אין דעם חדר לערנען אויך „גערער אייניקלעך" און קינדער פון חשובע גערער חסידים און פון רייכע באלעבאטים.

די גרעסטע כיתה איז ר' שאול'קעס כיתה, די זיבעטע, — דארט ווערט געלערנט „יבמות". מענדעלע לערנט אין דער פינפטער כיתה. קיין חומש מיט רש"י לערנט מען שוין נישט. מען לערנט אינדערפרי גמרא, נאכמיטאג גמרא און אין אוונט גמרא.

דאנערשטיק פארמיטאג דאס הייסט פארן „נסיון" נאך דעם ווי מ'האט שוין אדורכגעחזרט די גמרא עטלעכע מאל, — דער רבי האט שוין אלע פארהערט, אלע זענען שוין גרייט און עס בלייבט נאך איבער א האלבע שעה אדער א שעה, כאפט דער רבי אריין „בגנבה" א פרק אדער צוויי „פסוק". ווי עס פאלט אים איין: פון „מלכים" אדער פון „תרי עשר". אין חדר פירט א גרויסע טעטיקייט די פרויען־ארגאניזאציע „וויצאָ". די קינדער ווערן פון צייט צו צייט אונטערזוכט פון א דאקטאר. און, אז דער דאקטאר געפינט פאר נויטיק שיקט ער ארויס דאס קינד אויף א קאלאניע, זיך צו „ערהאלן".

איינע פון די טעטיקסטע פרויען איז די „פאננא" פינקערט, א טאכטער פון דער באוווסטער משפחה פינקערט. זי זארגט פאר דער היגיענע און געזונט־צושטאנד פון די קינדער.

פרייליין פינקערט איז א שיין יידיש מיידל ביי די עטלעכע און צוואנציק. זי רעדט א שיינעם פויליש און אביסל יידיש. זי באציט זיך צו די קינדער ווי א מאמע. ווי איך געדענק, האבן זי אלע קינדער ליב געהאט.

אין קעלער פון חדר־הויז געפינט זיך פון איין זייט א וואפלע־פאבריקל און אין דער צווייטער זייט וווינט א גוי. זונטיק, קאכן זיי און פרעגלען; דער ריח פונעם חזיר־שמאלץ צעטראגט זיך איבערן גאנצן הויז. מיר, קינדער פון חדר, האבן זיך פארשטאפט די נאזלעכער מיט די פינגער.

צו אונדזער משגיח ר׳ שלום איז דערגאנגען א קלאנג, אז די יינגלעך פון די גרעסערע כיתות גייען שבת נאכמיטאג אויף „פאַלאַניע׳ס״באַיסקאַ[5] זען דעם פוטבאל־מעטש. ר׳ שלום פוילט זיך נישט, ער נעמט מיט זיך מיט איינעם פון זיינע ידידים. אט־אט הויבט זיך אן דער מעטש. מיר לויפן ארום דעם פארקן צו פאקן אן ארט וווּ מען קאן לייכט אריבערשפרינגען. מיטאמאל: אוי א בראך! ר׳ שלום גייט!... מיר האבן אנגעהויבן לויפן, אז מיר לויפן נאך ביזן היינטיקן טאג...

ר׳ שלום׳ס אומגעריכטער באזוך ביים פוטבאל־פלאץ האט אונדז זייער איבערגעשראקן. איך געדענק אבער נישט, אז עס זאל פארבייגיין איין שבת מיר זאלן האבן פארפעלט צו זען א מעטש.

איינער פון אונדזער „חברה״ — כיל דעם קיטניקס, איז אמאל אהיימגעקומען פון מעטש און זיין מאמעשי האט באמערקט ווי די קאפאטע איז ביי אים אויסגעשמירט. האט זי זיך צעשריגן אויף איר מאן:

— אהרן דער קיטניק, איך וועל נישט דערלאזן, אז מיין

זון זאל ווערן א גוי! עס וואלט בעסער געווען ווען ער וואלט געווען געזאגט דעם פרק אדער א יום תהלים. עס וועט זיך טאן ריסעס!

זינט דעם סקאנדאל זענען מיר געפאלן אויף א פּאַרטל — אז מען דרייט איבער די קאפאטעס אויף דער לינקער זייט וועט שוין די מאמעשי, זאל זיין געזונט, גארנישט וויסן.

אן אויסטערלישער טיפ איז דער שמש פון אונדזער חדר וועלכער רייניקט און היט אונדזערע פאלטענעס. ער איז א הויכער ייד מיט א קליין ווייס בערדל. א קוק האט ער ווי א גוי. די בארד זעט ביי אים אויס ווי זי וואלט געווען א צוגעקלעפטע, ווי אין טעאטער. א טיפ פון א קאצאפ. מיר יינגלעך, פלעגן זיך גענוג אנלאכן פון אים.

ער זיצט אין צימער אין וועלכן זומער פלעגט מען דארט אויפהענגען די „פלאשטשן" און ווינטער די פאלטענעס מיט די קאלאשן. ער האט פאר דעם געפאדערט פון יעדן יינגל 10 גראשן א וואך. ווער עס האט אים נישט באצאלט באלד זונטיק אינדערפרי, האט ער געשאלטן און גערופן „ממזרים".

מיר זענען געווען „א טשווורקע"[6]: ווייַנבערג, פוטערמאן, קאראש און איך, — חברים געקנופט און געבונדן. מיר האבן געהאט בשותפותדיקע צילן.

ווייַנבערג איז א שוחט'ס א יינגל. ער וווינט אויפן „אמתדיקן פלאץ", אויף קראכמאלנע 5, די צווייטער טיר פונעם גערער בית המדרש ווו עס איז אמאל געווען דעם „חידושי הרי"מ'ס" בית המדרש. אין איינעם פון די קעלערס געפינען זיך דארט די חברה פּאַסערס. דארט האט מען

ארייננעפירט די גניבות און זיי אנגענומען אויף א געהעריקן „משא ומתן".

פוטערמאן ווינט אויף די פּטאשע גאס. דער פאטער זיינער איז א באוווסטער סוחר. זיי זענען זייער פארמעגלעך. די שטוב זייער איז באלעבאטיש איינגעארדנט. ביי פוטערמאנען פלעגן מיר זיך טרעפן נאכן אהיימגיין פון חדר. דארט איז פאראן א פאטעפאן מיט אלע חזנישע פליטן. די שטוב איז זייער א ווארעמע. ווען מיר קומען ארויף 8 אזייגער אין א ווינטער־נאכט, זענען מיר שוין גאנץ הונגעריק. די מוטער זיינע דערלאנגט מיר א פרישע קייזערקע מיט פרישן אויפשניט. כאטש איך בין הונגעריק ווי א וואלף, שאָקל איך מיטן קאפּ אויף „ניין". נאר ווען זיין עלטערע שוועסטער סאלושא, א מיידל פון א יאר צוואנציק, בעט מיך, אז איך זאל נעמען, עס פאסט נישט פאר א ווארשעווער יינגל צו זיין א שעמעוודיקער... קאן איך מער נישט מעיז פנים זיין — עס איך אויף צוויי אדער דריי זעמעלעך מיט ווורשט אנגעשמירט מיט מושטארדע.

צו אונדזער דריטן חבר, קאראש, זענען מיר ווינציק ארייננעקומען. זיין פאטער איז נישט קיין גביר, א בעל־פרנסה איז ער יא. ער האט א יאר־קארטע פון נאזשיקס שול. מיט זיין קארטע פלעגט ער אונדז ביידע ארייננעמען ווען עס האט געדאוונט א גוטער חזן, אן אורח — הערשמאן, סיראטא אדער אן אנדערער.

מיר האבן ליב געהאט צו הערן פליטן פון חזנים און צווישן זיך פלעגן מיר זינגען פאלקסלידער אויף העברעאיש און יידיש. די לידער פלעגן מיר לערנען אויף זומער־וווינונג אויף די קאלאניע זשעלאַנקא נעבן ווארשע. אונדזער מדריך הער לאַסקער, האט מיט אונדז געזונגען ארץ־ישראל־לידער

„ירושלים", „כנרת", „באה מנוחה ליגע"; די לידער האבן אויף אונדז געמאכט א געוואלדיקן איינדרוק. פון דאַן איז אין מיר איינגעווארצלט די ליבע צו פאלקס־לידער און צו געזאנג בכלל.

מיין חבר קאראש האט מיך אנגעהויבן צוצורעדן, אז מיר זאלן זיך איינשרייבן אין דאווידאוויטשעס כאר אין נאזשיקס שול.

איך בין דעמאלט אוועק צו מיין באבע. זי האט געוווינט אין ראדאַם. דאס איז געווען נאכן זיידנס טויט. די באבעשי האט זיך געוואלט טרייסטן, האט זי געבעטן, אז איר אייניקל פון איר איינציקן זון זאל זיין נעבן איר אביסל.

אין ראדאם האט געדאוונט אין שטאט־בית־המדרש דעם באוווסטן חזן קופערס א ברודער. איך האב זיך איינגעהערט צו זיין דאווענען מיטן כאַר. ווען איך בין אהיימגעקומען קיין ווארשע האב איך באקומען א גרויסן חשק צום זינגען. ווען מיין קוזינע בראַנקא האט מיך געהערט זינגען האט זי באשלאסן, אז זי מוז מיך איינשרייבן אין כאר פון דער טלאמאצקע־סינאגאגע וואס איז געווען באקאנט אלס אייזנשטאדט'ס כאר.

מיט געוואלד האט זי מיך אוועקגעפירט צו אייזנשטאדטן. אייזנשטאדט האט מיך פארהערט — איך בין אים געפאַלן. ער איז גרייט מיך אנצונעמען אין כאר, נאר מיט צוויי תנאים: איך זאל זיך לאזן אפשערן די פיאות און אנטון קורץ — דאס הייסט אויסטאן דאס כאלאטל און אנטאָן אן אנצוג. אזוי ווי די באדינגונגען פון אייזנשטאדטן האבן נישט געקאנט בשום אופן אָנגענומען

ווערן, בין איך צייטווייליק קיין זינגער אין כאר נישט געווארן... דער ווילן צו זינגען האט אונדז געמאטערט און נישט געגעבן קיין רו. מיר האבן באשלאסן, אז מיר גייען זיך איינשרייבן אין דאווידאוויטשעס כאר. איך האב צוליב מיין שעמעוודיקייט א געוויסע צייט דעם באשלוס אפגעלייגט אבער דער געדאנק וועגן זינגען האט מיך כסדר פארפאלגט.

אין א געוויסן אוונט זענען מיר ארויף צום הער דאווידאוויטש.

— מיר ייִנגלעך פון חדר... מיר ווילן אויך.. חוץ דעם לערנען די גמרא מיט תוספות... זיין ביי אייך אין כאר...

הער דאווידאוויטש האט געווינט אין הויף פון נאזשיקס שול. ער האט אונדז באשטעלט, זונטיק 4 אזייגער נאכמיטאג זאלן מיר זיין ביי אים.

זונטיק 4 אזייגער האבן מיר זיך צוגעשטעלט ווי די סאלדאטן. ער האט אונדז פאָרגעשטעלט פאר זיין טאכטער. זי האט אונדז באדארפט פארהערן. זי האט זיך אוועק־געזעצט ביים קלאוויר.

ווי שווער איז מיר אנגעקומען מסכים צו זיין זיך לאזן פארהערן דורך א פרוי!... מיר האבן אבער נישט קיין ברירה. מיר שטייען פאר א פאקט.

איך האב געזונגען „ויאמר ד׳׳ וואס איך האב געלערנט פונעם חזן פון ראדאם. איך בין איר זייער געפעלן געווארן. די אנדערע צוויי חברים מיינע: פוטערמאן און קאראש האט זי נישט פארהערט. מיר אלע דריי זענען אנגענומען געווארן אין כאר. ווי גליקלעך האב איך זיך געפילט!

צוויי מאל אין וואך זענען פארגעקומען פראבעס. 10 מינוט פאר זעקס האבן מיר אויפגעהויבן „צוויי פינגער״,

אז מיר דארפן „ארויסגיין" — מיר האבן געמאכט „ויברח". מיר זענען אנטלאפן פון חדר און זיך באטייליקט אין די פראבעס.

חנוכה. מיר מעגן זיך שוין באטייליקן אין כאר גלייך מיט אלע, — ווייל ביז דעמאלט זענען מיר געשטאנען אין א זייט און זיך בלויז צוגעהערט. חנוכה פלעגט אין נאזשיקס שול יעדן טאג פארקומען א חופה. דער כאר וואס איז באשטאנען פון 88 פערזאן האט זיך באטייליקט מיטן גאנצן קנאק. דער „מזמור שיר חנוכת הבית" האט געהילכט און מיר דריי חברימלעך זענען געשטאנען מיט לייטן גלייך — איך אינדערמיטן, צווישן די אלטן און סאפראנען, מיינע חברים — צווישן די סאפראנען. ווי גרויס האב איך זיך געהאַלטן ביי זיך! מיט אייזערנע צוואנגען האב איך זיך איינגעהאלטן נישט ארויסצופלאצן מיט א געוויין...

דאווידאוויטשעס כאר איז באשטאנען פון קרוב ניינציק מיטגלידער, צווישן זיי עטלעכע און זעכציק קינדער. דער כאַר איז געווען גוט אויסגעשולט און זייער זינגען האט געמאכט א געוואלדיקן איינדרוק.

פרייטיק צונאכטס האב איך זיך באטייליקט אין כאר ביי קבלת שבת. ווען איך בין אהיימגעקומען פון דאווענען, האט שוין מיין טאטעשי געהאלטן נאכן בענטשן. די מאמעשי האט זיך צעשריגן: — איך וועל דאס נישט דערלאזן, מיין קינד זאל זיין א חזן! ער זאל זיך רייסן דאס הארץ! פון זינגען קריגט מען א שוואך הארץ... „יאך האב נישט קא געלט צי קא דאקטוירים"!

כ'בין ארויס פון שטוב. ס'איז געווען א ווינטער־נאכט. כ'בין געזעסן אויף די שטיגן ביז שפעט ביינאכט. אין דרויסן

בנימין דאַווידזאָן

איז קאלט. די מאמעשי האט זיך דערשראקן כ׳זאל זיך, חס וחלילה, נישט פארקילן...

— נו, נו, קום שוין אריין אין שטוב אריין, חזן גרויסער...

— ניין, איך וועל נישט אריינגיין!...

כ׳בין געווארן שטארק הונגעריק און כ׳האב זיך אונטערגעגעבן...

דאס עסן איז שוין געווען האלב־קאלט, כאטש די מאמעשי האט באהאלטן דאס טעפל אונטערן איבערבעט.

איך האב אויפגעהערט צו זינגען אין כאר עד היום הזה...

* * *

דאס ליד האבן מיר געזונגען אין ר׳ מיילאַד׳ס חדר ווען עס איז „געגאנגען" פרשת „נח":

אלה תולדות נח
פון בראנפען האט מען כוח
א גלעזעלע וויין איז דער עיקר
פון בראנפן ווערט מען שיכור
אב, — איז א פאטער
קדר, — הייסט א טאטער
א טאטער — איז קדר
בגדים זענען קליידער
קליידער זענען בגדים
חוט הייסט א פאדעם
א פאדעם הייסט חוט
מצנפת איז א הוט
א הוט איז מצנפת

ווארשע של מטה

א שטאל הייסט רפת
רפת איז א שטאל
און מרה איז א גאל
א גאל איז מרה
א קו הייסט פרה
פרה איז א קו
בוקר הייסט פרי
פרי הייסט בוקר
אלע גוים זאלן קריגן דעם הויקער
דעם הויקער זאלן זיי קריגן
צום בארג זאלן מען זיי פירן
פירן זאל מען זיי צום בארג
צעבראכן זאלן זיי דעם קארק
דעם קארק זאלן זיי צעבראכן
עס זאל קיינעם נישט שאטן
נאר זיי אליין
ונאמר אמן!...

---

1) דערלויבעניש
2) לערער
3) עלעמענטאר־שולע
4) לייטער
5) ספארט־פלאץ
6) פיר מאן

דאס געשעפט פון פעדערן

אין מיטלסטן טויער פון באזאר געפינט זיך א פעדערן־געוועלב. איבערן געוועלב א גרויסער, שיין געמאלטער שילד: „מעשי ידי אומן" — א מיתה משונה־דיקע גאנדז... די גאנדז איז אזוי „שיין" אז איך וואלט געמעגט שווערן, אז זי לעבט ממש. לינקס פון דער גאנדז אן אויפשריפט אויף פויליש: „פיעזשע אי פוך" ד. ה. פעדערן און פוך.

דאס געשעפט געהערט צו א ייד, א מאדזשיצער חסיד. נאך דער חתונה האט אים די שוויגער, אן אלטע פעדערן־סוחר׳טע „אריינגענומען אין פאַד", און ער איז זייער שנעל געווארן א „פייערדיקער" סוחר.

די וואס האבן געהערט צו דער דאזיקער בראנזשע זענען געווען גבירים־אדירים.

פארשידענע סודות זענען פאראן אין דעם פאך. כדי די סודות זאלן פארבלייבן סודות, וועלן מיר נאר מגלה זיין איין סוד, נישט מער.

ווי עס איז באוווסט, איז פאראן „לעבעדיקער פוך" און „טויטער פוך". „לעבעדיקער פוך" הייסט דאס וואס די פויערטעס פליקן אפ פון דער גאנדז ווען זי לעבט, פאר דער שחיטה, און דא שטעקט איינער פון די סודות וואס נאר דער, וואס האט דאס געזען מיט זיינע אייגענע אויגן קאן אין דעם גלייבן.

אט אזוי פראבירט אויס א פאכמאן דעם פוך: מען נעמט א גארשט פוך, לאמיר זאגן צוויי דריי דעקאָ, מען

שטעלט ארויף אויפן גאַרשט א געוויכט פון צען קילא — איז דער פוך טויט, בלייבט דאס געוויכט שטיין ווי א טויטער, — ער רירט זיך נישט פונעם ארט, ווען דער פוך איז לעבעדיק, גיט דער גארשט פוך א שליידער אוועק דאס געוויכט.

נאך אן אייגנשאפט האט דער טויטער פוך — ער איז קלארער פונעם לעבעדיקן. ווען עס קומט אריין א קונה קויפן פוך אויף א „וויפראוועֿ" ווייזט מען אים ביידע סארטן;

— מומעשי, איר ווילט דעם שענסטן פוך?

— אוודאי! פאר מאן טעכטערל זי זאל מאַ זאן געזיינט דאס שענסטע און דאס בעסטע.

נאטירלעך קלייבט דער קונה אויס דעם ווייסערן פוך, דעם „טויטן", וואס ער מיינט, אז דאס איז דער לעבעדיקער.

אונדזער פעדערן־סוחר פון באזאר, דער מאדזשיצער חסיד, איז אן אמתדיקער מענטש. ער גיט דעם קונה צו פארשטיין דעם אונטערשיד און צו אים האט דער קונה צוטרוי. ער לאזט אים איבער די „וסיפעס" און גייט אהיים. איצט הויבט זיך אן די „ארבעט": די „וויפראוועֿ" באשטייט פון צוויי אונטערבעטן, צוויי איבערבעטן, פיר ביז זעקס קישנס און פון פיר ביז זעקס קישעלעך. דאס פאקן און וועגן דויערט א סך שעהן, כמעט א גאצן טאג.

ווען אלץ איז פארטיק — די גאנצע „וויפראוועֿ" איז איינגעפאקט, דינגט מען צוויי דראזשקעס, ווייל אויף איין דראזשקע קאן דאס אלץ נישט ארויף, און די „סחורה" ווערט אפגעפירט צום קונה אין שטוב אריין.

אונדזער געשעפט פון פעדערן איז געלעגן אין בעסטן פונקט אין מיטן באזאר. מיט השם יתברך׳ס הילף האט דער יינגערמאן געהאט אויסזיכטן צו לעבן בכבוד און בהרחבה. האט טאקע פאסירט דאס אומליק ———

א קורצע צייט נאכן עפענען דאס געשעפט ווען עס איז געווען פול געפאקט מיט דער שענסטער סחורה, — לעבעדיקער פוך, גלייך פון דארף, און עס איז דעמאלט געווען א קאלטער ווינטער און צו קריגן אביסל סחורה איז געווען זייער שווער. אין א זונטיק נאכמיטאג האט דאס פאסירט, ווען דאס געשעפט איז פארמאכט, האבן זיך אוועקגעשטעלט עטלעכע „געמאכטע קלעזמארים" נעבן דער טיר פון געשעפט — ס׳איז געווארן א געשריי, א גראטשקע, און בשעת מעשה האט מען אראפגעדרייט דעם שלאָס און ארויסגעטראגן אלע זעקלעך מיט פוך און פעדערן און בדלות געמאכט דעם ייד, וועלכער האט נאר־וואס אנגעהויבן צו לעבן.

ס׳האט נישט געהאלפן קיין וויינען, ספאזמירן, מען איז געלאפן אויף הייליקע קברים, מען האט „אויפגעריסן" דעם ארון קודש, מען איז געגאנגען צו אלע „גוטע יידן" איןווארשע — ס׳האט נישט געהאלפן... דאס געשעפט איז געווארן צונישט, דער פעדערן־סוחר, דער מאדזשיצער חסיד איז געגאנגען צוגרונט.

עס האט האט זיך ארויסגעוויזן, אז די גנבים זענען געווען „נישט ארגאניזירטע". ווען דאס „שטיקל ארבעט" וואלט געווען געמאכט דורך „אפיציעלע" גנבים, וואלט מען די גנבה געקאנט אפנעמען, — די פאסערס זענען פארט יינגלעך מיט א הארץ און זיי וואלטן ארויסגעגעבן די גניבה פאר א קליינעם אפצאל.

די גניבה האָט אַ תּל געמאַכט פון אַ משפּחה. לאַנג האָט געדויערט ביז דער פעדערן סוחר האָט זיך צוריק געשטעלט אויף די פיס.

אונדזער פעדערן־סוחר איז אָבער נישט קיין פּוילער. אין יענער צייט האָט מען פון פּוילן עקספּאָרטירט פאַר־שידענע סאָרטן פעדערס וועלכע האָבן געניצט צו דאַמען־היטן און מענער־קאַפּעליושן.

דער מאַדזשיצער חסיד נעמט צו צו דער אַרבעט ביי אַ אַכט־צען מיידלעך, מען שטעלט אויף אונטערן געוועלב אַ לאַנגן טיש, — דאָרט שטייען די מיידלעך און סאָרטירן די גרויסע פעדערס און פעדערלעך. זיי ווערן געליפערט צום סינדיקאַט פון די פעדערן און פון דאָרט ווערן זיי אַרויס־געשיקט קיין אויסלאַנד.

ווייזט אויס, אַז כּדי צו ווערן אַ גרויסער סוחר, שאַדט אַמאָל נישט אַ קליינע גניבה וואָס קאָן אַמאָל גאַנץ גוט שטעלן אַ מענטש אויף די פיס.

יאנעק, דעם סטרוזש'ס זון

יאנעק איז א באנדיט, א שלעגער וואס האט נישט קיין מורא פאר קיינעם, אפילו נישט פארן מלאך המות. ער איז א זון פונעם סטרוזש פון צווייטן הויף אין באזאר. זיין פנים איז פול מיט „שניט־צייכנס" פון די ווונדן וואס זענען ביי אים געבליבן נאך די שלעג וואס ער פלעגט באקומען פון זיינע חברימלעך פון דער אונטערוועלט, טראץ דעם וואס ער פלעגט זיי צוריקגעבן צען מאל אזויפיל. ער פלעגט איינמאל אויך כאפן מיט א דראנג איבערן קאפ און דאס טריפהנע בלוט האט פון אים געיושעט ווי פון א קראן.

צו די אלע צרות האט ער געהאט א שותף א ייד וואס האנדלט מיט אים מיט ארבוזן אדער שילאוועקעס.[1]

יאנעק שטייט נישט ביים וועגעלע. ווען ער וואלט געשטאנען וואלט קיין שום ייד נישט געווען צוגעגאנגען. האט עפעס אין באזאר פאסירט א גניבהלע — דאס איז יאנעקס ארבעט. ער האט פאר קיינעם קיין מורא נישט, קיינער טשעפעט נישט מיט אים, ער ווארפט אן א פחד אויף דעם גאנצן באזאר.

איינמאל האט ער זיך צופיל צעלאזט. ביז א יידיש יינגל האט אים גוט אנגעבראכן די ביינער. פון דעמאלט איז יאנעק גאר אן אנדערער. ער שמייכלט צו יעדן איינעם מיט א פיינעם „דזיען דאברי".

דאס האט פאסירט ווען דידיעס זון פאוועל האט אים דערלאנגט א פאטש, — נישט אזא שטארקן, — ער

האט נאר אויף אים אים ארויפגעלייגט זיין „הענטל", — און מיט דעם האט עס זיך געענדיקט...

פאוועל איז א ייִנגל וואס טאמער באקומט מען פון אים א „גלעט", א טרוקענעם קלאפּ, איין קלאפּ נישט מער, און דאס איז גענוג אויף צו פארגעדענקען עס אויפן גאנצן לעבן. פאוועל איז א ייִנגל פון עטלעכע און צוואנציק יאר; א שיינער בחור, פיין געקליידעט, אינטעליגענט, — ער געהערט צום ספּארט־קלוב „גוויאזדא"; א באקסער מיט אן איידעלען כאראקטער — נישט קיין שלעגער.

ווען מען האט באדארפט אפּשטעלן דעם שייגעץ איז ער צו אים צוגעגאנגען שטיל, אים אנגעקוקט איידל, אים דערלאנגט א „גלעט" — און עס איז אויף א לאנגע צייט שטיל געווארן אין באזאר.

וואס עס האט געקאנט געשען מיט יאנעק דעם סטרוזש'ס זון אביסל שפּעטער איז נישט די טעמע פון אונדזער דערציילונג...

קאפל מוהל

ער האט אוועקגעלייגט דעם רעוואלווער אויף דער עטאזשערקע און האט א זאג געטאן מיט גרויס כעס: — דא וועט זיין דער טויט פון אונדז דריי, דיין טויט, דעם קינדס טויט און מיין טויט. מאדאם קעסלער האט א געשריי געגעבן: — באָזשע מאָי![1]... ניין, זי וועט צו דעם נישט דערלאזן, זי וועט זיך נישט אונטערגעבן. אין די היינטיקע צייט, אין צוואנציקסטן יארהונדערט אויספירן אזא בארבארישן אקט — ניין, דאס נישט, נישט ביי מיין לעבן!

עס האט נישט געהאלפן דעם מאנס — הער ראמאַן קעסלער דערקלערונג, ווען ער האט געזאגט צו זיין פרוי מארושקא, מיט געבעט און איבעראשונג צוזאמען, אז דיין טאטע, זיידע און דיינע צוויי ברידער יוזשעק און אבוש זענען אלע געמהל׳עט, אז די טראדיציע ווערט אפגעהיטן ביי די יידן אין אלע צייטן, אומעטום. — זאל די פאמיליע זיין פון די גרעסטע אסימילאטארן, היטן זיי אפ דעם אלטן יידישן מנהג וואס פאראייניקט אלע יידן פון דער גאנצער וועלט, און דאס איז דער איינציקער סימן אלס ייד.

נאענט פונעם בעט, וווּ ס׳איז געלעגן די קימפעטארן, איז געשטאנען קאפל מוהל, דער באוווסטער ווארשעווער מוהל. ער האט זיך ביי איר געבעטן, ער האט איר געגעבן צו פארשטיין, — זי מעגן מיר גלויבן, איך בין שוין מוהל פערציק יאר און איך האב די גרעסטע פראקטיק. זי דארפן לייענען די בריוו וואס איך האב באקומען פון

פראפעסאר זייטשיק און פון דאקטאר נארוטאוויטש. אין מיין בוך זענען פארשריבן איבער דרייסיק טויזנט קינדער, וועלכע איך האב מהל׳ע געווען. די קינדער און אייניקלעך פון הער יאסעלעוויטש, — דער אייגנטימער פון האטעל קרולעווסקי אויף פלאץ טשעך קזשיזשי, קינדער פון די פאמיליעס שאר, באלאבאן, פרילוצקי, דאווידזאן, שפיגעל־גלאס און הונדערטער אנדערע וויכטיקע מענטשן!

א שווערער שבת איז דאס געווען ביי קאפל מוהל. ער איז ארויס פון שטוב באלד נאכן ערשטן מנין, ארום עלף אזייגער. ער האט נאר געמאכט קידוש און עטוואס טועם געווען — א שטיקל עפל־קוכן, און האט זיך געלאזט אין דער ריכטונג פון די זשעלאזנא גאס נומער צוויי און צוואנציק, נאענט צו דער סטאציע פון די „טאווארעווע באן".

דאס זילבערנע קעסטעלע מיט די כלי־מילה האט אים געטראגן זיין צען־יאריק אייניקל וועלוועלע, ווייל טאמער איז דער ערוב נישט אין ארדנונג, אפשר האט פאסירט, אז ער האט זיך איבערגעריסן פרייטיק און מען האט נישט געזדאנזשעט צו פאריכטן מבעוד יום.

אזוי האט זיך קאפל מוהל נוהג געווען. ווען ער גייט שבת אויף א ברית פלעגט ער מיטנעמען זיינס אן אייניקל אדער א קינד פון א שכן. עס איז געווען א כבוד פארן קינד, וואס קאפל־מוהל האט אים געבעטן טראגן דאס זילבערנע קעסטעלע.

קאפל מוהל — א ייד א כהן, א הדרת־פנים, א פארנעם. כאטש ער איז שוין נאענט צו די זעכציק איז די בארד ביי אים שווארץ ווי א ווראנע. עס איז זייער שווער צו באמערקן ביי אים א גרויע האר.

שבת טראגט ער א זיידענע קאפאטע און אויף איר

ארויפגעצויגן א געהאקט סאקל, מאדערן געניייט. ער טראגט א זיידן יידיש היטל. כאטש ער גייט יידיש געקליידערט פאסט אים ליבערשט ער זאל זיין א דאקטאר, נישט נאר א מוהל. ער נעמט נישט פאר זיין ארבעט קיין שום לוין. קאפל מוהל איז ב״ה א ייד א נגיד. די צוויי גרויסע סקלאדעס פון טאפעטן אויף די ביעלאנסקא גאס געהערן צו אים. חוץ מזה איז ער א ווירט פון דריי גרויסע הייזער — איין הויז אין פלאץ מוראנאוו נומער איינס, דאס אנדערע הויז אויף גזשיבאווסקע צוואנציק און דאס דריטע הויז אויף נאוואליפיע 49־א, — אזוי אז מיט פרנסה איז קאפל מוהל ב״ה פארזארגט. אלס מוהל האט ער געלערנט פון זיין שווער, ר׳ פיניע ליפאוויטש — פראגער מוהל. אויך זיין שווער האט אריינגעברענגט יידישע קינדער אינעם ברית פון אברהם אבינו עליו השלום, שלא על מנת לקבל פרס.

עס טרעפט אויך, ווי מענטשן דערציילן, אז קאפל־מוהל קומט אריין אין א שטוב און ווען ער זעט די „לאגע״ לאזט ער איבער, אז קיינער זאל נישט באמערקן, אויפן טיש, אדער אויף א זייטיק ארט עטלעכע צענדליק זלאטעס.

צו דעם צו האט קאפל מוהל גאלדענע הענט. עס איז א „שוינקייט״ צו קוקן ווי ער גייט צו צו דער מצווה, מיט וואס פאר א זויבערקייט, מיט וואס פאר א שמחה, — ער מיינט דאס באמת ובתמים לשם שמים. איידער ער נעמט זיך צו זיין ארבעט בעט ער, אז עס זאל ווערן צעטיילט די „כבודים״, ווי סאנדקאות, כסא של אליהו, די געפאטערס און נאך. ווען ער מאכט די ברכה — איין סעקונדע און שוין נאך אלעמען. דאס קינד גיט אפילו נישט קיין פיפס.

די ווייבער זאגן אויף אים, אז ער איז א מלאך. דאס קינד זאל נאר אריינגעראָטן אין אים...

אזוי ווינטשן זיי דעם רך הנולד — ער זאל נאר נישט זיין מיאוסער פונעם מוהל, — א מענטש א געשטעל, מלכותדיק, נאר צו מאכן איבער אים א ברכה.

דעם דערמאנטן שבת, פרשת ויצא, איז פאר קאפל־מוהל געווען א נישט געוויינלעכער שבת. באלד נאך דער קדושה פון מוסף, ווען ער האט אויסגעטאן דעם טלית, האבן שוין אלע פארשטאנען, אז ער האט היינט א ברית.

קאפל־מוהל האט ליב געהאט א שבתדיקן ברית. ער האט נישט געטראכט וועגן פארשטערן אים דעם שבת, אדרבא, — ער פלעגט זיין מלא שמחה ווען מען איז אים געקומען איינלאדן אויף א ברית וואס פאלט אויס שבת.

ווען ער איז ארויס פון שטוב איז געפאלן א שיטערער שניי. זיין שווארץ זיידן היטל איז געווארן פארשיט מיט ווייסע פאסיקלעך, אזוי אויך ווערוועלעס אכט־קאנטיק סאמעטן היטעלע.

קאפל מוהל, כאטש ער איז א בעל־בשר, האט ער א לייכטן גאנג און א שנעלן טריט. דער וועג האט ביי אים געדויערט בלויז א קנאפע שעה צייט.

ווען ער איז אנגעקומען צום טויער פון דער זשעלאזנע צוויי און צוואנציק, — האט זיין שטערן באדעקט א לייכטער שווייס — היינט איז דאך שבת, דארף מען דאס מאכן בקיצור — דאס בני־בית ווארט דאך אינדערהיים.

די פאמיליע קעסלער, די רייכע, האלב־אסימילירטע־משפחה, האט אים אפגעווארט נישט מיט א געהעריקן קבלת־פנים; דער טויט פון דריי מענטשן האט געהאנגען אין דער לופטן... ווען נישט די חכמה פון קאפל מוהל,

וואס האט מיט גרויס מי און מאטער מצליח געווען צו ווירקן אויף דער קימפעטארן, די מאדאם קעסלער, — וואלט זיך דאס געענדיקט מיט א גרויס אומגליק.

הער קעסלער שטייט נאענט צו דער עטאזשערקע, וו עס ליגט דער „פאראבעללום"־רעוואלווער. אין דער לינקער האנט האלט ער דאס גאלדענע זייגערל, וואס ער האט באקומען פון זיין מארושקא בעת זייער פארלאבונג. ער קוקט אויף איר און אויפן זייגערל. ער טראכט זיך, דאס איז זייער ערשט קינד — א יינגעלע. וואס וועט זיין אז דאס צווייטע קינד וועט אויך זיין א יינגל?... — ניין, — זאגט ער צו זיך אליין, עס וועט נעמען אן ענדע. נאכאמאל וועט דאס נישט פאסירן! איינמאל פאר אלעמאל! א סוף זאל דאס נעמען! קיינמאל איז דאס נישט געקומען אין פראגע! קיינמאל האבן מיר נישט גערעדט וועגן דעם צווישן זיך, — וועגן א ברית מילה, אז מאריא זאל נישט לאזן מהל'ען זיין איר קינד. איר זיידע איז דאך געווען א מיטגליד אין „סיני"־סינאגאגע.

מאריא ליגט אין בעט און נעבן איר דאס ניי געבוירן קינד. נאר פרייטיק פארנאכט איז זי אהיימגעקומען פון „זאקלאד"[2]. זי איז נאך גאנץ שוואך, בלאס, און דא פאסירט אזא זאך. — איר ראַמעק שטייט נישט ווייט פון איר און קוקט אויף איר מיט צוויי ווילדע אויגן, מיט אן אנגעלאדענעם רעוואלווער און איז גרייט צו מאכן א סוף פון א פאמיליע...

קאפל מוהל דרייט זיך אין צימער ביזן קארידאר און פון קארידאר ביזן צימער. וואס זאל ער טאן? זאל ער עפענען די טיר און אוועקגיין און איבערלאזן דאס פארפאלק אין אזא אנגעשטרענגטער לאגע, דער „אטענטאט,,

פון הער קעסלער וועט זיכער אויסגעפירט ווערן. עס גייט אים שוין נישט וועגן מהל׳ע, זיין א יידיש קינד, נאר וועגן דעם גרוילעכן מארד, וואס קאן פארקומען יעדע מינוט.

א פערטל שעה האט געהערשט אין דער דירה פון דער פאמיליע קעסלער א טויטע שטילקייט. קאפל מוהל האט אזוי שפאצירט פון איין צימער אין צווייטן אריין, — פונעם קארידאר איז ער אריין אין שלאף־צימער, ווו די קימפעטארן ליגט, פון דארט אין סאלאן אריין, פון סאלאן אין קאבינעט אריין.

ער איז ארויס אויפן באלקאן כאפן אביסל פרישע לופט...

הער קעסלער שטייט נעבעך ביי דער טואלעט־שאנק, אזוי ווי פארגאפעט. פון צייט צו צייט כאפט ער א בליק אין שפיגל. ער וויל זיך אליין זען, ער וויל זיך אנקוקן ווי ער זעט אויס. ער זעט פאר זיך א טויט, בלאס פנים. ער דערקענט זיך אליין נישט. — דאס בין איך? — טראכט ער זיך. — דאס איז ראמעק? — ער באמערקט אין שפיגל, ווי עס ציטערן ביי אים די באקן פון גרויס אויפרעגונג.

די קימפעטארן, מאדאם קעסלער, איז פון גרויס מידקייט איינגעשלאפן. איר רעכטע האנט האלט זי אויפן קישעלע פון קינד. אינסטינקטיוו שיצט זי איר קינד, אפילו שלאפנדיקערהייט.

דער ווייסער הונט וואס געהערט צו הער פיאסעצקי, דעם אדוואקאט, וואס וווינט אונטן, דריי שטאָק נידעריקער, אין פארטער, גיט פון צייט צו צייט א ביל ארויס. ווייזט אויס, דער בעל־הבית זיינער האט אים פארשלאסן אין שטוב. אויך הערט זיך דאס פייפן פון די לאקאמאטיוון פון דער נאענטער „טאווארעווע" באן־סטאציע. דורך דעם

פענצטער פון שלאָף־צימער זעט זיך פונדערווייטנס דער געדיכטער רויך וואס ווערט שנעל פארשוואונדן, מיטן ווינט.

די שטילקייט איז געשטערט געווארן, ווען סטעפא, די קריסטלעכע דינסט איז אריינגעקומען פון דער קיך, מיט דעם מאמקע־פלעשעלע אין דער באשטימטער צייט, ווען דאס קינד דארף טרינקען. סטעפא האט באמערקט די סצענע: הער קעסלער שטייט אנגעלענט אינעם שפיגל פון דער טואלעט־שאנק. די מאדאם קעסלער עפנט און מאכט צו די אויגן. אין קארידאר דרייט זיך ארום א הויכער, בילד־שיינער מאן. ווען זי האט באמערקט דעם רעוואלווער, וואס ליגט אויף דער עטאזשערקע, האט זי זיך אנגעכאפט ביים קאפ. — „מאַטקאַ באָסקאַ!" האט זי אויסגערופן און איז שנעל פארשוואונדן אין איר צימערל.

קאפל־מוהל ווייסט נישט וואס וועט זיין דער סוף. מיט וואס וועט זיך דאס ענדיקן. די טיר פון טרעפן־צימער איז האלב־אפן. ער גייט ארויס און גיט א קוועטש אויפן גלאק. דער קלאנג האט אלעמען אויפגעוועקט, אויפגעטרייסלט. סטעפא איז געקומען צו לויפן, נאך איר דער הער קעסלער. דער שטארקער קלאנג האט אויך אויפגעוועקט די קימפעטארן. אלע האבן זיך אוועקגעשטעלט ביים בעט פון מאדאם קעסלער — קאפל־מוהל, ראמעק און סטעפא.

קאפל־מוהל האט אויפסנייע אנגעהויבן איר צו געבן צו פארשטיין די פליכט וואס ליגט אויף יעדע טאטע־מאמע וואס געהערן צו דער יידישער רעליגיע. ער האלט פאר איר א „רעפעראט" וועגן דער יידישער היסטאריע, ווי יידן האבן זיך מוסר־נפש געווען, אין אלע צייטן, פאר מילה. אין דער צייט ווען דעם מלכות הרשעה האט גוזר

געווען גזירות קעגן מילה, האט מען דאס געטאן אין געהיים, אין פינצטערע קעלערן — אין דער צייט פון די גריכן, פון דער אינקוויזיציע...

ווען עס האט אויסגעזען אז אט־אט איז שוין די מאמע פון קינד מסכים, איז די מאדאם קעסלער ארויס מיט א גרויס געוויין און אנגעהויבן ספאזמירן. סטעפא האט איר פרובירט בארואיקן, אויך קאפל־מוהל האט איר אנגענומען ביי דער האנט און זיך געבעטן ביי איר — עס איז שוין צוויי א זייגער, נאך אביסעלע פאלט צו די נאכט, מען מוז דאס מאכן נאר בייטאג.

זעט אויס, אז די שיינע פוילישע אויסשפראך האט אויף איר משפיע געווען. קאפל־מוהל האט געגעבן א ווונק צו סטעפא, זי זאל ארויסנעמען דאס קינד פונעם בעט, — עס האט נישט געדויערט קיין צוויי מינוט — האט זיך געהערט, מיט א הויך קול, ווי עס וואלט געדונערט :... „ברוך אתה ..אשר קדשנו במצוותיו וצונו על המילה...״

די גאנצע צוויי מיט א האלבע שעה וואס קאפל־מוהל האט פארברענגט ביי דער פאמיליע קעסלער, האט זיך וועלוועלע ארומגעדרייט אין דרויסן ביים סקווער. ער האט געקוקט אין די „וויסטאוועס״[3] אויף דער טאוואראווער באן, ער האט געציילט די וואגאנען מיט קוילן, וואס האבן זיך לאנגזאם געשלעפט. ער האט אליין אפגעציילט דריי הונדערט און זיבעצן וואגאנען... דער שלאבאן איז פארמאכט געווארן אויף דריי פערטל שעה. די צייט איז ביי אים גאנץ שנעל אוועק.

צומארגנס איז קאפל־מוהל נישט געגאנגען אין זיינע סקלאדעס אריין. באלד נאכן פרישטיק איז ער אוועק אין

ראבינאט אריין און דערציילט וואס עס האט אים נעכטן פאסירט.

— אז מיר האט געקענט טרעפן אזא פאל, אז קאפל־מוהל, וואס האט ביי עטלעכע און דרייסיק טויזנט קינדער, ביי זיין לעבן מהל'ע געווען, זאל דארפן בעטן א קימפעטארן, א יידיש קינד, זי זאל דערלויבן מאכן איר זון פאר א ייד. ער האט אוועקגעלייגט דאס מוהל־מעסער אויפן טיש אין צימער ביי ר' דן דעם דיין און געזאגט: „עד כאן, — מער נישט. מן הסתם איז דאס מן השמים, אז איך זאל אויפהערן מהל'ע זיין קינדער".

הרב ר' דן, ווי ער איז באקאנט ביי אלעמען אלס דן דיין, איז א ייד, נישט קיין בטלן. אלע גט'ן קומען פאר ביי אים. אז אים געלונגט שוין נישט צו מאכן קיין שלום ביים פארפאלק, וואס קומט צו אים זיך גט'ן, ווערט קיין שום רב, דיין אין דער וועלט גארנישט אויפטאן.

מיניה וביה גיט דן־דיין א רוף אריין ר' זרח'ן און ר' יששכר גראַסמאן —ביידע חברים פון בית־דין, און ווענדט זיך צו קאפלען: — ר' קאפל, מיר דיינים, אלס בית־דין פון הרב ר' שכר גראסמאן בראש, — זענען מיר אייך מתיר דעם נדר, און מיר זענען אויף אייך גוזר אז איר זענט ווייטער מוהל ביז „מאה ועשרים" ביז מאה ועשרים...

קאפל־מוהל בעט זיך רחמים: — רבותי הדיינים, איר זעט דאך באשיימפערלעך, אז מן השמים האט מען דערפירט, אז כ'זאל אוועקלייגן דאס מוהלות.

ביי דן־דיין שטעלן זיך אויף די גרויסע, געדיכטע וויעס און מיט זיין הויך קול שרייט ער אויס עטלעכע מאל: — ר' קאפל, עד מאה ועשרים, עד מאה ועשרים. מיר

וואַרשע של מטה

האבן אפּגעפּסקנט און מער וויל איך נישט הערן!

די מצבה פון קאַפּל־מוהל, אויפן גענשער בית־החיים, שטייט נישט ווייט פון פּרץ׳ס קבר. אַ פּופּציק מעטער רעכטס ליגט דער הויפּט־מוהל פון וואַרשע.

אויף דער מצבה זענען אויסגעקריצט צוויי הענט פון „ברכת כהנים״ און דער אויפשריפט זאָגט: — „פּ. נ. ר׳ יעקב קאפּל בר שלמה הכהן, אשר הכניס בבריתו של אברהם אבינו עליו השלום כחמש רבבות מילדי ישראל.

נפטר בעש״ק פרשת אחרי מות שנת ... ונקבר בו ביום. ת. נ. צ. ב. ה.

1) מיין גאָט

2) קימפּעטאָרין אנשטאַלט

3) שור־פּענצטער

פנחס מיט זיינע בנים...

מען רופט אים פיניע דער בעטל־סוחר. א ייד א חסיד מיט א קורץ געל בערדל. ער האט פינף בנים. איינער פאוועל דער באקסער, א מיטגליד אין ספארט־קלוב „גוויאזדא״, דריי פון זיי הענאך זעליק און יידל וואס שטייען אין געוועלב. דער עלסטער זון קומט ווינציק אריין אין געשעפט. די סוחרים זענען זעליק, הענאך און יידל. געביפטע, פייערדיקע סוחרים, חסידיש און ממזריש.

אין געוועלב פארקויפט מען אייזערנע בעטלעך, לעזשאקעס, קינדער־בעטלעך, וויגן, מאטראצן, און נאך אנדערע שמאַכטעס. און מען ווייסט צו נעמען געפעפערטע פרייזן.

דער טאטע פיניע, גיט א זאג א פרייז אז די האר שטעלן זיך אויף קאפויער. אבער צו די קינדער קומט ער נישט. פאר א בעטל, וואס דארף קאסטן צוועלף זלאטעס, טוט ער א בעט צוואנציק און הענאך און יידל טוען א בעט פינף און צוואנציק זלאטעס. זיי האבן שוין צווישן זיך זייערע „האַסלעס״. עס קומט אריין א קונה און הייסט זיך ווייזן א לעזשאק. קומט אריין דער טאטע, גיבן זיי אים א פרעג: — וואס קאסט אזאן „בני־דן״ בעטל? עס שטייט א גרויס געפאַר, ער קאן זיך נאך חס וחלילה ארויסכאפן „צוואנציק זלאטעס״ — זענען זיי אין געפאַר. עס וועט פאלן זייער פרעסטיזש. אבער פיניע איז א ייד א בן תורה, און ווער עס זענען די בני־דן ווייסט ער; אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין חומש „חושים״ — הוה־

אומר חיש אים, גיט ער א זאג א געפעפערטן פרייז כפל כפלים.

שטענדיק הערשט ביי זיי א גראטשקע. זיי זענען שטיקלעך נאַכאַלניקעס. ווען איינער קויפט א בעטל מיט ברייטע ספרענזשינעס, איז ביז עס קומט א טרעגער, דערלאנגט מען אים גאר א צווייט בעטל. דער קונה שרייט: — „כ'זאל אזוי זאן געזינט, אז איאַך האָב געקויפט יענץ בעטל, וואס שטייט דארט בא די טיאַ"... עס העלפט גארנישט, ער קאן שרייען חי וקיים און זיך ווענדן נאָר צום רבונו של עולם... נאך די „געוואלדעס", אז עס קומט זיך צוזאמען דער גאנצער באזאר, ווען זיי זעען אז על העלפט נישט, עס איז זיי נישט געלונגען, גיבן זיי אים צוריק דאס בעטל וואס ער האט געקויפט און ער באקומט צו א לייטישע קללה: — „איא זאלט מא זאן פאר א שיינע ריינע געפאָרע, א זעלכענע קונים ווי איאָ האָבן מיאָ אין דרעיאָט".

„אונדזער עקספרעס"

„אונדזער עקספרעס" איז אן עמך צייטונג, קאסט ביליק, נאר צען גראשן. אלע נייעסן, סענסאציעס, פלאטקעס און רכילות טרעפט מען אין „עקספרעס".

דער „עקספרעס" איז אפן פאר יעדן איינעם. כראניק ווערט אנגענומען ביז שפעט ביינאכט, ווען אין אלע רעדאקציעס איז שוין קיינער נישטא. אין „עקספרעס" רעדט מען צו דיר לייטיש. די באציונג צו מענטשן איז א פאלקסטימלעכע. פילסט זיך היימיש, נאנט, דערפאר טאקע איז די צייטונג באליבט ביי מאסן פון עמך.

א ספעציעלע מעלה זענען די אנאנסן, וואס דערשיינען אין „עקספרעס" מער ווי אין אלע צייטונגען צוזאמען. פון אכט זייטן „עקספרעס" — זענען פיר פון זיי אנאנסן. זוכט איינער א דינסט־מיידל, — גייט ער צום „עקספרעס", א געהילף־ייִנגל אין א יאטקע, צו נעכטיקן ביי א קראנקן אין שפיטאל, א ישיבה־בחור צו שלאפן אין א געשעפט, קויפן א ראווער, אדער להבדיל לערנען ייִנגלעך חומש אנהויבן, א מוהל וואס זוכט פרנסה, א בוכהאלטער אין א מצה־בעקעריי, מ'שטעלט אויף סוכות אויף נוץ־געלט, צו פארקויפן א דראָזשקע, צו פארקויפן פעדערן און לעבעדיקן פוך, א ייִנג פארפאלק אן קינדער זוכט צו דינגען אן אלקער, צו פארדינגען א פאציאטקע פאר א גימנאזיסט אדער גימנאזיסטקע, א מצבה־קריצער, ס'ווערן געזוכט מיידלעך צו שלייסן פעדערן, עס ווערט פארקויפט שטעט אויף ימים נוראים אין שענצטן לאקאל פון מכבי אויף

נאַלעװקי 2־א, װאָס דאָרט װעלן דאַװענען די באַװוּסטע בעל־תּפֿילה ר׳ יחזקאל׳ע טאָוב מיט יאַנקעלע פּאַסטאַג, מ׳קען בענטשן מיט אַ ארץ־ישׂראלדיקן אתרוג פֿאַר 20 גראַשן אַ מאָל, געעפֿנט אַ נײַער װעלאָדראָם װוּ מען לערנט פֿאָרן אויף ראָװערן, אַ הײַבאַם װאָס האָט פּופּציק יאָר פּראַקטיק נעמט אָן קינדער, „און נאָך אַזעלכע הונדערטער אַנדערע אַנאָנסן קאָנט איר טרעפֿן אין „עקספּרעס״.

פֿאַרטאָג, אין די גרויסע פֿרעסט, װען די גאַסן זענען נאָך באַלויכטן פֿון די גאַז־לאַמטערן, האָט איר געקאָנט זען מענטשן װאַרטן בײַ דער רעדאַקציע. װען מען האָט געזען װי עס פֿאָרן אַרום די װאָגנס מיט ברויט און פּויערים מיט זײערע פֿערד און װאָגן פֿלעגן ביסלעכװײַז אָנקומען פֿון די פּראָװינץ פֿאַרקויפֿן זײער ביסל גרינס, האָט מען געקאָנט זען װי אין דער זעלבער צײַט שטײען בײַ דער רעדאַקציע מײדלעך, עלטערע מענטשן און ייִנגעלײַט, כּדי צו קויפֿן די צײַטונג, װאָס גײט ערשט יעצט אַרויס פֿון דרוק, כּדי צו פֿאַרכאַפּן אַ פּאָסטן.

לײזער־אַלי, דער אויסגעבלײכטער יונגערמאַן האָט יעדן פֿאַרטאָג געװאַרט אויפֿן „עקספּרעס״, און װען ער האָט אַרויסגעלײענט אַז מען נויטיקט זיך אין אַ געהילף אין אַ כּשרע יאַטקע, איז ער גלײך געלאָפֿן אַהין 7 אַזײגער אינדערפֿרי, װי נאָר מען האָט געעפֿנט דאָס געשעפֿט. װען דער קצב קוקט אָן „דאָס באַשעפֿעניש״ טראַכט ער זיך װעט ער קענען טראָגן אַ זײטל פֿלײש? האָט ער אים אַ זאָג געטאָן: — „איך האָב שוין צוגענומען אַ צװײטן״, — האָט לײזער־אַלי צו זיך אַלײן אַ זאָג געטאָן: — אויך הײַנט האָב איך נישט געטראָפֿן... און גײט אַהײם מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

ער קומט אהיים צו זיין יונג ווייבל טרויעריק און פארביטערט: — „וואס זאל אַך טוען בראַנדאַלע, אז מלאכים אין הימל קעמפן קעגן מיר. עס איז נישטא קיין פאַר גראשן צו קויפן א ברויט מיט א הערינג און א האלבע קווארט מילך, די לאגע איז א מיאוסע".

דעמאלט גייט לייזער־אלי ארויס פארן אייזערנעם טויער און פארקויפט א קישן פון דער קליינער, ארעמער „וויפראווע" וואס ער האט באקומען צו דער חתונה...

אויף צומארגנס פראבירט ער ווידער זיין מזל. ער קויפט דעם „עקספרעס", גייט אריין אין א טויער און לייענט. ווייל אויף דער גאס פאלט א געדיכטער שניי. דערנאך גייט ער אריין ערגעץ אין א הויז, לאזט זיך ארויף אויפן צווייטן שטאק וו עס ברענט א נאפט לעמפל. ער לייענט ארויס אז עס פאדערט זיך א פארקויפער אין א קאלאניאל־געשעפט. א פארקויפער, וואס קאן גוט רעדן פויליש. ער קומט אהיצוצו, דער סוחר הייבט אן מיט אים צו רעדן, — לייזער אלי ענטפערט אים אויף א געהרגעטע שפראך. און דא ווייזט זיך ארויס אז די בראך איז פארטיק.

אט אזוי באגלייט דער „עקספרעס" אלע דערשלא־גענע, אומגליקלעכע מענטשן. אבער נישט וויניק פון זיי ווערן אויך געהאלפן דורך דער צייטונג.

סטאַוסקי באפרייט!...

א פרייד, א שמחה, א גדולה, אויף אלע יידן. א שווערער שטיין איז אראפ פון הארץ, א שטיין, וואס האט געדריקט אויף יעדן ייד אין פוילן און בפרט אויף די יידן פון ווארשע, וואס זייער הארץ און געפיל איז געווען מיט ארץ ישראל — סטאַוסקי איז באפרייט!...

פרייטיק נאכמיטאג, עטלעכע שעה פאר ליכט־צינדן. ביי פיעקארסקי אין דער בעקעריי זענען אנגעקומען די ערשטע טשאלענטער; פון מאנדעלעוויטשעס גארקיך האט ארויסגעשמעקט דער שארפער ריח פון די פריש געקאכטע פיש און פון מערן־צימעס מיט א סך צימערינג. פון סטודניעס צוקערניע האט מען ארויסגעטראגן די צוקער־חלות. ביי אַפלאַטאַ אין דער צוקערניע איז געווען געפאקט פון מענטשן וואס האבן איינגעקויפט אויף שבת די הויכע פוטער־באַבקעס, שטראַדל און פארשידענע באדיאנקעס. די מקווה אויף סמאטשע גאס איז שוין האלב־פול. יידיש ווארשע גרייט זיך אויפצונעמען דעם שבת מלכתא...

אין דער צייט איז ארויס א ספעציעלע אויסגאבע מיט אן עקסטרא־דעפעשע פון דער פארשפרייטסטער מיטאג־צייטונג „די לעצטע נייעס".

די צייטונגס־פארקויפער לויפן אין גאס און שרייען אין איין אטעם: „סטאַוסקע באַפראַט אין מאקס בעיאַ מייסטערשאפט פון די וועלט"!

צוויי שמחות מיט איין מאל. די ערשטע ידיעה, אז סטאַוסקי, דער פארמשפטער צום טויט איז באפרייט

גערוואַרן, איז בליץ־שנעל פאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער שטאָט. די צייטונג האָט מען צעכאַפּט. אין יעדן ווינקל שטייען מענטשן און לייענען די נייעס. ביי די סאָדע־וואַסער־געוועלבלעך און ביי די פּאַפּיראָסן־בודקעס שאַפן זיך קרענצלעך. אַלע רעדן וועגן דעם געשעעניש.

אַדאַם דער פריזיער, לאָזט איבער זיין קליענט איינגעזייפטערהייט און לויפט אַרויס אין גאַס הערן וואָס האָט פּאַסירט. דער קאָמיסאַר פון 5־טן צערקל פרעגט זיך אויך „צאַ שע סטאַלאָ?" — דאָס הייסט וואָס איז געשען?

ווי באַוווסט, איז סטאַווסקי פאַרמשפּט געוואָרן פאַר הרגענען אַרלאָזאָראָוון ביים שפת הים אין תל־אביב. די גרעסטע פּערזענלעכקייטן פון דער וועלט האָבן אינטער־ווענירט און עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. נאָכן עדות זאָגן פון הרב קוק אַז ער האָט קאָן שווערן, אַז סטאַווסקי איז אומשולדיק, (די ענגלישע מאַנדאַטאָרן־מאַכט האָט זיך שטאַרק גערעכנט מיט הרב קוק'ס עדות־דערקלערונגען), און אַ דאַנק דעם האָט זי באַשלאָסן אים צו באַפרייען. בשעת סטאַווסקי איז פאַרמשפּט געוואָרן, האָט אַ טרויער אַרומגעהילט די יידישע היימען. אין אַלע שולן האָט מען אָנגעצונדן ליכט און געזאָגט תהלים, געבעטן רחמים, אַז דער רבונו של עולם, דער „ס'ריבעראינץ" (דער וואָס איז איבער אונדז) זאָל זיך דערבאַרעמען, אַן אומשולדיקער ייד זאָל חלילה נישט אומקומען.

— ס'טייטש, — האָט מענדל־שמש פון רייכמאַנ'ס שול געזאָגט, — גוים זאָלן פאַרמשפּטן אַ ייד, אַן אומשולדיקן. פאַרוואָס, פאַר ווען? אַלע ווייסן אַז אַרלאָזאָראָוון האָט געהרגעט אַן אַראַבער, וואָס איז אונטערגעשיקט געוואָרן דורך די ענגלענדער...

איטשע לאַטע, דער גרויסער מעל־סוחר, האט צוגעזאגט א גרויסן קידוש ווען ער וועט ארויס פריי נאך דער אפעלאציע. פערעלע פון שפייז־געוועלבל האט „מנדר" געווען א פעסל ביר אויף שלוש סעודות.

ווייזט אויס, אז די תפילות האבן דערגרייכט צום כסא הַכבוד און דער פארמשפטער צום טויט איז ארויס, ברוך השם, פריי.

די פריינד זיינע האבן אים גע'עצהט אז ער זאל נישט פארבלייבן אין ארץ ישראל. ער איז צוריקגעפארן קיין פוילן.

און אט איז סטאווסקי אויפן לעש־באזאר. דער גאנצער באזאר איז זיך צונויפגעלאפן, אלע גראטולירן אים און בענטשן אים צו זיין באפרייאונג.

דער אלטער ר' נטע, דער למדוואוניק, וואס גייט קיינמאל נישט ארויס פון זיינע דלת אמות האט איבער אים געמאכט א שהחיינו.

אז גאט האט טאקע יא געהאלפן, אז אונדזער סטאווסקי איז ניי־געבוירן, איז די שמחה א פולע, א גאנצע.

שבת נאכן דאווענען האט זיך בראנפן געגאסן ווי וואסער.

די אלטע בינע, וואס פלעגט „אפנעמען" אלע קינדער ביי אונדז אין געגנט, האט געשטעלט אויף שבת, לכבוד דעם „נס" אַ לאקשן־קוגל אין א גרויסן שארבן.

— עפעס א קלייניקייט ?... א ייד איז גערעטעוועט געווארן פון טויט !...

אומעטום הערט מען נאר : סטאווסקי, סטאווסקי...

אין אומאנער שטיבל האט מען געזונגען ביי קבלת שבת דעם „לא תבשי" און מיט גרויס התלהבות צוגעטאנצט ביזן סופית.

די צווייטע סענסאַציאָנעלע ידיעה וואָס איז דערשינען אין דער זעלבער ספּעציעלער אויסגאַבע, איז מאַקס בעער, ער האָט באַקומען דעם וועלט־בעכער אין די מייסטערשאַפטן פון שווער געוויכט אין באָקס.

— ווער איז דאָס מאַקס בעער? — האָט הערש יוסף אַ פרעג געטאָן שכר'ן. הערש־יוסף איז אַ ייִד אין די פערציקער, העלדיש געבויט, מיט אַ שוואַרצער באָרד. קיין גרויסער למדן איז ער נישט, אָבער ער איז אַן אָפּגעהיטענער. ער היט אַ מצווה קלה כבחמורה. ער דעקט דעכער מיט פּאַפּע און פאַרריכט רינגעס. אַ בעל־מלאכה וואָס לעבט מיגיע כפּיו.

ער האָט געהאַט זייער אינטערעסאַנטע איבערלעבענישן. ווען די „פאַזנאַנטשיקעס" פלעגן אַראָפּוואַרפן ייִדן פון די באַנען אין מיטן פאָרן, האָט ער „געפּוצט" אַזאַ חברהמאַן אויף אַ טאַוואַראָווע באַן און מיט די זעלבע שטריק וואָס די אָקסן אין וואַגאָן זענען געווען געבונדן, האָט ער געבונדן דעם גוי און אים אָוועקגעשליידערט ווי אַ געשאָכטענע בהמה.

שכר איז אַ פרומער, מאָדערנער בחור פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר. ער טראָגט אַ ייִדיש היטעלע מיט אַ געהאַקט סאַקל, לייענט ביכער און באַטייליקט זיך אין ציוניסטישער אַרבעט. ער איז מיטגליד אין צעירי מזרחי, אַ געענדיקער פון „תחכמוני". אַ בחור אַ צאַצקע, צו גאָט און צו לייט.

— וואָס האָט ער אויפגעטאָן פאַרן כלל ישראל? — ער איז געוואָרן דער גרעסטער באָקסער אין דער וועלט! דאָס איז אַן ערע פאַרן ייִדישן פאָלק!... — האָט אים שכר אויפגעקלערט.

— אַן ערע פאַרן ייִדישן פאָלק?... — זאָגט הערש־יוסף,

— כאַ־כאַ־כאַ! אַ באַקסער און ערע!... צעקלאַפּן יענעם די נאָז און אונטערהאַקן די זייטן איז גאַר אַן ערע, אַ כבוד... אַך און וויי צו אונדז צו וואָס מיר האָבן דערלעבט!... איינער וואָס הייסט מאַקס בעער קאָן גוט אַנהרגענען אַ צווייטן אָן אַ פּאַרוואָס און אָן אַ פּאַרוועון. וואָלט ער אויסגעלערנט צוויי הונדערט בלאַט גמרא מיט תוספות, — דאָס פאַרשטיי איך, דאָס איז אַ כבוד פאַרן יידישן פאָלק! נישט אַ יונג, אַ העלד, אַ ביק, וואָס צעקיילט דעם אַנדערן ביז בלוט, ביז עס יוזשעט פון אים ווי פון אַן עשו ווי פון אַ געשאָכטענעם אָקס...

— דאָס איז אַ ספּאָרט, וואָס די גאַנצע וועלט וואָלט זיך געוווּנטשן, צו נעמען דאָס מייסטערשאַפט. יעדע מדינה וואָלט באַצאָלט מיליאָנען דאָלאַרן, אַז אירס אַ בירגער זאָל זיין אויף זיין אָרט. אין דער גאַנצער וועלט ווייזט מען זיינע בילדער, אין אַלע קינאָ׳ס שטעלט מען פאָר זיין גבורה. אַפילו די אַנטיסעמיטישע צייטונג „גאַזעטאַ נאַראָדאָוואַ" שרייבט אויך דערפון... די כוליגאַנעס אין אַמעריקע האָבן די שויבן פון די יידישע געשעפטן אַלס קנאה און נקמה און דאָ קומט צוגיין הערש־יוסף דער בלאַכאַזש און לייקנט אָפּ אין אַלעמען?...

— מילא, אַז סטאַוווסקעלע איז באַפרייט געוואָרן, האָב איך אַראָפּגעלאָזט איין גלעזל נאָכן אַנדערן, פונעם קליינעם פלעשעלע זעקס־און־ניינציקער, — אָבער מאַקס בעער, — וואָס איז די גדולה?...

אַ באַקסער, לא עלינו, זאָל אונדז גאָט שומר ומציל זיין, — דאָס איז עפּעס אינגאַנצן נישט קיין יידישע זאַך, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ טיפן זיפץ...

ישיבה־בחורים

די גרעסטע און בארימטסטע ישיבות געפינען זיך נישט אין ווארשע נאר אין דער נאענטער און ווייטער פראווינץ.

די לובלינער ישיבה, „ישיבת חכמי לובלין", די ראדינער ישיבה פון חפץ חיים, די מירער ישיבה, די לאמזשער ישיבה און נאך און נאך. פונדעסטוועגן, האבן אין ווארשע זיך געפונען א סך ישיבות און בתי מדרשים, וווּ מען איז געזעסן און געלערנט יומם ולילה. מיר וועלן נאר דערמאנען עטלעכע פון זיי. די מתיבתא בראש, די ליובאוויטשער ישיבה, ר' נתּ'קעס ישיבה, די פיאסעטשנער ישיבה, דאס גערער בית המדרש אויף דער זשעלאזנע, פון וועלכע דער קול תורה האט זיך צעטראגן איבער די קריסטלעכע גאסן פון יידישן ווארשע.

טויזנטער יינגלעך, בחורים 15 און 18־יאריקע און עלטערע, האבן געוואנדערט קיין ווארשע. אין ווארשע קאן מען פארדינען, אין ווארשע זענען פאראן קיכן, ווי מען קאן אפעסן א גוט מאלצייט...

אין ווארשע, די הויפט־שטאט פון פוילן, קאן מען ווערן א לייט...

לערנען טאקע יינגלייט בייטאג אין מתיבתא און ביינאכט „נעמט מען" לעקציעס אין פויליש: אריטמעטיק, און אנדערע לימודים.

אין ווארשע זענען די בתי מדרשים געהייצט. ווינטער קאן מען אריינגיין און זיך גוט אנווארעמען די ביינער. ווארשע איז אויך א צענטער פאר פאליטישער ארבעט.

רעליגיעזע פארטייען האבן אויפגעכאפט די בחורים ווי מצה־וואסער. אגודת ישראל, צעירי אגודה, און פאר קלענערע יינגלעך — די פרחי אגודת ישראל.

אין די „פרחי" אויף די פראנטשישקאנער, האט מען יעדן אוונט געלערנט דעם דף היומי. עס זענען אויך געווען פארשידענע קרייזן, וואס מ׳האט אויף לשון קודש גערופן „חוגים" — דארט האט מען געלערנט וועלטלעכע לימודים.

די „מזרחי" האט ארגאניזירט א טייל פון דער אינטעליגענטער יוגנט. דער „השומר הדתי" האט געצויגן מיטגלידער אין נאמען פון ארץ ישראל.

אייניקע ישיבה בחורים זענען אויך „קאליע געווארן" און זענען אריינגעפאלן צו די קאמוניסטן. אויך דער „בונד" האט געפירט א טעטיקייט צווישן דער רעליגיעזער יוגנט.

חוץ זיצן ביי דער גמרא על התורה ועל העבודה דארף מען אויך עסן און מען דארף האבן ווו צו שלאפן. שלאפן איז א שווערער פראבלעם. דינגען א האלבע קוך ווו מען קאן אויפשטעלן עפעס וואס איז ענלעך צו א בעטל, — דאס קאן זיך נישט יעדער איינער דערלויבן. אזוי ארום האט זיך אנטוויקלט א נייע „אינסטיטוציע", — שלאפן אין די געשעפטן.

ווארשע איז פול מיט געשעפטן וואס געהערן צו יידן.

יינגלעך גייען ארום פון געשעפט צו געשעפט און פרעגן נאך צי מען דארף האבן איינעם „צום שלאפן". קודם איז דא ווו אוועקצולייגן דעם קאפ און צו דעם באקומט מען נאך עטלעכע זלאטעס א וואך. עס צאלט זיך לויט דער געגנט און דער גרויס פון געשעפט. אויף עלעקטאראלנע, — צאלט מען פון 6 ביז 10 זלאטעס; אויף דער קארמעליצקע איז דער פרייז פון 3 ביז 6;

אויף דער מארשאלקאווסקע אדער נאווי שוויאט, — צאלט מען מער פון 10 זלאטעס א וואך.

מען זאל דיך אננעמען אויף דער מארשאלקאווסקע, דארפסטו זיין עלעגאנט געקליידעט, טראגן א שיין ווייס העמד מיט שטייפע מאנזשעטן, א וועסטל מיט א זייגערל, א געהאקט סאקל, שטענדיק גוט געשוירן און שיין פארקעמט די פיאות אונטער די אויערן. אויף די לעשנע אדער אויף די סאלנע זענען די אלע זאכן נישט אזוי שטארק וויכטיק, אבי זאלסט זיין ארנטלעך און נישט קיין „לקח'ן", —קאנסטו שוין שלאפן אין א געשעפט, פארדינען געלט און זיין א מענטש...

פיניע האפמאן איז א יינגל פון א יאר 14—15. ער איז געקומען לערנען פון פארטשעוו, וואס איז ערגעץ אונטער לוקאוו און וואס ליגט אויף דער ליניע ווארשע־בריסק. ער טראגט לאנגע הויזן, א געהאקטע צייגענע קאפאטע, א יידיש פירקאנטיק היטל, — דאס מאכט אים „פּאָוואַזשנע". ער זעט אויס פון א יאר 16 — 17. ער איז א פיפיקער בחור. 6 זלאטעס א וואך אויף די זאמענהאף אין א געוועלבל פון קאפעלושן, האט אים נישט געשמעקט. אין א געשעפט פון דאמען־טאשן אויף דער עלעקטאראלנע, צאלט מען 8 זלאטעס. און אזוי ווי אויף די נאוויניארסקע צאלט מען מער, — נעמט ער דארט אן דעם פאסטן. דאס איז א פלאץ אין וועלכן עס געפינט זיך א עלעקטרישער טשייניק, אין וועלכן מען קאן מאכן טיי אדער קאווע אין געציילטע מינוטן. דאס הייסט געלעבט !...

— פיניע וועט אין ווארשע נישט פארלוירן גיין, — זאגט צו אים הער סעגאלאוויטש, דער באלעבאס פון געשעפט.

צאלעל פון מיעכאוו שלאפט אין א שיך־געשעפט אויף לעשנע, קעגנאיבער דעם קאשטשאל. ווען ער דארף אהיימפארן אויף פסח, זאגט צו אים דער באלעבאס:

— צאלקע, אויב דו ווילסט היטן דיין פלאץ צום שלאפן, דארפסטו מיר שאפן א צווייט יינגל, א „זאסטעמפצע"[1] ווייל איך קאן נישט איבערלאזן דאס געשעפט אויף הפקר, טאמער נישט, נעם איך באלד צו אן אנדערן...

צאלקע האט אים אויסגעזוכט א יינגל, זיינס א חבר, חיים־דוד, א יינגל פון א יאר 15, וואס זעט אויס נישט מער ווי צוועלף, א קליין, שווארץ, שוואך דאר יינגעלע, אביסל א פחדן. דער באלעבאס קוקט אים אן:

— ער וועט מורא האבן צו בלייבן אליין... ער געפעלט מיר נישט...

— איר ווייסט, פון וועמען ער שטאמט?... — זאגט צאלקע צום הער סעגאלאוויטש. — זיין זיידע, פון דער מאמעס צד איז געווען רב אין אָכאָטע און דער צווייטער זיידע, האט געהאט אייגענע צעגיעלניעס... נאר די עלטערן זיינע זענען געווארן „פאדופאדניעט"[2]... ער איז זייער אן ארנטלעך יינגל, מען קאן זיך אויף אים פארלאזן...

דער באלעבאס שאקלט צו מיטן קאפ.

חיים־דוד באקומט א שליסל פון געשעפט.

— איין לעמפל ברענט א גאנצע נאכט. ועסט זיך שוין צוגעוווינען צו שלאפן ביי די ליכט. טאמער הערסטו רירן ביים פרענט, זאלסטו באלד צוגיין צום טעלעפאן און זיך מאכן טעלעפאנירן צו פאליציי... ווען די גנבים וועלן אנהויבן צו גראבלען ביי די שלעסער, קאנסטו גלייך טעלעפאנירן אין 3־טן צערקל אריין.

דאס געשעפט געפינט זיך פונקט אקעגנאיבער דעם

קאשטשאל. די ערשטע נאכט וואס חיים־דוד איז דארט געשלאפן, איז געווען די סדר־נאכט. ער האט נישט געקאנט איינשלאפן. יעדע שעה הערט ער ווי דער גלאק קלינגט אויס די צייט.

— „אך און ווי צו מיר, אז איך דארף הערן כסדר דעם גלאק פון דער טומאה", און פאר זיינע אויגן שטייען די שווארצע „טרומנעס" וואס מען פירט אריין און ארויס פון קלויסטער. עס פאלט אויף אים אן אן אימה... וואס זאל ער טאן, אז די היים זיינע איז אן ארעמע און די נויט איז גרויס און ער, חיים־דוד, דאס איינציקע קינד פון זיינע עלטערן מוז אזוי פארשווארצט ווערן, שלאפן און היטן א געשעפט, אז גנבים זאלן נישט אריינכאפן.

— „איך ווייס דאך יא דעם אמת, אז טאמער כאפן זיי זיך יא אריין קאן איך העלפן נישט מער ווי א טויטער..."

אויף די ווארשעווער גאסן טרעפן מיר בחורים, וואס לויט זייערע מלבושים קאן מען באלד דערקענען פון וואנען זיי זענען. אייניקע טראגן צייגענע כאלאטלעך אדער א געהאקטע קאפאטקע, אנדערע ווידער פויערישע שטיוול און גאר אנדערע פיינע לעטשלעך און אויף זיי „באַטאַ"־קאלאשן. ווען זיי אפשטאם און עשירות זאגט עדות דאס היטל וואס ער טראגט. פאראן אויך אזעלכע, וואס טראגן א שניפסל אדער גאר א בינדע.

שבת גייען זיי אויף דזשעלנע 7. דארט טרעט אויף דער באוווסטער פרעדיקער, פירער פון „מזרחי", הרב יצחק ניסענבוים.

ישיבה־יינגלעך זיצן אויך ביי א קראנקן — אָן געלט און פאר געלט. א גליקלעכער איז דער, וואס האט א שטיקל משפחה, וואס איז אים גרייט צו לאזן שלאפן

אויף א קאנאפקע. אלץ בעסער װי שלאפן אין א געשעפט מיט אזױפיל מורא און פאראנטװארטלעכקייט...

שפעט ביינאכט קאן מען באמערקן װי א בחור זיצט אין א געשעפט און אויף א טאבורעטקע ליגט א גמרא — ער לערנט, ער חזר׳ט די סוגיא, אדער ער קאכט זיך אויף א גלעזל טיי אויפן אײװעלע. װי האבן אונדזערע חכמים געזאגט: — „כך דרכה של תורה, פת במלח תאכל"... — דאס איז דער דרך פון דער תורה: ברויט מיט זאלץ זאלסטו עסן און אויף דער ערד זאלסטו שלאפן...

די „טויגלעכע בחורים געפינען זיך זייער פלאץ. איז ער א שיינער, א געלונגענער, — רעדט דער סוחר, דער געשעפטסמאן אים א שידוך, אדער ער אליין נעמט אים פאר אן איידעם; אנדערע, לא יוצלחים, ליידן זיך גאנץ גוט אן. בייטאג קװעטשט ער די באנק און ביינאכט קװעטשט ער זיך אפ די ביינער אויפן צעבראכענעם בעטל און דעקט זיך צו מיט א צעריסענער קאלדרע אינעם קאלטן געװעלב און נישט איינמאל לייגט ער זיך שלאפן אן א װעטשערע...

„כך דרכה של תורה — פת במלח תאכל"...

---

1) א פארטרעטער

2) א יורד

אויפן פינפטן שטאק אין א קעלער־שטוב

ביי אונדז אין ווארשע איז ארומגעגאנגען א ווערטל „אויפן פינפטן שטאק אין א קעלער־שטוב". דאס איז נישט קיין שפאס. דאס האב איך אליין געזען. א קאלטער פינצטערער קעלער, וווּ מען האט געלעבט, געבוירן קינדער און זיי דערצויגן.

אין א פראסטן זונטיק בין איך אהיימגעגאנגען פון חדר אויף מיטאג צוזאמען מיט מיין חבר לייזא (אליעזר). ער האט מיר געבעטן איך זאל גיין צו אים אהיים. ער וויל מיר ווייזן דעם „פאלאנט" און די „קליפע" וואס ער האט אליין געמאכט. איך בין מיט אים געגאנגען. און פארוואס נישט?... מיר זענען דאך חברים. און איך בין קיינמאל ביי אים נישט געווען.

מיר קומען אן צו א גרויס הויז אויף דזשעלנע־גאס. מיר גייען אריין אין צווייטן הויף, נאכהער אין ערשטן הויז־פארטער. ער בעט מיך, איך זאל אראפגיין מיט אים, — ער וווינט אונטן. מיר גייען אראפ אויף די געדרייטע שטיגן, — מען איז שוין אונטן...

א קעלער. אויף די ווענט ברייטע רערן, — קאנאליזאציע־רערן. פוןביידע זייטן קעלער — קאמערן און קעמערלעך אריינצולייגן האלץ, קוילן, קארטאפל פולקאָשקעס אויף סוכות און נאך אנדערע זאכן. א קליין נאפט־לעמפל ברענט אין קארידאר פון קעלער און בשעת מען גייט אדורך דארף מען טאפן די ווענט און מען דארף גוט אכטונג געבן אז מען זאל נישט צעקלאפן דעם קאפ פון א רער אדער

פון א וואַנט אָדער פון אַ דראַנג וואָס ליגט אויסגעלייגט אין דער ברייט פונעם קאָרידאָר.

מיר גייען פאַמעלעך דורכן קאָרידאָר. ביי איין קאַמער זאָגט צו מיר לייזאַ: — דאַ. — וואָס דאַ? — פרעג איך דערשראָקן.

— דאַ ווינאַד...

ער עפנט אויף אַ הילצערנע פורטקע און זאָגט: — קים אַראַן...

איך בלייב שטיין, — איך האָב מורא אַריינצוגיין.

— אַנישט קיין מורא...

ער נעמט מיך אָן ביי דער האַנט און פירט מיך. כ׳בין אינעווייניק.

— קים וואַטאַ...

— וו זאָל איך גיין? איך זע דאָך גאָרנישט...

— פאַרמאַך די אויגן און צייל ביז צען...

איך צייל: איינס, צוויי, דריי, — איך זע נישט! צייל נאָכמאָל! — איך צייל — עס העלפט נישט. — צייל ביז פופציק! — איך האַלט שוין ביי פופציק און הויב אָן עפּעס באַמערקן. וואָס זע איך?

איך געפין זיך אין אַ געוועלבער קאַמער, אָן אַ פענצטער, אין דערהויך ביים סופיט אַ קליין פענצטערל ווי אין אַ טורמע, און אַ שיין רייסט זיך דורך קוים־קוים... אין ווינקל שטייט אַ צעבראָכן קרעדענצל און אין דער הייך אַ קאַגאַניקל וואָס איז געמאַכט פון אַ טינטער מיט אַ קליין קנעטל פון אַ שטיקל וואַטע.

איך טראַכט זיך נאָר: — רבונו של עולם! וו בין איך דאָ אַריינגעפאַלן? וויאַזוי וועל איך דערלעבן לעבעדיקערהייט אַרויסצוגיין פון דאַנען?...

נישט ווייט פון קרעדענצל שטייט אן אייזערן וויגל און אין וויגל שלאפט א קינד. ווען די אויגן מיינע האבן זיך מער צוגעוווינט צו דער טונקלהייט, האב איך דערזען, אז לייזערס מאמע שטייט און וועלגערט א בלעטל טייג. עס שטייט אן אייוועלע מיט א רער — די רער איז אנגעגליט. לייזער דערנענטערט זיך צו דער רער און ברענט אן שמעקעדיק פאריזער פאפיר לכבוד דעם אורח, עס זאל שמעקן אין שטוב. ער הייסט מיך זעצן. ער רוקט צו אן אייזערן בענקל וואס דאס געזעס איז געמאכט פון צוויי טיילן האלץ — דאס האלץ קאן מען ארײנלייגן און ארויסנעמען. ער נעמט עטלעכע קארטאפל, לייגט זיי אריין אין אייוועלע — אין א פאר מינוט ארום נעמט ער זיי ארויס און איז מיך מכבד.

דעם אמת געזאגט מיאוס איך זיך צו עסן, אבער איך דערמאן זיך באלד וואס די מאמע האט מיך געלערנט: — אז מען טאר נישט יענעם פארשעמען ובלית ברירה נעם איך א קארטאפל און עס אים אויף מיט די שאלן. בשעת מעשה פארשעלט איך זיך די יארן: — פארוואס האב איך געדארפט מיטגיין מיט לייזערן?... כ'האב דאך געקאנט גיין גלייך אהיים. און עס דערוועקט זיך אין מיר א גרויס רחמנות: — אזוי לעבן מענטשן אין ווארשע... און איך טראכט, אז מען וואלט געקאנט אויסלעבן די יארן און נישט וויסן, אז עס זענען פאראן משפחות וואס לעבן אין א קאמער וו איך וואלט א הונט נישט אריינגעטריבן...

און ווען איך בין ארויס פון דעם פינצטערן קעלער האט מיך פארפאלגט א געדאנק: — ווארשע של מעלה, ווארשע של מטה און אפשר נאך נידעריקער...

חסד׳לעך און חסד של אמת

דאס ווארט „חסד של אמת״ ווארפט אן אויפן מענטש א פחד, אן אימה — עס שמעקט מיט טויט. אבער לאמיר זיך נישט שרעקן. ווי זאגט דאס פאלקס־ווערטל: „ווייל די באבע איז געשטארבן אין בעט, וועל איך זיך מער קיינמאל נישט לייגן אין בעט אריין?...

חסד של אמת מיינען מיר נישט די חברא קדישא. דאס איז אן אינסטיטוציע וואס איז געווען טעטיק אין ווארשע, אן אינסטיטוציע מיט דער דערלויבעניש פון ווארשעווער הויפט־פראקוראר, וואס האט דעם ציל אפצוראטעווען יידן פון פאלמעסן.

ווער זענען די מיטגלידער פון „חסד של אמת״? וואס איז זייער פליכט? וואס האבן זיי דערפון?

יעדער איינער, וואס שטארבט אין שפיטאל, ווערט גלייך געפירט אויפן טיש צום מעסער, עס איז גוט באקאנט, אז לויטן יידישן דין איז פאלמעסן שטרענג פארבאטן. טאמער איז חס וחלילה געשטארבן א קרוב, א משפחה, האט מען געהיטן, מען איז געשלאפן אין שפיטאל, געשטאנען אויף דער וואך, — אבי נישט צו דערלאזן צו חילול המת. די שפיטאל־מאכט איז אבער קליגער פון זיי, שטארקער פון זיי און דער מענטש געפינט זיך ביי זיי אין די הענט כחומר ביד היוצר... איידער מען איז מודיע דער פאמיליע אז דאס אומגליק איז געשען, טוען זיי מיט „אים״ — „דאס וואס מען דארף״ און ווען די משפחה קומט איז שוין נאך אלעמען. מען מאכט היסטערישע געוואלדן, יללות,

אבער דאס קאן שוין העלפן ווי א טויטן בייַנקעס.

הער דאווידאוויטש איז א דירעקטאר פון א באנק. ער איז נישט קיין פרומער, ער ווייס נישט פון קיין יידישקייט, — נאר פאלמעסן מיין שווער, — זאגט ער, — א ייד א בן תורה, א מגיד שעור אין חברה ש״ס אין נאָזשיקס שול דאס איז א פארברעכן. מיין טאָפטשע וועט דאס נישט אויסהאלטן, זי וועט דאס נישט איבערטראגן...

אז דער טאטעשי איז געשטארבן פון דער „קרענק״, פון וועלכער מען קאן נישט ארויס, — קאן מען גארנישט טאן. קאן מען זיך גארנישט העלפן... פארוואס האט מען זיך נישט צוגעהערט ווי זאשע האט זיך געבעטן:

— גיט אים נישט אריין אין שפיטאל אריין, מען ווייסט דאך די לאגע זיינע — איבעריקנס, איז ער דאך שוין נישט קיין יונגערמאן, א ייד איבער די אכציק... וואס ליידט אויף „יענע קרענק״... צו וואסזשע דארף מען אים פירן אין שפיטאל אריין? אין שטוב היט מען אים דאך אפ ווי אן אויג אין קאפ. כ׳הא־מאך געבעטן רחמים, כ׳הא־מאך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, — מ׳האט מאך נישט געוואלט פאלגן.

די משפחה שטייט אויפן הויף פון שפיטאל נעבן קיל־שטיבל, פארשטאפט און פארשטיינערט.

— טאטעשי־! טאטעשי! — שרייט די עלסטע טאכטער טאפטשע. — דער טאטעשי, אזא צדיק, איז אריינגעפאלן צו די „שוחטים״! — און זי צעוויינט זיך מיט א יאמערלעך געוויין.

ווארשעווער יידן האבן באשלאסן צו שטעלן א ווידער שטאנד, קעמפן קעגן דער מאכט און קעגן דער מאכט פון די שפיטעלער.

הער יוסף פינקערט איז א יונגערמאן קרוב צו דרייסיק. ער נעמט זיך אונטער צו פירן די אקציע. מען דארף קעמפן מיט אלע כוחות און השם יתברך וועט צוהעלפן.

הער פינקערט איז א גאנץ שיינער יינגערמאן. פון א רייכער, רעליגיעזער, אריסטאקראטישער היים. ער טראגט א נייער, מאדערנער אנצוג. אן אויבערהעמד מיט א שטייפן קאלנער און שטייפע מאנקעטן, מיט צוויי בלאסקעדיקע גאלדענע ספינקעס, לאקירטע לעטשעלעך, גלאט פארקעמט די האר. קיין הוט טראגט ער נישט. ווען ער געפינט זי ביי זיך אין ביורא, טראגט ער א גרויס רונדיק קאַפל ווי דער מנהג איז ביי די ליטוואקעס.

ער ארגאניזירט א נייע חברה וואס דארף ראטעווען מענטשן פון פאלמעסן נאכן טויט.

אין די סוחרים־קרייזן אדער ביי די חסידים געפינט ער נישט קיין סימפאטיקער פאר די זאך. ווענדעט ער זיך צו עמך.

ווער געהערט צו פינקערט׳ס אינסטיטוציע „חסד של אמת״? פריזירערס, פלייצע־טרעגער, בייגל־בעקער, שוסטערס, פישערס; קצבים, ער גיט ארויס א מיטגלידס־קארטע אין צוויי שפראכן (העברעאיש און פויליש) „חסד של אמת״.

ער ווענדעט זיך אפיציעל צו דער מאכט, צום יוסטיץ־מיניסטער, וועלכער שיקט אים אפ צום הויפט־פראקוראר פון ווארשע, וואס צופעליק איז ער א ייד, — לאַזאַר קראַוויאַזש׳ס א זון.

דער פראקוראר (דער ייד) שרייבט אונטער א „דעקרעט״ אז א מיטגליד פון „חסד של אמת״ האט די זעלבע רעכט ווי א פאליציאנט. ווען עס פאלט אוועק א מענטש אין גאס איז ווער עס קומט צו פריער, צו דעם געהערט דער

נפטר. קומט דער פאַליציאַנט אַן שנעלער, קאַן שוין דאָס „חסדל״ גאָר נישט אויפטאָן. איז דאָס „חסדל״ פלינקער, גיט ער אַ כאַפּ אַרויס די לעגיטימאַציע אָדער דעם באַנד פון קעשענע און... דער נפטר איז זיינער... דער פאַליציאַנט טאָר שוין נישט צוגיין צום מת. ער האָט פאַרשפּילט. אַזוי ווערט געזאָגט בפירוש אין „דעקרעט״.

פינקערט איז געוואָרן אַ פּאָפּולערער ייד אין וואַרשע. ווען אַ מענטש פאַלט אַוועק אין גאַס קומט בליץ־שנעל אָן אַ „חסדל״. ער שטייט און היט. ביז עס קומט אָן דאָס קעטשל פון „חסד של אמת״.

ווען אַ ייד שטאַרבט אויף אַ זומער וווינונג, אויף דער „ליניע״ אין מיעדזעשין, מיכאַלין, שווידער אָדער אָטוואָצק, — איז מען באַלד מודיע פינקערטן — ער ווייס שוין וואָס צו טאָן.

הער קאַמיעניעצקי, דער באַוווּסטער פּוטער־סוחר פון די נאַוויניאַרסקי גאַס, איז פּלוצים געשטאָרבן ביי זאַלבערגן אין פּענסיאָנאַט אין אָטוואָצק, — טעלעפאָנירט מען גלייך נאָך פינקערטן. ער פאָרט אַרויס מיט אַ „טאַקסוווקע״, זעצט אַוועק אינעווייניק צוויי זיינע מיטהעלפער, עלעגאַנט געקליידעט, עס זאָל אויף זיי נישט פאַלן קיין חשד, ער נעמט דעם בר־מינן און זעצט אים אַריין אין דער מיט, ביידע באַגלייטערס רויכערן פּאַפּיראָסן; דעם טויטן שטעקט מען אַריין אַ ליולקע אין מויל, און מען פאָרט... ווען די טאַקסוווקע קומט אָן צו דער קערבעדזיאַ־בריק און דער פאַליציאַנט וויל מאַכן אַ קאָנטראָל, פאַרעדט אים פּינקערט די ציין, דער פאַליציאַנט סאַלוטירט און מען פאָרט ווייטער...

אויף פינקערטן קאָן מען זיך פאַרלאָזן. די שווערסטע

זאכן פירט ער אדורך ממש אונטער דער נאז פון דער פאליציי.

אט איז א ייד אוועקגעפאלן און „שוין״... א פאליציאנט האט פון דער ווייטנס באמערקט, אז עפעס האט פאסירט, האט ער אנגעהויבן צו לויפן. מאניעק איז ארויס פון דער רעזורע — דער פאליציאנט קומט אן — איר האט פארשפעטיקט, — פאניע פאליציאנט — זאגט צו אים דאס „חסדל״... איר האט פארשפעטיקט!...

אויפן פשעיאזד, אויף די באניפראטן, אויף די דזיקע, — אין גאנץ ווארשע, זענען זיי געשטאנען אויף דער וואך — די „חסדלעך״.

פינקערט האט באשלאסן, אז מען דארף זיי פאר זייער געטרייער ארבעט מיט עפעס פארגיטיקן, שטיצן זיי, זיי זאלן ווערן „מענטשן״. און ביסלעכווייז פארוואַרפן זיי זייערע „אלטע פאכן״...

דאס איז א צייט, פון אפמאך צווישן פוילן און ארץ־ישראל. פוילן עקספארטירט קיין פאלעסטינע פוטער, אייער און ארץ ישראל שיקט פאמעראנצן. ווער האט ביזן אפמאך זיך געקאנט פארגינען עסן א פאמעראנץ? נאר דער וואס איז ארויס פון א שווערער קרענק, — נאך א טיפוס אדער נאך א לונגען־אנצינדונג. נייע צייטן זענען אויפגעקומען אין פוילן. מען קאן קריגן פאמעראנצן אויף די וואג. פאר א זלאטע, א זלאטע־צוואנציק, — קאנסטו קויפן א גאנצן קילא פאמעראנצן אויף וועלכן עס איז ארויפגעלייגט א סטעמפל מיט לאטיינישע אותיות „יאפפא״.

די „פארדינסטפולע״ „חסדלעך״ באקומען דערלויבענישן צו שטיין אין גאס מיט וועגעלעך, פראנק און פריי, און צו פארקויפן פאמעראנצן און אנדערע סעזאן־ארטיקלען. ווינטער פארקויפן זיי שילאוועקס אדער כאַלווע און זומער

טרוסקאַווקעס, קארשן, יאגדעס, מאלינעס אדער „לאָדעס״ און סאדע־וואסער מיט סאק. זיי זענען אוועק פון זייערע פריערדיקע פאכן און זיך ארייגעלאזט אין „מסחר״. זיי שטייען און פארקויפן און דארפן נישט אנטלויפן פאר קיין פאליציאנט.

מיר האבן זיך אזוי פארגאלאפירט אין אונדזער דערציילונג אז מיר האבן אינגאנצן פארגעסן וואס איז אייגנטלעך געווען דער ציל, די אויפגאבע פון דער אינסטיטוציע „חסד של אמת״, — ראטעווען טויטע יידן זיי זאלן חלילה נישט געפאלמעסט ווערן...

מאַניש קולאס[1]

אין יאַרישעווסקעס הויף, האט אונדזער מאניש געהאט א שטעל פון שיך און שטעק־שיך. ער האט געהאנדלט מיט פארשידענע שטעק־שיך: פאנטאפל, באמבאשעס פון אלע סארטן און קאלירן; ער האט אויך פארקויפט קאלאשן, דאמען־שניעגאווצעס[2], קינדער־שיכלעך, קליינע שטיוועלעך, גימנאסטיק־שיך און נאך. מיט גרויס ליבע דערלאנגט ער א מוטער, די ערשטע פאר שיכלעך פאר איר קינד.

אין דרויסן האט ער געהאט די שטעל און אינעווייניק, אין „געשעפט", וואס איז גרויס דלת אויף דלת, האט ער געהאלטן די סחורה. אין דער הויך — אויף דער גאלעריע, האט ער געוווינט. דארט שטייען די בעטן, און ביינאכט צום שלאפן, בעט מען אויך אויס אויף דער ערד. מען לייגט אוועק א שעניק און ס'איז שוין דא א געלעגער פאר די צוויי קלענערע קינדער וועלוועלע און כאסקעלע. אונטן, אין „געשעפט", ווערן אויפגעשטעלט צוויי לעזשאקעס — דא שלאפן מאניש'ס צוויי טעכטערלעך: דאס 13־יעריקע הדס'ל, וועלכע האט צוויי פרעכטיקע בלאנדע צעפעלעך, און די עלטסטע טאכטער, די 15־יאריקע חוהלע, וועלכע לערנט אלס בוכהאלטערקע אין „שקאלא האנדלאווא".[3] אט אזוי לעבט מען און מען איז צופרידן.

ביי מאנישן ווערט נאכט גאנץ שפעט. נאכן פארמאכן דאס געשעפט ווערט די סחורה סאַרטירט, מען מאכט חשבונות. ביי מאנישן איז אן אפענע טיר. טראץ דער ענגשאפט גייען די ידידים זיינע אריין און ארויס. שבת

צו נאכט שפילט מען דא דאמינע ביז שפעט ביינאכט. זיין ווייבל מינקעלע דערלאנגט צום טיש פרישע לאטקעס מיט קאכעדיקע טיי. ווען אין דרויסן קנאקט א פראסט, הערשט ביי מאנישן א ליבע ווארעמקייט. דאס אייוועלע איז שטענדיק אנגעגליט. דאס פריינטלעכע אויפנעמען געסט פון דער באלעבאסטע זאל זיין געזונט, ציט צו ידידים.

אט זענען זיינע איינגייערס: הער דאניעלעוויטש, וואס האט א ביורא צו שרייבן בקשות אויפן פזשעיאזד, הער שפייזמאן, דער גרויסער פוטער־סוחר פון דער נאווי־ניארסקע גאס. מען קאן ביי אים טרעפן פיניע דעם שוחט, א פאריסאווער חסיד, ווען ער גייט פארביי מוז ער אפטרעטן ביי מאנישן.

מאַניש וואס לאָמט אויף א פוס און האנדלט מיט שיך, פירט א יידיש הויז. די קינדער זיינע גייען אויך אין זיינע דרכים. דער עלסטער זון, אשר, איז שוין א ביסל „נחמץ" געווארן. ער לייענט שוין מאדערנע ביכער: פרישמאן, פרץ, שלום אש... אבער ער איז, חס וחלילה, נישט אראפ פון וועג. נישט נאר ער לייגט יעדן טאג תפילין — ער האט נאך נישט פארפעלט קיין מנחה־מעריב. ער שערט זיך נאר מיט א שערל, ער ראזירט זיך נישט, חס וחלילה, מיט א מעסער...

מאַניש מיט מינקעלע זענען אויך טעטיק אין פארשידענע אינסטיטוציעס. מאניש איז א מיטגליד אין ביקור חולים. ער אליין, — טראץ דעם, וואס ס'איז אים שווער צו גיין און טאנצט צו אויף איין פיסל, וואכט ער א צוויי מאל אין חודש ביי א קראנקן אין דער היים, אדער אין טשיסטע־שפיטאל. מינקעלע באטייליקט זיך אין דער ארבעט פון הכנסת כלה, וואס אין שפיץ פון איר

ווארשע של מטה

שטייט מאדאם שטיקגאלד, די פרוי פונעם דאזאר ה׳ יצחק שטיקגאלד. מינקעלע זאמלט געלט ביי אירע רייכע, פארמעגלעכע קונדן און פון צייט צו צייט טראגט זי אוועק אין הכנסת כלה א שיינע פאר הונדערט גילדן. בקיצור, דאס איז אלה תולדות מאניש מיט זיין פרוי מינקעלע... פון די טויזנטער יידישע עמך־פאמיליעס אין ווארשע.

1) דאמען באָטן

2) האנדלס שולע

אהרן דער קלעזמער

איינמיטן פון ערשטן באזאר, צווישן די שטעלן וועלכע פארקויפן זומער „לאַדעס״ (אייז קרעם) און ווינטער הייסע געבראטענע עפּעלעך, קעגאיבער די טריפהנע יאטקעס איז פאראן א קליינער ליידיקער פלאץ. איינמאל אין וואך, מערסנטנטייל זונטיק, זעצן זיך דארט אוועק די צוויי באקאנטע קלעזמארים. איינער פון זיי אהרן, — ער איז דער זינגער, ער פארפאסט די ווערטער מיט דער מעלאדיע. די דאזיקע לידער גיט ער ארויס אין דרוק און פארקויפט זיי פאר 10 גראשן א בראשורל.

דער שותף זיינער איז א האלב־בלינדער, א הויכער און ברייטער. שטענדיק האלט ער די אויגן פארמאכט. ער גייט ריין געקליידעט.

אהרן איז א הויכער, א דארער. דער שטערן איז ביי אים אייביק פארבאנדאזשירט. אהרן זינגט און דער בלינדער, הויכער און ברייטער שפילט צו אויף דער הארמאניע.

וואס זינגען זיי? לידער, פון אקטועלן לעבן. פון אמתע פאלן, וועלכע האבן פאסירט אין גרויס־ווארשע. פאסירט א גוטע זאך פאר יידן, פארפאסט ער א פריילעכע מעלאדיע, און חס וחלילה א שלעכטע, — שאפט ער א טרויעריקע מעלאדיע. אָפט מאל ווען אהרן הייבט צו זינגען, וויינט דער עולם מיט אים מיט.

ווען עס האט פאסירט דאס שוידערלעכע אומגליק ווען א מאמע מיט אירע פיר קינדער זענען לא עלינו,

נישט היינט געדאכט, לעבעדיקערהייט פארברענט געווארן, האט ער ארויסגעגעבן א ביכל: „פארברענט געווארן א מאמע מיט פיר קינדער אויף די דזשעלנע גאס". אהרן זינגט און זיין חבר באגלייט אים מיט א יאמערלעכער מוזיק. דאס קרענצל ארום זיי ווערט וואס אמאל גרעסער. ווען דער „רעוויראָווע"[1] פון 3־טן צערקל גייט פארביי און וויל צעטרייבן דעם עולם, דערציילט מען אים און מען פארטייטשט אים, וואס מען זינגט איצט, בלייבט ער שטיין ווי געליימט, צלמ'ט זיך איבער לזכר דער מאמע מיט אירע פיר קליינע קינדער...

זיי די קלעזמארעם האבן אליין נישט געוווסט, אז זיי זינגען פאלקס־באלאדן...

דאס בראשורל וועגן דער מאמע מיט אירע פארברענטע קינדער ווערט זייער גוט פארקויפט. כמעט יעדער איינער וואס גייט פארביי קויפט אזא ביכעלע אויף וועלכן עס איז אָפפאָטאגראפירט די מאמע מיט די קינדער וועלכע זענען אזוי טראגיש אומגעקומען בשעת דער מאן און פאטער האט אויסגעארבעט קעמלעך ביי א נאפט־מאשינקע. דער מאטעריאל האט זיך אנגעצונדן — ער אליין האט זיך געראטעוועט, אבער ער איז אראפ פון זינען. מען האט אים אוועקגעפירט אין משוגעים־הויז אויף די „באָניפראטן"...

אזוי זינגען זיי א גאנצן טאג ביז שפעט אין דער נאכט די טרויעריקע באלאדע וועגן דער מאמע מיט אירע קינדער, וואס זענען אזוי טראגיש אומגעקומען, פארדינענדיק דערביי א פאר גראשן פון דעם זינגען און פון פארקויפן די הארצרייסנדיקע און פריילעכע בראָשורן...

1) ראיאָן־פּאָליציאַנט

גוט שבת יידעלעך, גוט שבת!...

„גוט שבת" איז די ברכה מיט וועלכער יעדער ייד באגריסט דעם אנדערן ווען ער גייט ארויס פרייטיקצו־נאכטס פון שול. אויך די מאמעשי זאגט דאס צום טאטעשי און צו די קינדערלעך, נאך ליכט־בענטשן. „גוט שבת", אדער ווי עס ווערט געזאגט אין ווארשע, „גיט שאבעס", איז אויך א יידישע אינסטיטוציע, וואס עקזיסטירט פון איין שבת ביזן צווייטן. די אינסטיטוציע באשטייט פון פרייוויליקע יונגע לייט און עלטערע מענטשן, וואס האבן אויף זיך גענומען א פליכט צו שטיצן געפאלענע, הונגעריקע מיילער, וועלכע בלייבן לא עלינו, אָן אביסל געקעכטס אדער אן א פיצל חלה אויף שבת.

אין דער רייכער ווארשע זענען פאראן פאמיליעס וועלכע בלייבן שבת אדער יום־טוב אן פיש, אָן פלייש אדער אָן א קידוש... אין דער זעלבער צייט זיצט אן אנדער טייל פון דער יידישער באפעלקערונג ביים מלכותדיקן טיש. אויפן טיש די זילבערנע לייכטערס מיטן ווייסן בלאנקעדיקן סערוועטענעם טישטעך, מיטו שיינעם, אויסגעהאפטענעם חלה־טישטעכל, מיט דער פרעכטיקער, קאראפקע מיט וויין, זילבערנע לעפל־גאפל־מעסער, מיט די געפינקעוועטע גלעזעלעך... דער טאטעשי מאכט קידוש, אלע שטייען, נאכהער וואשט מען זיך „שאו ידיכם". ווי גליקלעך איז די דאזיקע משפחה. צום טיש ווערן דערלאנגט די געהאקטע פיש, לאקשן־מיט־יויך, די פיינע צוקער־באָבעס, דערנאך ווערט ארויפגעשטעלט א געבראָטן גענדזל, מערן־צימעס, און צום סוף „קנוח לסעודה" — קאמפאט פון געטרוקנטן אויבסט.

דאס געזאנג פון די זמירות — „כל מקדש", „י־ה

רבון", צעטראַגט זיך איבער דער גאַנצער גאַס. אין שטוב איז ליכטיק, וואַרעם, אין הארץ איז פריילעך...

אין דער זעלבער צייט געפינען זיך הונדערטער משפחות וועלכע האָבן נישט אויף שבת אדער אַנדערע, וועלכע בלייבן אויף שבת מיט א „ראַזעוואַנע" ברויט מיט א הערינג. דא הייבט זיך אָן די אַרבעט פון די „גוט שבת־יידעלעך". ס'נעמען זיך צונויף פאַרשידענע טיפּן יידן, — א ליטוואַק מיט א חסיד, אַן אייגנטימער פון א שיך געשעפט מיט אַן אַדמיניסטראַטאָר פון א הויז, א חזן שני מיט א ביר־שענקער, א הערינג־סוחר מיט א הורט־סוחר אויף די פּטאַשע־גאַס.

די שטאָט ווערט איינגעטיילט אין קוואַרטאַלן. זיי גייען פון סוף גענשע ביז די קאַרמעליצקע, פון די פּראָסטע דורך די טשעפּלע, ביז די ברייטע מילע א.א.וו.

שלאַמעק דוביצקי — דער אַפּטייקער פון זשעלאַזנע ראָג אַגאַדאַווע, איז א שותף מיט ר' איטשע לאָטע, דער הורט־מעל־סוחר פון גזשיבאַווסקע גאַס. זייער ראַיאָן איז: קאַרמעליצקע, סאָלנע, זשעלאַזנע, אָגראָדאָווע.

אויף די אַגראַדאָווע גאַס, ווען זיי ווילן אַריינגיין אין הויף אַריין קומט אַרויס דער סטרוזש, ער „פּאָזוואָליעט" נישט אַריינצוגיין — דער ווירט האָט אים אָנגעזאָגט, נישט אַריינצולאָזן די „זשידלאַקעס". שלאַמעק טרעט נישט אָפּ. ער לאָזט זיך נישט. ער קלאַפּט אין טויער אָן אויפהער. אָבער דער גוי רייצט אָן דעם בולדאָג זיינעם. מען גייט ווייטער.

— „אַלץ הענגט אָפּ אין מזל" — זאָגט ר' איטשע לאָטע — „דעם צווייטן שבת מעטשעם וועלן מיר „נעמען" די טוואַרדע גאַס. דאָרט וועט מען נישט פּאַקן אַזאַ כלב".

ר׳ אלחנן פינסקער, — א ליטוואק, א בעל־הבית פון פיר ווילעס אין מיעדזעשין, אויף דער „ליניע״, — קורץ געקליידעט, ווי א ליטוואק, — דערמאנט זיך, אז היינט שבת „ויחי״ דארף ער צוזאמען מיט מאניעקן פון דער גאָרקון אויף נאלעווקע 13 „גיין מיט קויש״. כאפט ער זיך אויף גאנץ פרי און לויפט דאווענען מיט השכמה אין רייכמאנס שול.

בעניעק בוימאוויטש, דער זון פונעם אייגנטימער פון דער גרויסער קאנדיטאריע, אויף גנאָינע גאס, — אים האט גאט צוגעשיקט ר׳ פסח בורשטיינס איידעם, — א יונגערמאן א תכשיט, א געענדיקטער פון דער „מתיבתא״ און גלייכצייטיק א גאנץ „שמיאלער״[1] יאט. ווען זיי גייען נאר אריין אין די ערשטע דריי הייזער, פון טווארדע 12 ביז נר. 16, ווערט זייער קויש פול.

יעדע פאמיליע שפענדעט לויט אירע כוחות. אנדערע מער פון די כוחות... אט ווינט אויף דער קארמעליצקע גאס, נאָענט צום עוואנגעלישן שפיטאל, אן אסימילאטארישע משפחה. זיי ברענגען אראפ (צו זיי גייט מען נישט ארויף) יעדן שבת א פעקל מאנישעוויטשעס מצות און א פארמאכטן סלאָיק פאָווידלע.

באלטשע, — די זייגערמאכערין, פון צווייטן הויף פון נאוואליפיע 40, ווען זי הערט רופן „גוט שבת״, — אין ערשטן הויף, רופט זי באלד איר 10־יאריק בלימעלע; — נא מאמעשי, טראג אראפ, זיי אזוי גוט, צוויי צוקער־חלה׳לעך מיט עטלעכע אייער־קיכלעך און דערצו א קילא „מאנטשקע״[2]... בלימעלע, גיב אכטונג זאלסט זיך, חס וחלילה, נישט אויסגליטשן אויפן שניי...

— גוט, מאמע, „יאך געב אכטינג, יאך וויס״...

די פולע קוישן ווערן אוועקגעטראגן אין לאקאל פון „תומכי עניים" אויף דזשעלנע גאס. דארט שפילט די הויפט־ראלע זיגמונט, דער עלטסטער זון פון דער בעקערין. ער טראגט א הויכן, ווייסן הוט, ווי די קוכערס. ער, מיט נאך עטלעכע געהילפן סאָרטירן די פראדוקטן. אין דעם לאקאל איז אויך פאראן א גרויסער עס־זאל פאר 150 פערזאן. דא ווערט סערווירט דער אמתדיקער שבת־טיש פאר ארעמעלייט און סתם היימלאזע.

זיגמונט האט צוויי געהילף־סארווערינס־רוזשקע פון פאלעניץ און מאַניע פון אָכאָטע. יונגע מיידלעך וועלכע ארבעטן אלס „סקלעפאוועס"[3] אין סאדעוואסער געוועלבלעך. שבת גייען זיי פריינוויליק העלפן די נויטבאדערפטיקע.

ארום עלף־האלב־צוועלף הויבן אן אנצוקומען די ארעמע פרויען מיט זייערע פארקאָפטשעטע טעפלעך.

— מומעשי, — פרעגט זיגמונט, — וויפל „קינדאָ" האבן זי?

— „פיאָ"...

— נאט אייך זעקס פארציעס און אָט־מאָ א גוטן שבת.

— „גיט שאבעס יידאַלאָך, גיט שאבעס, ווארפט אראפ פון 3־טן שטאק וואס איינער קאן, גיט שאבעס יידאַלאָך, גיט שאבעס"...

האט איר אמאל געהערט פון אזא אינסטיטוציע „גוט שבת יידעלעך"?...

1) דערלויבט

2) דרייסטער

3) מעל־צוקער

4) פארקויפערינס

אינהאַלט

אַ וואָרט וועגן מחבר
פאַרוואָרט 11
די פּאַפּיעראָסן־בודקעס 17
דער קאָמיסאַר 21
גנבים — פּאַסערס 26
הייסע בייגל 34
די וואָלעווקע 38
דער וועלאָדראָם 46
מוצאי יום הקדוש 49
די עלף טויערן 51
דער משוגענער 54
קאָסטעק 57
שעפּסעלע 59
הייסע טיי 64
דער דיאַלאָג 75
דער לעצטער מנין 79
יאַנוש קאָרטשאַק 83
מ׳פאָרט אויף דער באַן 87
וואַרשע באַקט מצות 97
די דייטשישע שול 101
פּעקלעך אויף פּסח 110
די טויטע חסידים 116
דער „זשאָפּקעוויצער" רבי 123
לשמע אל הרינה ואל התפילה 126
פּריוועס־שול 131
דער גערער בית המדרש 135
חדרים 139
דאָס געשעפט פון פעדערן 152
יאַנעק — דעם סטרוזש׳ס זון 156
קאַפּל־מוהל 158
פּנחס מיט די בנים 168
אונדזער עקספּרעס 170
סטאַווסקי באַפרייט 173
ישיבה־בחורים 178
אויפן 5־טן שטאָק 184
חסד׳לעך און חסד של אמת 187
מאָניש — קולאַס 193
אהרן דער קלעזמער 196
גוט שבת ייִדעלעך, גוט שבת! 198